STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01969

MAYN SHTETELE LENIN

Mordekhai Kravyets

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לזכר די קדושים
פון שטעטעלע לעניז

החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ, תל־אביב

החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ, תל־אביב

מרדכי קראַוויעץ

מיין שטעטעלע לענין

זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַנער

ישראל 1972

MEIN STAETELE LENIN

כל הזכויות שמורות
All rights reserved

1972

נדפס בישראל

אַ פּאָר ווערטער פון מחבר:

איך בין געבוירן אין יאָר 1887, דאָס הייסט, אַז איך האָב שוין אדורכגעמאכט עטלעכע מלחמות, אָבער די צווייטע וועלט־מלחמה, אין וועלכע עס זענען אומגעבראכט געוואָרן זעקס מיליאָן יידן, האָט מיר געגעבן א דראנג צו באַשרייבן דאָס, וואָס איך האָב געזען, געהערט און דערפילט אויף מיין אייגן לייב.

געוויס איז מיין בוך ווי א טראָפּן אין ים אין פארגלייך מיט די מיליאָנען־רציחות, וואָס זענען דאָן פאָרגעקומען איבערן יידישן פאָלק.

איך מיין, אַז קיין מענטשלעכער מוח איז נישט פעאיק צו באַנעמען דאָס, וואָס עס איז געשען אין יענער גרויל־צייט, וויפל עס איז שוין וועגן אָט דער מלחמה געשריבן געוואָרן און וויפל עס וועט נאָך וועגן איר ווערן געשריבן, דאָס אלץ איז נאָך נישט קיין פּראָצענט פון די פאקטישע געשעענישן.

ווען אונדזערע מאמעס, טאטעס, שוועסטער, ברידער און קינדער

וואלטן תחית־המתים אויפגעשטאנען און געקאנט דערציילן ווי אזוי זיי זענען פארפייניקט געווארן, ביז די נשמות זייערע זענען אויסגע־הויכט געווארן, ווי שרעקלעך וואלט געווען דער יאמער־געוויין, ווי גרויזאם וואלטן געווען זייערע רייד.

טאג און נאכט, אן אן אויפהער בין איך ווי אין א קאשמאר פון די מוראדיקע חלומות. אויסגעטרוקנט זענען געווארן מיינע אויגן פון דעם אומאויפהערלעכן וויינען און פארשטיינערט איז געווארן מיין הארץ און איך פרעג זיך זעלבסט: פארוואס? פאר וועלכע זינד?

איך בין איינער פון די איינצלנע לעבן־געבליבענע יידן. אן עלנדער מיט א צעבראכן הארץ האב איך אנגעצונדן א ליכטל, א נר־תמיד און דאס טאקע פארקערפערט דאס דאזיקע בוך.

דאס בוך איז נישט קיין קונסט־ווערק און פארמאגט אפשר נישט קיין ליטערארישע ווערטן. ס'איז איינפאך, כדי ארויפצורעדן זיך פון הארצן, פון אן עמך־ייד, א שניידער פון א קליין שטעטעלע אין אייראפע.

איך פארמאג נישט קיין שרייבערישע פעאיקייטן. ס'איז נישט פארפוצט און נישט קינסטלעריש. דעריבער בעט איך דעם חשובן לייענער: נישט צו לייגן קיין אכט אויף די ארטאגראפישע אדער סטיליסטישע פעלערן אין דאזיקן בוך.

מרדכי קראוויעץ

דער אָנהויב פון אומגליק

איך באַשרייב מיין לעבן פון דעם טאָג פון איבערפאַל פון די היטלעריסטן אויף רוסלאַנד (די צווייטע וועלט־מלחמה), ביז איך בין געקומען קיין ישראל.

מרדכי בן נפתלי קראַוויעץ פון מיין קליין שטעטעלע לענין, געשריבן אין 1962.

איך בין דאַן געווען דער לייטער פון קאָאָפּעראַטיוו. איך בין אויפגעשטאַנען באַגינען, כדי צו עפענען דעם קאָאָפּעראַטיוו. איך גיי אַרויס אין גאַס — שאַ, שטיל, ווי שטענדיק. איך האָב געעפנט דעם קאָאָפּעראַטיוו. אַלע אַרבעטער זענען געקומען צו דער אַרבעט ווי שטענדיק און איך בין אַוועק אין ראַיאָן־פּאַרוואַל־טונג (רייקאָם) פרעגן וועגן פאָרן נאָך פּינסק און אויך וועגן סחורה. איך האָב דאָרטן זיך אַ ביסל פאַרזוימט. נאָר־וואָס הער איך דורך ראַדיאָ, אַז מאָלאָטאָוו וועט באַלד רעדן פון מאָסקווע, איז מיר טאַקע געווען אינטערעסאַנט צו הערן.

יאָ! איך האָב זיך דערוואַרט. מאָלאָטאָוו הויבט אָן רעדן און גיט איבער, אז די דייטשן האָבן די נאַכט באָמבאַרדירט בריסק, קיעוו. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין מיינע אויגן. כ׳האָב זיך תיכף אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. רופט זיך אָן דער דירעקטאָר: „קראַוויעץ, זאָג דערווייל קיינעם נישט" און איך בין אַוועק.

איך בין געקומען אין קאָאָפּעראַטיוו. איך האָב זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן און כ׳האָב דערציילט יודלען שוסטער. ער איז געווען דער צושניידער. עס איז דורכגעגאַנגען נישט מער ווי אַ האַלבע שעה, בין איך אַרויס אין גאַס. דאָ איז שוין פריילעך, אַלע ווייסן פון דעם.

דער טאָג איז אַריבער מיט אַ ביסל טומל. פאַרנאַכט האָבן זיך שוין באַוויזן עטלעכע אויטאָס פון בריסק מיט פרויען און קינדער. מ׳האָט זיי געפרעגט, האָבן זיי דערציילט, ווי ס׳איז געווען. און דאַן האָט מען געוווּסט די ריכטיקייט.

דער כאַאָס אין שטעטעלע איז געוואָרן נאָך גרעסער, וואָס איך קאָן אַזויפיל נישט אַרויסשרייבן. עס איז געוואָרן נאַכט. אַלע האָבן זיך געפונען אין די הייזער.

אויפצומאָרגנס פרי בין איך אַרויס אין גאַס. דאָס גאַנצע שטעטל איז פול מיט אויטאָס און מענטשן פון בריסק, פינסק, לוליניעץ — אַלע האָבן געוואָלט אַריבער־גיין די גרענעץ; און די גרענעץ איז דאָך געווען אין אונדזער שטעטעלע. איז אָבער דער אָנפירער פון דער גרענעץ־וואָך געווען אַ שלעכטער (זיין טרייפענער נאָמען: אריסטאָוו) און ער האָט קיינעם נישט געלאָזט אַריבער. נאָר די, וואָס האָבן געהאט דערלויבענישן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, שוין צייט צו גיין עפענען דעם קאָאָ־פעראַטיוו. איך בין אַוועק צום קאָאָפעראַטיוו, קיינער פון די אַרבעטער איז נישט געקומען. איך האָב געוואַרט אַ שעה און כ׳בין אַוועק זוכן די אַרבעטער, אָבער קיינער וויל נישט גיין. בין איך אַוועק צום סעקרעטאַר און אים געפרעגט, צי זאָל איך עפענען דעם קאָאָפעראַטיוו אָדער נישט. האָט ער געמאַכט קולות: „געוויס דאַרף מען עפענען, צי רעכנסטו, אַז דער דייטש וועט קומען אַהער?" בין איך אַוועק צו אַלע אַרבעטער און זיי געזאָגט, האָבן זיי מיך געפאָלגט און אלע זענען געקומען צו דער ארבעט.

קיינער האָט נישט געאַרבעט. מיר זענען געזעסן און באַדויערט אונדזער לאַגע. דער קאָאָפעראַטיוו איז געווען ביי לייבל דעם מילעוויציער. עס איז געקומען די מיטאָג־צייט, זענען מיר אַרויס. נעבן דער גמינע זענען געווען פיל אויטאָס און פרעמדע מענטשן און זיי האָבן געפרעגט: ווו איז די גרענעץ?

איך געדענק נישט גענוי די דאַטע, וואָס דאַן איז געווען. אויפצומאָרגנס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אַפּיצירן מיט זעלנער; יעדע שעה אַלץ מער און מער. מ׳לויפט אַזוי ווי פאַרסמטע מייז. און דער קאָאָפעראַטיוו שלאָפט. איך האָב דאַן געוווינט נישט ווייט פון דער גמינע און דער סעקרעטאַר האָט געוווסט ווו איך וווין, איז ער געקומען צו לויפן צו מיר און גיט אַ געשריי: קראַוויעץ, פאַרוואָס האָלטסטו פאַרמאַכט דעם קאָאָפעראַטיוו? סאָלדאַטן גייען באַרוועס, אָפּגעריסענע און מען דאַרף זיי העלפן. כ׳האָב פאַרגעסן זיין נאָמען. כ׳געדענק נאָר, אַז ער איז געווען אַ פאָלאַק, נישט קיין שלעכטער מענטש. איך בין אַוועק

צו מיינע אַרבעטער און זיי אַלץ דערציילט, וואָס דער סעקרעטאַר האָט געבעטן. אַלע האָבן מיך געפּאָלגט און געקומען.

און אַזוי איז געווען. דער סאָלדאַט דאַרף זוילן און אָפּצאַסן, ביי דעם צווייטן די הויזן צעריסן. מיר האָבן אַלע געגעבן הילף. דערווייל פלעגן מיר כאַפּן אַ שמועס מיט זיי. פלעגן זיי זאָגן, אַז דער דייטש גייט פאָרויס און עס איז נישטאָ וווהין צו לויפן און זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו זאָגן, אַז יידן קוילעט מען אָן רחמנות.

נאָך איצט שרייבנדיק די דאָזיקע שורות געפינט זיך מיין עלטערער זון אברהמעלע אין ראַטנפאַרבאַנד אין לוליניעץ מיט זיין פרוי און זייערע פיר קינדערלעך. ער איז געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ. פיר חדשים פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט. זיין פרוי טאַניע איז געווען פון דעם שטעטל בודע־קאַשעלאָוו, נישט ווייט פון גאָמעל. זי איז אויך געווען אַ קאָמסאָמאָלקע.

ווען אַלע זענען אַוועקגעפאָרן, האָבן זיי זיך אויך געגרייט צום וועג. אַז זיי זענען געקומען צו דער גרענעץ, האָט מען אים נישט געלאָזן, מ'האָט אים געזאָגט: דו ביסט אַ מאַנספּאַרשוין, ווערסט נאָך באַוויזן אַוועק. איז ער געקומען צוריק, פאַרשטענדלעך, נישט קיין צופרידענער.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי, זע איך, אַז דאָס שטעטל איז שוין כמעט פוסט. פון פרעמדע אויטאָס לויפן זעלנער. רופט זיך אָן מיין פרוי עשקע רייזל: „וואָס וועט זיין? זאָל אונדזער זון אוועק, ווייל מ'וועט אים דאָ הרגענען; ער איז דאָך אַ קאָמסאָמאָלעץ. איך האָב זי גוט פאַרשטאַנען און איך בין אַוועקגע־לאָפן אין גאַס און אים געטראָפן. כ'האָב אים געזאָגט זיין מוטערס ווערטער.

ער האָט מיך געפאָלגט און געקומען מיט מיר אין שטוב. מען האָט אים צוזאַמענגעשטעלט אַ פעקעלע פון צוויי פאָר וועש מיט עפּעס עסן און איך האָב אים געגעבן צוויי הונדערט רובל אויפן וועג. ער האָט זיך געזעגנט אין שטוב מיט זיין מוטער, שוועסטער און ברידער אויף אייביק. כ'בין מיט אים אַוועק צו דער גרענעץ. דאָרטן האָט ער זיך געטראָפן מיט הערשקע מיגדאַלאָוויץ און חיים פאָדערסקי און זיי זענען אַריבער די גרענעץ.

איך גיי אַהיים. עס איז צוגעפאָרן אַ טעקסי, פון וועלכער ס'איז אַרויס אַ יונגערמאַן און פרעגט מיך: אַ ייד? יאָ. אפשר קאָנען מיר אַראָפּ צו אייך?

פרעג איך אים צוליב וואָס? שטעלט ער זיך אָפּ און גיט ווייטער אַן ענטפער מיר: איך האָב דאָ צוויי פּריצינעס. 1) איך האָב דאָ אין אויטאָ אַ פרוי, וואָס זי דאַרף געלעגן ווערן און 2) דער בענזין גייט מיר אויס. זאָג איך צו אים: ביטע זייער, איר האָט אַ צימער. האָט ער אויפגעעפנט דעם אויטאָ און איז אַרויס. אויך זיין פרוי מיט אירס אַ יינגערע שוועסטער. מיר האָבן זיי געגעבן אַ גוטן צימער, ווו מיין זון מיט זיין פרוי האָבן געוווינט און זיי זענען פאַרבליבן ביז צום אַריינמאַרשירן פון די דייטשן.



דעם מחברס עלטערן: נפתלי און שרה-גיטל ז״ל

איצט האָב איך זיך דערמאָנט, ווי דעם 22־טן יולי זענען צו מיר אַריין די חשובע לייט. איך זיץ אין שטוב. דער סעקרעטאַר רופט מיך אַרויס און דערציילט מיר אַ מעשה: „אַזוי ווי איך פאָר באַלד אַוועק, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר געבן אויף אַ פאָר שיך, אויף אַ פאָר שטיוול לעדער. זאָג איך צו אים: נעם אין גאַנצן. וואָס וועל איך דאָ טאָן מיט אַזויפיל גוטס. ענטפערט ער מיר, מיר וועלן אין צען טעג אַרום זיין צוריק.

גייענדיק צום קאָאָפּעראַטיוו, בין איך אַריין צו קיווען לאַטוכאַ. ער איז געווען דער בעל־הבית פון סקלאַד. כ׳האָב אים וועגן דעם דערציילט און איך ראַט אים, אַז ער זאָל בעטן ביי אים אַ באַשטעטיקונג, וואָס ער נעמט.

אַזוי איז געווען. מיר זענען געקומען צום קאָאָפּעראַטיוו. עס שטייט אַ טעקסי און דער ערשטער סעקרעטאַר וואַרט שוין. אַז קיווע האָט אים געגעבן אַלץ, וואָס מ׳דאַרף צו די שטיוול, רופט זיך אָן דער צווייטער סעקרעטאַר, אַז ער וויל אויך דאָס זעלבע. דער צווייטער האָט אויך באַקומען. איך ווינק צו קיווען, אַז ער זאָל בעטן אַ קבלה. איך זע, זיי קלייבן זיך שוין אַוועקגיין און מיין קיווע שווייגט, האָב איך זיי געזאָגט: עס וואָלט זיין גוט פאַר מיר, ווען איר גיט מיר אַ קבלה און אויך צולייגן דעם סטעמפּל. זייביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און דער ערשטער סעקרעטאַר רופט זיך אָן: „קראַוויעץ כיטרי". עס האָט זיי גאַרנישט געהאָלפן. זיי האָבן אויסגעפילט מיין פאַרלאַנג, געזעגנט זיך און גלייך אַוועק־געפאָרן. דאָס איז געווען דעם 25־טן יוני.

פאַרנאַכט דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געהערט, אַז מען שיסט. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין שטעטל. מ׳לויפט און מ׳האַלט אין איין רעדן, אַז מיר זענען פאַרפאַלענע. עס איז געקומען די נאַכט. שאַ, שטיל. אויפצומאָרגנס פרי, דעם 26־טן האָבן אָנגעהויבן גיין זעלנער מיט אָפיצירן. אַזוי ווי איך האָב געלעבט אין צענטער, פלעגן די סאָלדאַטן דורכגיין פאַרביי מיין שטוב און בעטן וואַסער אָדער אַ שטיקל ברויט און מיר האָבן קיינעם נישט אָפּגעזאָגט.

אין דער זעלבער צייט איז אַריין אַ יונגער מענטש און זאָגט מיר אַ גוט־מאָרגן. כ׳האָב אים געגעבן די האַנט און פרעג פון וואַנען איז אַ ייד? מיין פרוי עשקע רייזל האָט אים געפרעגט, צי ער וויל עסן. האָט ער געבעטן וואַסער אַ ביסל זיך אַרומוואַשן. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן און ער איז צוגעגאַנגען צום טיש זיך פאַרקעמען, האָט ער דערזען אויפן טיש מיין שנורס פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ רעמעלע. האָט ער אַ פרעג געטאָן, ווי קומט צו אייך דאָס בילד. זאָג איך אים, דאָס איז מיין שנור. ער איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ געשריי: דאָס איז מיין פלימעניצע. ביי מיר איז נאָך געווען אַ ביסל וואָדקע, האָט מען גלייך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש מיט צו־בייסן. ער האָט זיך זייער געאײַלט, ווייל ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון די

לעצטע סאָלדאַטן. ער האָט איבערגעגעבן און זיך געזעגנט מיט מיין משפחה און איך בין מיט אים אַוועק צו דער גרענעץ. נעבן דער גרענעץ איז נאָך אונטערגעקומען אַ טעקסי פון זיינע עלטערע אָפיצירן און מען האָט אים אַריינגענומען אין דער טעקסי. איך האָב געהאַט אַ גרויסע פרייד, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן, ווייל ער איז געווען זייער אַ פאַרמאַטערטער.

איך גיי אַהיים, כמעט ווי מ׳זעט שוין נישט די מיליטער־לייט, נאָר אויפן בריק נישט ווייט פון מיר שטייען עטלעכע סאָלדאַטן און מ׳פאַרנעמט זיך מיט אַרבעט ביי דער עלעקטריע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן איר אויפרייסן. עס איז דאַן געווען אַזייגער צוועלף. אין עטלעכע שעה שפּעטער זענען די זעלבע סאָלדאַטן געקראָכן אונטערן בריק מיט דראָטן.

איך בין אַוועק ווייטער אין גאַס, זע איך, אַז אפרים גאָלדבערג מיט זיין פרוי פינקל, זיצן אויפן בריקל ביי זיך. שיין אָנגעטון און זי זאָגט צו מיר: ווי ס׳זעט אויס האָבן מיר שוין געפּטרט די באָלשעוויקן. אַ ביסל ווייטער זע איך שיינע זלמנס, מיט איר זון מאַירקע, קאָלערן אַ בלעכענעם פאַס פון נאַפט, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען און זלמן גייט פון אונטן און רעדט צו זיך: די ליידאַקעס האָבן אַלץ צעשלעפּט. זיי האָבן גערעכנט, אַז היטלער וועט קומען וועט מען ווידער עפּענען דאָס געשעפט.

איך בין אַוועק צו זיך אין שטוב, זאָגט צו מיר מיין עשקע רייזל: „וואָס שלעפּסטו זיך אַרום, בעם עפּעס עסן״. איך קען נישט עסן. איך פאַררויכער איין פּאַפּיראָס באַכן אַנדערן און גיי ווידער אַרויס נעבן שטוב.

איך טראַכט זיך, אַז מ׳דאַרף צוגיין צו מיין עלטערן ברודער יאַנקלען. איך גיי און ווידער אַ גוטע באַגעגעניש. אהרון מילנער גייט פון אונטן און זאָגט צו מיר: ר׳ מרדכי, ווי ס׳ווייזט אויס, וועלן מיר אין גיכן האָבן גוטע געסט. פרעג איך אים, פון וואַנען ער ווייסט, ווער זענען די גוטע? הויבט ער אָן צו לאַכן: „מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן, איז וואָס וועלן זיי אונדז טאָן?״ איר האָט אויך נישט וואָס מורא צו האָבן, איר זענט אויך אַן אַרבעטער. זאָג איך צו אים: מיר וועלן שוין זען שפּעטער זייער גוטס.

דערווייל איז שוין געוואָרן נאַכט. איך בין אַריין צו מיין ברודער, אַלע זענען פאַרזאָרגט, שאַ, שטיל. מ׳הערט נאָר דאָס קול פון זיינע אייניקלעך. אויף

דער פראַגע פון מיין ברודער, ווו איך בין געווען אַ גאַנצן טאָג, האָב איך אים אַלץ דערציילט, אזוי ווי אין דער סדרה שטייט, אַז יתרו איז געקומען צו משה רבינו האָט ער אים אויך אַלץ דערציילט, וואָס עס איז אַלץ געווען אין וועג, זינט ער איז אַרויס פון מצרים מיט די יידן. האָט מיר מיין ברודער געזאָגט, אַז די דייטשן וועלן נאָר זוכן די באָלשעוויקן, אויך מיין פּלימעניצע אסתר דבורה האָט זיך אָנגערופן: זיי זאָלן נאָר נישט טשעפּען די יידן, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה.

בעתן רעדן, הערן מיר אַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז די פענצטער האָבן זיך אָנגע־הויבן טרייסלען. מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן. רוף איך זיך אָן: דאָס האָט מען אויפגעריסן די בריק, באַלד וועט מען נאָך אויפרייסן די גרויסע בריק. אַזוי איז געווען. עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווידער אַזאַ אויפרייס. דאַן בין איך אַוועק אַהיים. כ׳גיי צו ביז לאַזעבניקן. זיי שטייען אַלע אויף דער גאַס, ס׳איז ביי זיי כמעט אַלע פענצטער אַרויסגעפאַלן און מ׳פאַר־קלאַפּט מיט ברעטלעך. ביי מיר אין שטוב איז אַלץ געבליבן אין אָרדענונג. איך בין אַריין אין שטוב, זענען מיך אַלע באַפאַלן, ווייל ווי זיי זאָגן — אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיין אין שטוב אַלע צוזאַמען. זיי זענען דאָך גערעכט, האָב איך געשוויגן. און דער עלעקטריע ברענט אין שטוב ווי שטענדיק.

אינדערפרי בין איך אַוועק אין שול. עס איז דאָרט געווען פיל מיט מענטשן.

עס איז געווען דאַן 10 אָדער 11 אַזייגער, שוין אַריבער 22 יאָר, קען איך נישט געדענקען גענוי; איך בין אַרויס פון שטוב, קומט מיר אָן אַ פויער פון דעם דאָרף יעלנע און ער פרעגט מיך: קראַוויעץ, באַלשעוויקי אירע נימאַ? זאָג איך אים: נימאַ. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום בריקל, האָט ער זיך אומגעקערט און האָט געפרעגט דאָס זעלבע ביי מיין שכן, יאַנקל לאַזעבניק. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָ האַנדלט זיך און האָב געזאָגט צו יאַנקלען: מיר האָבן באַלד די דייטשן. דער פויער איז געווען זייער שליח צו זען, וואָס עס הערט זיך אין שטעטל.

אַזוי איז געווען. עס האָט נישט געדויערט קיין שעה, איז ברוך הבא, די דייטשן זענען דאָ. זיי זענען געווען נישט ווייט פון שטעטל. דער פויער האָט

זיי געזאָגט, אַז ס׳איז שוין קיינער נישטאָ פון די סאָוויעטן און אַז די בריק איז צעריסן, זענען זיי געקומען.

אַלע יידן האָבן זיך פאַרמאַכט אין די הייזער; ס׳איז נישט געווען אַזוי ווי אין 1939 יאָר, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין איז געוואָרן פול אין די גאַסן מיט יידן, מיר זענען דאָך געווען רואיק מיטן לעבן.

איך זיץ אין שטוב, די פענצטער פאַרהאָנגען, נאָר איך האָב אַ קוק געטאָן צו דער גאַס, מ׳גייט אָן אויפהער. עס איז אַדורך נישט מער ווי אַ שעה איז שוין געגאַנגען דער סאָלטיס קוזמא און אַ קלאַפּ אין פענצטער: קראָוויעץ, אַרויס צו דער בריק אויף אַרבעט. כ׳האָב אויפגעעפנט די טיר, זע איך, אַז די דייטשן דרייען זיך אַרום און קיין יידן זענען נישטאָ. עס איז אָבער אַריבער נאָר צען מינוט, זענען שוין געווען אויף דער בריק פיל יידן. איך בין תיכף אויך צוגעגאַנגען. מרדכי באַרוכין זיצט און רייסט טשוועקעס פון די שפּאָלן. איך האָב מיך געזעצט נעבן אים ביי דער זעלבער אַרבעט. יעדע מינוט קומען צו יידן און די דייטשן שרייען: שנעל, פאַרפלוכטע יידן! פון דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער גרויסער גיהנום!

די דייטשן שרייען: ווער איז אַ מייסטער פון אַזאַ אַרבעט? איז ווער געגאַנגען רופן מיין ברודער יאַנקלען. פון וויטן זע איך, אַז ער גייט. איז ער צוגעקומען צו די דייטשן. פרעגט מען אים: דו ביסט אַ מייסטער צו מאַכן די בריק? יאָ, זאָגט ער, אָבער איך קען זיך נישט בייגן, דער רוקן טוט מיר וויי. טאָ ווייז דיינע יידן, וואָס צו טון. ער איז צוגעגאַנגען. ווו עס איז געווען צעריסן, האָט ער באַטראַכט און געזאָגט, אַז מען באַדאַרף האָבן מאַטעריאַל, קלעצער און ברעטער. די פויערים האָבן באַלד אַלץ געבראַכט פון דער מיל. עס איז אַוועק אָן אַרבעט.

די יידן, וואָס האָבן געלעבט פון יענער זייט בריק, האָט מען געטריבן צו דער גרויסער בריק. ביי אונדז האָט דער ברודער זיך צוגעפּאַסט די בויער; אַלע האָט ער געשטעלט באַאַרבעטן די קלעצער. און עטלעכע מענטשן אָפּרוימען דעם פּלאַץ. אויפן טייך נעבן דער גרויסער בריק האָט מען געמאַכט אַן אָרט, אַז מען זאָל קאָנען דאָס מיליטער אַריבערפירן. דאָרטן איז געווען אויך דער אַפּטייקער ביי דער אַרבעט. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אַרבעטער איז

געוועז דער אפטייקער. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַהין און אַהער און די דייטשן האָבן דאָס געזען, האָבן זיי אים אַריינגעשטויסן אין דעם טייך ביז צום גאַרטל. און דער גיהנום וואַקסט פון מינוט צו מינוט וואָס גרעסער.

מיר הערן, ווי עס קומען אָן עראָפּלאַנען פון מזרח. די דייטשן שרייען: רוס, רוס, באָלשעוויק און זעגען זיך צעלאָפן. מיר האָבן אויך געוואָלט לויפן, נאָר מען לאָזט אונדז נישט. מיר מוזן אַרבעטן. די עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן אײנצלנע באָמבעס איין קילאָמעטער פון שטעטל. עס איז געוואָרן נאַכט, איז מיין ברודער יאַנקל צוגעגאַנגען צו זיין עלטסטן, אַן אָפיציר און געפרעגט, צי קאָן מען גיין אַהיים? יאָ, האָט ער געזאָגט, נאָר מאָרגן 6 פרי, מוזן אַלע זיין אויפן פּלאַץ.

צומאָרגנס פרי זענען אַלע געוועזן נעבן דער בריק, די דייטשן זענען געקומען שפּעטער. איז צוגעגאַנגען דער עלטערער פון זיי צו מיין ברודער און האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע: גוט, גוט. ביז נאַכט איז די בריק געוואָרן געענ־דיקט. דעם ברודער האָט ער געהייסן אויף מאָרגן אַרויס צו יענער בריק. אויפן דריטן טאָג האָבן אָנגעהויבן גיין טאַנקן מיט אויטאָס אָן אויפהער. די נאַכט איז אויך געוועזן נישט רואיק.

דער יידן־ראַט

צומאָרגנס הער איך, ווי דער סאָלטיס קוזמאַ גייט אינמיטן גאַס און שרייט, אַז אַלע יידן זאָלן גיין צו דער גמינע. דער סאָלטיס איז געוועזן גראָד נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר ער האָט געמוזט פאָלגן דעם באַפעל פון די דייטשן.

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, איז שוין נעבן דער גמינע געוועזן דאָס גאַנצע שטעטל מענער, פרויען און קינדער. מען שטייט אַלע דערשראָקענע, מ׳רעדט שטילערהייט איינער צום צווייטן. אין דעם איז אַרויס פון זאַרעצקיס שטוב דער קאָמענדאַנט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול, אַז מען זאָל אַלע זעען דעם גרויסן מערדער.

ער האָט אַ געשריי געטאָן: „יידן, אַ באַפעל פון היטלערן. אַלע יידן דאַרפן אָנטון אויף דער לינקער האַנט אַ ווייסן פּאַס. אויפן פּאַס זאָל זיין אַ מגן

דוד פון געלער פארב. פארשטאנען? יא, האבן אלע געענטפערט. זאגט ער ווײ־טער: אלע יידן פון דרייצן ביז זעכציק יאר, מוזן זיין דא אויף דעם פלאץ, חוץ פרויען. ווער עס וועט נישט אויספילן מיין באפעל, ווערט ער גלייך דערשאסן. ווער עס וועט אויף דער ארבעט זיך דרייען און נישט ארבעטן ווערט גלייך דערשאסן. פארשטאנען? איצט, זאגט ער ווייטער, דארף מען אויס־



אהרן מילנער ז״ל איטשע קאלפאניצקי ז״ל

הויפט כלל־טוער פון יידן־ראט

אדאנק אהרן מילנער זענען פיל יידן אפגעראטעוועט געווארן. ביים אויסהרגענען זיין פאמיליע, האבן די היטלעריסטן אים געוואלט לאזן לעבן. ער האט זיך אפגעזאגט און איז אומגעקומען צוזאמען מיט זיי

וויילן א יודן־ראט, פון אכט אדער צען יידן, אז זיי זאלן אנפירן מיט אלע. ווער וויל אריין אין יודן־ראט זאל ארויסגיין צו מיר. דער ערשטער איז געווען אהרן מילנער, נאך אים זענען ארויס: איטשע קאלפאניצקי, יאנקל לאזעבניק, יוסף רובינשטיין, משה גאלינסאן. מיין ברודער יאנקל איז אויך ארויס, נאר מ׳האט אים געזאגט: דו ביסט א גוטער ארבעטער, דארפסטו זיין אויפן ארט. איצט

האָט דער קאָמענדאַנט געדעדט צום יודן־ראַט: וואָס מיר וועלן דאַרפֿן וועלן מיר אייך איבערגעגעבן און איר וועט אַלץ אויספֿירן. ווער עס וועט אייך נישט פֿאָלגן, דאַרף זיך גלייך ווענדן צו אונדז, וועט גלייך דערשאָסן. פֿאַרשטאַנען?

אַלע יידן טאָרן נישט גיין אויף די טראָטואַרן און ווי עס ווערט נאָר נאַכט, זאָל קיינער נישט אַרויס אין גאַס, ווייל ער וועט ווערן געשאָסן. עס זאָל אויך זיין פֿינצטער אין די הייזער.

מיר זענען זיך אַלע צעגאַנגען אין די הייזער. דער טאָג איז אַריבער שטיל. ווי איך בין נאָר אַריין אין שטוב איז אַריינגעלאָפֿן צו מיר לייבל דעם מילע־וויצערס פֿרוי, נעכע, און זאָגט מיר: קומט, דער דייטש וויל עפֿענען דעם קאָאָ־פּעראַטיוו. גיב איך איר די שליסלען פֿון קאָאָפּעראַטיוו און פֿון סקלאַד און זאָג איר: זאָגט זיי, אַז איך בין נישטאָ אינדערהיים. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער רופֿט זיך אָן מיין פֿרוי עשקע רייזל: איך וויל צוגיין צום קאָאָפּעראַטיוו זען, וואָס דאָרט טוט זיך. איך האָב איר נישט געהייסן גיין, אָבער איז זי דאָך אַ יידענע. זי איז אַוועק און זי האָט געבראַכט אַ פּאָר לעדלעך, קלעצלעך פֿאָדעם, וואָס איז געלעגן אויפֿן גאַס און זי האָט דערציילט, אַז די פּויערים האָבן זיך געשלאָגן און אַלץ צעכאַפּט.

אויפֿצומאָרגנס פֿרי איז שוין דער יודן־ראַט צוגעטראָטן צו זייער אַרבעט. זיי זענען געלאָפֿן איבער אַלע הייזער. זיי האָבן זיך צעטיילט צו צווייען. אויף איין גאַס דאַרף מען היינט 125 מענטשן אויף אַרבעט. צו מיר איז אַריין איטשע קאַלפּאַניצקי: ר׳ מרדכי, אָדער איר אליין אָדער שיקט אייער יינגל צו דער גמינע מיט אַ לאָפּעטע אָדער א גראַבליע. מיין זון פֿון דרייצן יאָר, געצעלע, האָט דאָס דערהערט איז ער גלייך אַראָפּ פֿון בעט, זיך אָנגעטאָן און געזאָגט צו מיר: טאַטע, איך גיי, דו בלייב אינדערהיים. איך מיט דער מאַמע האָבן אים באַדוי־ערט. מיר האָבן אָבער נישט געקאָנט מיט אים אויספֿירן. ער האָט געכאַפּט דעם גראַב־אייזן, די מאַמע האָט אים דערלאַנגט אַ זעקעלע מיט ברויט, קעז, אַ פּאָר אייער, אַ פֿלעשל מילך און ער איז אַוועק.

איך בין אַרויס נאָך אים. נעבן דער גמינע איז שוין פֿיל יידן און באַלד האָט מען אַוועקגעפֿירט: 50 מענטשן אויף מיקאַשעוויצער וועג, פּופּציק אויף ליסי־צער וועג און פּופּצן מענטשן אין באַלניצע, וואָס איז געווען נעבן בית־עלמין.

דאָרט איז געווען זייער הויפּט־שטאַב. זיי האָבן נאָך געדאַרפט האָבן עטלעכע מענטשן נעבן דער גמינע. איז אריין צו מיר אהרן מילנער און דערציילט מיר אַלץ. זאָג איך אים: איך גיי שוין אַרויס. זענען מיר אַלע נאָענטע שכנים אַרויס צו דער אַרבעט. מרדכי באַרוכין, פון גאליסאָנען אַ בחור. ער האָט אויסגעהאָדעוועט זעקס זין מיט א טאָכטער פאר היטלערן. (דאָ אין לאנד האָט ער מער נישט

די פאמיליע קראוויעץ אינדערמיט: דער מחבר מיט זיין פרוי עשקע־רייזל ז״ל און קינדער. פון רעכטס אויף לינקס: יודעס, יודעל, העניע (אומגעקומען). עס שטייען אברהם און געצל (פאַרבליבן אין רוסלאנד)

ווי איין זון), און עס איז אַרויס איטשע שוסטער מיט זיין ברודער דוד, מיר האָבן גענומען בעזעמער און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ס׳איז אַרויס א דייטש פון דער גמינע און געוויזן, אז פון הירשל קושעס שטוב ביז מיין ברודערס שטוב אויפן הויף פון גמינע זאָל זיין ריין. מיר האָבן געמאַכט

אַלץ אין אָרדענונג, מילנער האָט אויך גענומען אַנטייל ביי דער אַרבעט. נאָך דעם איז ער אַוועק אין גמינע און געזאָגט, אַז אַלץ איז פּאַרטיק. איז ארויס אַ דייטש, באַטראַכט און געזאָגט: עס איז גוט, איר קאָנט גיין אַהיים. איך בין געקומען אַהיים פיר אַזייגער. מיין פרוי זאָגט צו מיר: האָסט זיך גוט אָנגעאַרבעט. — זאָג איך איר: זאָל נישט זיין ערגער, פון דעם קאָן מען נאָך לעבן בלייבן.

עס איז שוין באַלד נאַכט. אונדזער זון געצעלע איז נאָך נישטאָ. זאָגט מיין פרוי: וואָס ווילסטו, עס איז נאָך קיינער נישט געקומען. ער וועט קומען מיט אַלע צוזאַמען. און עס האָבן אָנגעהויבן גיין גרויסע אויטאָס מיט סאָלדאַטן אָן אויפהער. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן פינצטער און זיי זענען נאָך נישט דאָ פון דער אַרבעט. עס איז אַריבער נאָך אַ ביסל צייט. מיט גאָטס הילף איז געקומען אונדזער זון. ער האָט אונדז דערציילט, ווי די אויטאָס האָבן געמאַכט גרויסע גריבער, האָבן זיי עס פאַרשאָטן. זיי זענען געווען אין אַ דאָרף נעבן יעלנע. די דייטשן האָבן זיי געשלאָגן. ער האָט אויך באַקומען מיט אַ נאַגייקע. די מוטער האָט אים אויפגעהויבן דאָס העמד, דאָ איז אַ גוטער סימן געווען.

עס איז געוואָרן גוט נאַכט. מ׳הערט גאָרנישט פון גאַס. קיינער גייט נישט. מיר האָבן זיך אַלע פאַרקליבן אין איין צימער און פאַרהאָנגען די פענצטער מיט וואַטענע קאָלדרעס און מיר האָבן אָנגעצונדן אַ ליכט. איך האָב אַריינגערופן מיין שכן מיט זיין פרוי און שוועגערין און מיר באַדויערן אונדזער לאַגע. הער איך, אַז פון הויף־טיר קלאַפּט עמעצער. מיר האָבן זיך דערשראָקן. פונדעסטוועגן בין איך אַריין אין קיך און זע, עמעצער שטייט. דאָס איז געווען חיה ראַבינאָוויטש, מיין שכנה. איך האָב געעפנט די טיר. זענען אַריין חיה, איר טאָכטער לובא, משה, ביסל און יאָסעלע. ס׳איז געוואָרן אין שטוב אַ ביסל פריילעכער. מ׳זיצט און מ׳שמועסט. הערן מיר איין שאָס פון אַ ביקס, איינמאָל און נאָכאַמאָל. משה זאָגט, אַז עס איז ווייט, אָבער איך פאַרשטיי, אַז ס׳איז גאָר נאָענט. באַלד הערן מיר, אַז ס׳לויפט אויף אונדזער טראָטואַר זייער שטאַרק אַ מענטש, מען שרייט: האַלט! און מען שיסט. מיר זענען אַלע טויט דערשראָקענע. חיה זאָגט, אַז זי גייט נישט אַהיים שלאָפן. מיין פרוי גרייט פאַר אַלעמען ערטער צו שלאָפן.

אויפצומאַרגנס בין איך אַרויס אויפן הויף. שאַ, שטיל. קיינעם זע איך נישט אין גאַס. די שכנה חיה האָט אָנגעהויבן וועקן אירע קינדער. מ׳דאַרף אויפ־שטיין, מסתמא וועט מען באַלד קומען טרייבן אויף אַרבעט מוז מען מאַכן עפּעס עסן. מיין פרוי איז אויך אויפגעשטאַנען מאַכן עפּעס עסן. מיר האָט נאָך נעכטן געזאָגט אהרון מילנער: ר׳ מרדכי, מאָרגן וועט איר שוין זיין אינדערהיים און אייער יינגל וועל איך זען, אַז ער זאָל זיין נעבן דער היים. אַזוי איז געווען. מיין זון געצעלע איז טאַקע געבליבן נעבן דער גמינע און אַלע זענען אַוועק צו דער אַרבעט, אויף די וועגן, ווי אַלעמאָל.

די ערשטע קרבנות

איך האָב באַשלאָסן צוגיין צו מיין ברודער. אין שטוב האָט מען מיר נישט געלאָזן, אָבער איך בין אַוועק.

איך בין אַריין אין שטוב. איך זע מיין שוועגערין רייזל גייט אַרום איבער דער שטוב און ברעכט זיך די הענט. זי זאָגט צו מיר: מרדכי, מיר זענען פאַר־פאַלענע, גיי אין שלאָף־צימער, וועט דיר יענקל דערציילן. מיין ברודער איז געלעגן אין בעט. ער האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט: איך האָב היינט גע־האַט אַ גוטע נאַכט און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, איז אַ ביסל געקומען צו זיך און אָנגעהויבן דערציילן.

דו האָסט געוויס געהערט, ווי מען האָט געשאָסן די נאַכט? דאָס האָט מען געשאָסן יידן. איין יונגערמאַן, אַ פּליט. ער האָט געלעבט ביי גרשונען דעם ראיער מיט אַ פרוי און קינד. שמעון זלאַטעס גאַלינסאָן זעליקס דעם זאַלי־צערס אייניקל, שמעון דוד און אייזיקל אַלטעס באַרעדעצקי.

די מערדער האָבן אויפגעוועקט אַהרון מילנער, איטשען שוסטערמאַן און שמעון שוסטערמאַן און מיך. (דערציילט מיין ברודער). מען האָט אונדז געפירט אויפן הויף פון דער גמינע און מען האָט אונדז געוויזן ווי זיי ליגן אַלע נעבן דעם ברונעם. דאָס זענען אייערע יידישע קאָמסאָמאָלן, נעמט אַ וואָגן און פאַר־פירט זיי, נאָר נישט אויף אייערע פלעצער נאָר דאָרטן, ווי אַלע ווערן דערשאָסן.

עס איז פינצטער. מ׳איז אַוועק צו אַ פויער און גענומען אַ וואָגן, אפשר מיינט איר מיט אַ פערד, דאָס נישט. מען האָט זיי געלייגט אין וואָגן און אַוועק־געפירט, ווו מ׳האָט געהייסן אויף שטיבלעוויצער וועג. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט זען, ווער זענען די יידן, אָבער מען האָט נישט געקאָנט וויסן. די פנימער זענען געווען שטאַרק פאַרבלוטיקט און צעקלאַפּט, ווייל מען האָט זיי געשלאָגן פאַרן טויט. דער וועג איז דאָרט געווען זייער זאַמדיק. זיי האָבן זיך גוט פאַרמאַטערט, ביז זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ קבר, איינעם פאַר אַלע. אַז מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזן איז מיין ברודער אַראָפּ און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט ער אָפּגעווישט זייערע פנימער און דאַן האָט ער זיי דערקענט. זיי האָבן פאַרמאַכט דעם קבר און אַוועק צוריק.

זיי זענען געקומען אין גמינע אויפן הויף. איז דאָרט געשטאַנען אַ מערדער און אָנגעהויבן שרייען: וואָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט. מ׳שוויגט. רופט ער זיך אָן צו שמעון שוסטערמאַן: קום מיט מיר! נאָך פינף מינוט הערן זיי קולות פון שמעונען, אויסערגעוויינלעכע געשרייען.

אַלע שטייען אינדרויסן טויט דערשראָקענע. באַלד האָט מען אים אַרויסגעפירט. ער האָט שוין נישט געקאָנט גיין און נישט געזען ווו ער גייט. מען האָט אים געפירט ביים אָרבל און מען האָט אים באַלד געשאָסן. איצט פירט אים צו יענע לויטע, די קאָמסאָמאָלן. גלייך האָט מען אים אַוועקגעפירט. ער האָט זיך נאָך געוואָרפן אין וואָגן.

אהיימגעקומען, איז שוין געווען טאָג. כ׳זאָג צו מיין ברודער יעקלען: גוט, וואָס מיין אברהמעלע איז אַוועק מיט די סאָוויעטן, ווי רייזל האָט געזאָגט, אַזוי וואָלט ער געווען איצט אַ קרבן. כ׳ווייס נישט, וואָס דאָרטן וועט מיט אים זיין, אָבער נישט אַזוי ווי דאָ. ער וועט נאָר דאָרט געוויס אַוועק אין אַרמיי.

ווען מען האָט געהרגעט די עטלעכע יונגע קינדער, האָט מען דאַן געבראַכט אויך אַלטערס זון, אייזיק בערעדעצקי. ווי מען האָט אים אַרויפגעפירט אויפן הויף און ער האָט דערזען ווי זיי ליגן טויט, האָט ער זיך א דריי געטאָן און געלאָפן צו דער בריק, איז אים עמעצער אַנטקעגן געגאַנגען, האָט ער נישט געהאַט ווו צו לויפן האָט ער זיך געוואָרפן פון דער בריק אין טייך. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אַרויף אויפן וואַסער. זיין פאָטער אַלטער פלעגט יעדע שעה

זיין אויף דער בריק, אַדורכגיין, זיך נישט אָפּשטעלן, אַז די מערדער זאָלן נישט פאַרשטיין. ווען ער האָט אים דערזען איז ער אַוועק אין יודן־ראַט און דער־ציילט. איז אַוועק אַהרון מילנער מיט איטשען קאלפּאניצקי צום שיינעם קאָמענ־דאַנט און אים געפרעגט צי קען מען אים אַרויסנעמען פון טייך. ער האָט גע־טראַכט אַ סך און געהייסן אַרויסנעמען, און דאן האָט מען אים באגראָבן.

נאָך דעם שמועס ביי מיין ברודער פון דער גוטער נאַכט בין איך אַהיים־געקומען. מיין פרוי און קינדער זענען זייער אומרואיק געווען. איך האָב זיי

אברהם קראוויעץ (דער זון פון מחבר) מיט זיין פאמיליע (הייבט אין רוסלאנד)

אָנגעהויבן דערציילן פון דער שרעקלעכער נאַכט. אַלע האָבן מיר זיך ביטער צעוויינט.

מיין פרוי רופט זיך אָן: מאָרגן פאַסט איך, וואָס אברהמעלע אונדזער זון איז נישטאָ. איך און מיינע קינדער: יודעס, העניע און דער קליינער זון שמעונקע, 11 יאָר אַלט האָבן אויך באַשלאָסן צו פאַסטן. פאַרנאַכט איז געקומען דער עלטע־רער זון פון דער שיינער אַרבעט. דער קליינער זון האָט אים אַלץ איבערגעגעבן, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די קאָמסאָמאָלצעס און אברהמל מיט טאַניען, ווען זיי פאָרן נישט אַוועק וואָלטן זיי אויך געהרגעט געוואָרן האָט ער אויך באַשלאָסן אויף מאָרגן אַ תענית.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. פון שלאָף האָט איך עמעצער קלאַפּט. אין דער טיר איז געשטאַנען דער שכן. וואָס איז געשען? גאָרנישט, גאָרנישט, איך האָב געוואָלט, אַז אייער פרוי זאָל אַריין צו אונדז. מיין פרוי גייט צו קינד. מיין פרוי איז אַוועק צו זיי. עס האָט נישט געדויערט לאַנג איז זי צוריקגעקומען. וואָס טוט מען? עס נעמט איר שטאַרק צו קינד, מען דאַרף אַן אַקושערקע. עס איז געווען אַן אָנזאָג פון די מערדער, אַז ווער עס וועט טרעפן מען אין גאַס נאָך דער צייט וועט דערשאָסן ווערן, רופט זיך אָן אַ מיידל, אַז זי קען גוט דייטש, זי איז אַ פּוילישע לערערין. מיין פרוי איז אַוועק מיט איר.

זיי האָבן זיך פאַרזוימט. די קינדער מיינע האָבן אָנגעהויבן וויינען, פאַרוואָס איך האָב זי געלאָזט גיין, פאַרפאַלן זאָג איך, זיי וועלן באַלד קומען, אָבער אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן שווער, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן. אין אַ גוטער שעה זענען זיי געקומען מיט דער אַקושערקע. זיי האָבן קיינעם נישט געזען.

עס איז פינצטער. מיר האָבן פאַרהאָנגען אין קיך די פענצטער. אַרום צוויי שעה איז אַ יינגל געבוירן מיט מזל. עס איז נאָך געווען פרי איז די אַקושערקע געזעסן ביי אונדז. זי איז געווען אַ וואַזשנע קריסטין. זי האָט זיך אָנגענומען מיט יידיש גוטס. אַ סך האָבן איר געגעבן גאָלד און זילבער, מ'האָט אַלץ גע־רעכנט, אַז מ'וועט דאָס איבערקומען, אָבער מיטן רעכענען איז מען געבליבן. נאָך אַכט טעג האָט מען גערופן דעם מוהל ר' משה באָוואַק (ער איז דאָ אין תל־אביב), און ער האָט מל־געווען דאָס קינד.

איצט שרייב איך. ווער איז געווען ביי אונדז אין שטעטעלע די פירער, וואָס די היטלעריסטן האָבן געשטעלט: מאַקסן, זיין איידעם אַלשעווסקי און באַרימטן גאַרגאַליכעס. אין דער פּאָליציי איז געווען זייער אַ סך אונדזערע פויערים און פון אלע דערפער.

מען האָט זיי געגעבן שווארצע אוניפאָרמען מיט שיינע היטלען, מיט גרויסע אַפּצייכנס. עס איז חי געלעבט. און די אַרבעט, וואָס יעדן טאָג פלעגן אַרויסגיין הונדערט יידן, ווערט נישט בעסער. דער מאַקס איז געווען אַ דייטש. ער איז אָנגעקומען אין אונדזער שטעטל אַלס יונגער מענטש, פון וואַנען ער איז געקומען ווייס איך נישט. ער איז געווען אַ זעמלעמער, וואָס מעסט וואַלד, פעלדער, ער האָט אמאָל געאַרבעט ביים גוט־באַזיצער אגארקאַוו. ער האָט זיך דאָן

באַזעצט נעבן מיינע עלטערן, אויף פּאַליפּלע. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס האָט אויך געשטאַמט פון דייטשן.

ער האָט אַ סך געטאָן פאַר די יידן אין שטעטל. ער איז געווען אַ שטאָט־פּרעזידענט. ער האָט ביי זיי געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט. מען האָט אים באַלד געגעבן אַן אוניפאָרם ווי אַ גענעראַל. ער האָט מיר געבראַכט אַ גרויסן שינעל; אַז איך זאָל אים צופּאַסן אויף אים, איך זאָל אים מאַכן גרינע לאַצן מיט אַ גרינעם קאָלנער. איר קענט זיך פאָרשטעלן, איך האָב אים דאָס געמאַכט, ווי געהעריק. האָט ער מיר געזאָגט, וויפל ער וועט קענען, וועט ער אַלץ טאָן פאַר יידן און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ער איז דאָך אָבער געזעסן אויף פּאַליפּלע, ווייט פון שטעטל, האָט דער יודן־ראַט געבעטן ביי לייזער חיימען ליליענבערג, אַז ער זאָל אים אָפּלאָזן אינדערהיים די דירה: אַזוי איז געווען. מיר האָבן אים געדאַרפט יעדע שעה.

ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט אַזאַ לעבן, ווי ער האָט איצט געלעבט. מער נישט, ווי פייגל־מילך האָט מען אים נישט געגעבן און אַזוי אַלץ: גאָלד און זילבער און אַלץ פון זאַכן און עסן, אָבער ער האָט געהאַט די ווערט.

עס איז געקומען דער ערשטער קראַטילנער באַטאַליאָן. זענען זיי נישט מער ווי איין שעה געווען, האָבן זיי אָנגעטאָן חושך. איז דער זעלבער מאַקס אַוועק צו זייער עלטערן אָפיציר און ער האָט זיך מיט אים דורכגערעדט. ער איז געווען ביים גלח. ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פונעם גלח, איז ווען ער האָט נאָר געטראָפן פון יידן, האָט ער געזאָגט: באַלד ווערן מיר פטור פון זיי. אַזוי איז געווען. מיר הערן, אַז עס שפּילט אַ קלאַרנעט און מ'האָט זיי אַוועקגעפירט.

פון עק גרעבלע פון דער גרענעץ איז געקומען א פאַר מערדער צוריק אין גמינע, אז ביי זיי האָט אן אויטאָ זיך אָפּגעשטעלט אין זאמד און זיי קאָנען זיך ניט געבן אַן עצה. אהרון מילנער און איטשע קאלפאניצקי פלעגן כמעט שטענדיק זיין נעבן דער גמינע, האָבן זיי דאָס דערהערט. וואָס טוט מען? באַלד איז געווען מאַקס און ער האָט זיי געזאָגט: איר גייט, באַלד וועלן קומען צען יידן. זענען זיי אַוועק.

דער יודן־ראַט האָט באַלד געשאַפן צען יינגלעך. מען האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן נעמען לאָפּאַטעס און גיין אויפן גרעבלע. מאַקס האָט זיי אַ ביסל באַגלייט

און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען צו דער ענדע פון שטעטל, זאָלן זיי זיך צעגיין, ווי ווער און וועץ זיי גייען, קומען זיי נישט צוריק. פיל נאָך האָט ער געטאָן, אַז מיר וועט אַרויף אויפן געדאַנק וועל איך נאָך צושרייבן. פאַרוואָס ווייס איך וועגן אַלץ? ווייל איך האָב געלעבט נעבן דער גמינע און נעבן דער קאָמענדאַטור און האָב זיך אינטערעסירט מיט אַלעם. עס איז געווען אַ סך יידן, וואָס מען האָט זיי נישט געזען אין גאַס און וועמען גאָט האָט געגעבן יאָרן לעבט.

דער צווייטער פון די דרייען איז געווען אָלשעווסקי, מאַקס איידעם. פון וואַנען ער שטאַמט ווייס איך נישט. ער איז געווען אַ כלב, אַז מיט דער לינקער האַנט האָט ער געגלעט און מיט דער רעכטער געשלאָגן. די גאַנצע יאָרן פאַר פוילן האָט ער געאַרבעט אין דער גמינע און איצט איז ער געווען דער גאַנצער פירער. מען האָט אים אויך נישט וויניק געשטאָפּט נאָר ס׳איז געווען אומזיסט. ביי אים איז געווען אַ טאָכטער, האָט זיך פאַרוואָלט איר אַ פּוטער. האָט ער געזאָגט דעם יודן־ראַט, ווזשע נעמט מען אַ פּוטער. עס איז געווען אין שטעטל ביי אַ סך פרויען, אָבער קיינער וויל נישט געבן.

אין איין שיינעם פרימאָרגן איז אַריין צו אונדז אַהרון מילנער מיט איטשען קאַלפּאַניצקין. גוט מאָרגן, גוט מאָרגן. איך האָב זיי געבעטן זיצן און זיי רופן זיך אָן. ר׳ מרדכי, מיר זענען געקומען צו אייך מיט אַ גרויסער ביטע, נאָר איר זאָלט אונדז נישט אָפּזאָגן. זיי ביידע איז נישט געווען אָנגענעם צו רעדן, זיי האָבן דאָך ביידע געהאַט פּוטערס ביי זייערע פרויען. אהרון האָט פּאַמעלעך זיך אויסגערעדט: מיר האָבן געהערט פון אַ ריכטיקן מענטשן, אַז איר האָט איין דאַמע־פּוטער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין פרוי און זי אויף מיר. ווער האָט אייך דאָס געזאָגט? איך לעב שוין 27 יאָר מיט מיין פרוי, האָב איך נישט געזען קיין פּוטערס. רופט זיך אָן איטשע: מיר ווייסן, אַז אייער פרוי האָט נישט קיין פּוטער, אָבער אייער שנור האָט אַ פּוטער. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז דאָ ביי אייך. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, ווער ס׳האָט זיי געזאָגט, ר׳ משהלע דער ווייסער. זיי זענען אַוועק. מיר האָבן זיך דורכגערעדט אין שטוב, איך און מיין פרוי און די קינדער, וואָס היטלער האָט זיי אומגעבראַכט יונגערהייט פון דער וועלט. מיין פרוי איז געווען זייער אַ גוטע און מיין עלטערע טאָכטער יודעסקע

איז געווען איין קלוגע, האָבן זיי געזאָגט, אַז מען דאַרף געבן. אויב מיר וועלן בלייבן לעבן, זאָל מער נישט פעלן און טאָניע וועט נישט האָבן קיין טענות. אַזוי איז געוואָרן באשלאָסן. זיי זענען געקומען און צוגענומען דאָס פוטער.

דער דריטער איז געווען באַריס גאַרגאַרליכעס. דאָס איז נישט געווען קיין פאַמיליע, דאָס האָט מען אים אַזוי גערופן נאָך זייער אַ באָבע דער באָריס איז געווען איין עלטערער איבער אַלע פאָליציי־לייט, וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ליולקע, ביז צום גאַרטל די לענג פון מונדשטוק מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט. ער פלעגט יעדן טאָג ברענגען יונגע פויערים אין קאָמענדאטור. די וואָס פלעגן אַנטלייבן פון די באָלשעוויקעס אָדער זיי פלעגן ציען פון דער אַרמיי אַהיים. די, וואָס פלעגן זיין קלוגע, פלעגן אויסמיידן דאָס שטעטל. איבערן טאָג פלעגט זיך אָנקלייבן פינף אָדער מער ווי אַ טאָג, פלעגט דער באָריסקאָ אָראָפּנעמען ביי זיי די היטלען פון קאָפּ, אז אָן האָר איז עס אַ באָלשעוויק און דער גרויסער מערדער האָט אַ געשריי געטאָן: צום טויט! פלעגט מען זיי געבן לאָפּאַטעס און זיי אָוועקפירן אויפן באַרג און זיי פלעגן פאַר זיך אַליין אויסגראָבן אַ גרוב און גלייך צושאָטן. אַזוי פלעגט זיין יעדן טאָג.

איינמאָל קומט ער אַריין צו מיר אין שטוב מיט צוויי דייטשן. ער האָט ברייט געעפנט די טיר. איך בין דאָן געזעסן און זיך געפּאָרקעט ביי דער מאַשין. ער האָט אויפגעהויבן זיין גרויסן שטעקן און דערלאַנגט איבערן טיש. קראַוויעץ, „דאַי וואָדקו אי טאַבאַק!" רוף איך זיך אָן, אַז וואָדקע האָב איך נישט, טאַבאַק האָב איך 2 פּעקלעך קאָרישקעס קען איך דיר געבן. איך האָב אים צוגעטראָגן דעם טאַבאַק. די טיר צו דער גאָס איז געווען אָפן, איז דורכגעגאַנגען אַ פויער און קוקט אַריין אין שטוב וואָס דו טוט זיך. פרעגט ער אים: האָסט צו רויכערן. ענטפערט ער: נימאַ. נעמט דער מערדער און צעברעכט דאָס פּעקל און גיט אים אַ העלפט. זאָג איך אים: באַריסקאָ, גיב מיר אויך אַ האַלבן. קלערט ער נישט קיין סך און גיט מיר מיטן קולאַק אין האַרצן. דו זשיד, דו טאָרסט נישט רויכערן. ער זאָגט ווידער צו מיר: אַ וואָדקע? זאָג איך אים, אַז איך האָב נישט. וואָס וועט זיין, אַז איך וועל געפינען? קריגסטו 25 שמיץ אויפן הוילן לייב. ער האָט אָנגעהויבן

זוכן, אַלץ אַדורכגעניִשטערט, וואָס עס איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער איבער־געגעבן דער פּאָליציי. ער האָט אָנגעלייגט אַ גוט פּעקל און איז אַוועק.

דאָס איז געווען דער דריטער בעל־הבית (אָבער פון זיין פינצטערן סוף, וואָס ער האָט געהאַט האָב איך געהאַט אַ גרויסע נקמה. איך וועל וועגן דעם נאָך שרייבן).

איינמאָל גאַנץ פרי ליג איך אין מיין בעט. קיין שלאָף נעמט נישט, פאַררויכערן נישטאָ. איך הער, אַז עמעצער שרייט. עס ווערט שטיל און ווידער דאָס זעלבע. איך האָב אויפגעוועקט מיין ווייב, זאָגט זי, אַז אויך זי הערט, אַ מענטש שרייט. איך בין אַרויס אין הויף, זע איך אויפן בריק לויפט הירשל דער מילעוויצער מיט זיין עלטערן זון און טראָגן איין לאנגן באַהאַר. האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אויפן גאַס און פרעג זיך: הערשל, וואָס לויפט איר? אַ פרוי טרינקט. איך זע שוין אויך, אַז אַ פרוי שווימט, וואָס נאָר דער קאָפּ זעט זיך און שרייט: יידן, ראַטעוועט! מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער גרעבלע, אין דעם גרויסן פלישניק. מיר האָבן איר דערלאַנגט דעם באַהאַר. הערשל איז אַריין אין וואַסער ביז אונטער די הענט און איך מיט זיין זון נאָך אים. זי האָט באַוויזן אָנצוכאַפּן דעם באַהאַר און מיר האָבן זי לאַנגזאַם געצויגן צו זיך. מיר האָבן זי געטראָגן איבערן פלישניק, איבער וואַסער און בלאָטע, וואָס מען קאָן קוים אַרויסשלעפּן די פיס. אין דער צייט זענען אָנגעקומען נאָך יידן און אונדז געהאָלפן זי איבערטראָגן.

מיין ווייב עשקע רייזל האָט זי אַריינגענומען אין שטוב, זי גוט אַרומגע־וואַשן, אין בעט געלייגט און טיי געמאַכט. זי איז געקומען צו זיך. איצט פאַרשטיי איך, אַז איר ווילט וויסן, ווער איז די פרוי? איך האָב פריער געשריבן, אַז מ'האָט געשאָסן אַ יונגן פּליט. דאָס איז זיין פרוי געווען. זי האָט געהאַט אַ מיידעלע פון אַ פּאָר יאָר, האָט זי איר געלאָזט שלאָפן און אַוועק פון גרשון דעם ראיערס שטוב און זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך. מען האָט איר געבראַכט דאָס מיידעלע און מ'האָט איר אָנגעהויבן רעדן, וואָס האָט זי דאָס געטאָן, לאָזן איין שיין קינד, האָט זי געענטפערט: אַז איך האָב נישט מיין מאַן איז וואָס איז מיין לעבן ווערט? פון דאַנען האָט מען זי אָפּגעראַטעוועט אויף אַ קורצער צייט.

עס איז געווען אַ טאָג, וואָס איך בין געווען אויף אַרבעט. איך בין געקומען פאַרנאַכט אַהיים. דערציילט מען מיר, אַז מען האָט געשאָסן חיה קריינעס מאַן.

ער לעבט נאָך, נאָר שווער פאַרוואונדעט אין האַלדז. וואָס איז געווען? עס זענען אריין צוויי דייטשן און מען האָט מסתמא געבעטן עפּעס. האָט זי אָנגעהויבן שרייען, חיה קריינע. מער דארפן זיי נישט, האָבן זיי אים פאַרוואונדעט. עס איז אַריבער די נאַכט איז זי אַוועק אין דער גמינע און געבעטן, אַז מען זאָל איר געבן א דאָקטאָר, זענען געקומען די זעלבע מערדער און מ'האָט אים אומגע־בראַכט אויף אייביק. מען האָט אים געגעבן אַ קויל אין קאָפּ.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אַריינגערופן דעם יודן־ראָט צום קאָמענ־דאַנט און מען האָט זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז אויף מאָרגן זאָלן זיי צוגרייטן פופציק פּאָר הויזן, פופציק אויבער־העמדלעך, פופציק קליידלעך און פופציק פּאָר פרויען־שיך מיט זאָקן. דאָס האָבן זיי פון אַלע דערפער און פון שטעטלעך צונויפגענומען 50 יונגע שקצים און 50 שיקסעס, זיי אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד. האָבן זיך אַלע געלאָזט איבערן שטעטל צונויפנעמען די זאַכן. פרעגט נישט, וואָס עס האָט זיך געטאָן? אונדזער צדיק הרב משהלע מילשטיין איז אויך געגאַנגען קלייבן די זאַכן. עס איז אַזוי געווען נישט איין מאָל, פיל מאָל זענען געווען אַזעלכע צופאַלן. פרייטיק און שבת זענען געווען זייער שווערע טעג, אַז עס פלעגט אַדורכגיין דער שבת, פלעגט מען זיין אַ ביסל רואיקער.

ביי אונדז אין שטעטל האָט געלעבט איין לאַכוועד יונגער מענטש יודל לעווין, יענטע ביילעס איידעם, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פינצטערער אויסברוך אויף יידן האָט ביי אונדז אין שטעטל יעדער ייד געהאַט זיין באַקאַנטן און בעסטן פויער, וואָס מען האָט אים אַלץ איבערגעגעבן פון די בעסערע זאַכן. און ביי אַלעמען איז געווען מער ווייניקער עפּעס גאָלד, און בפרט די לעצטע יאָרן איז געווען ביי אַלע יונגע מענטשן שיינע זאַכן און צירונג. איז ביי דעם יודל לעווין געווען נישט ווייניק. זיי פלעגן האָבן פון אַמעריקע אַ סך דאָלארן און ער פלעגט אויך גוט פאַרדינען. ער איז געווען זייער אַ געראָטענער. זיי האָבן געהאַט זייער אַ שיינע וווינונג און זיין פרוי שרה איז געווען אויך אַ לייטישע פרוי. ביי זיי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יאָר צען און אַ קליין יינגעלע.

יודל האָט געהאַט אין זיין גאַס זייער אַן אָנגעלעבטן פויער דעניס שאַשקעס, האָט ער אים אַלץ איבערגעגעבן. איינמאָל איז ער געווען ביי אים. ער האָט געהאַט אַ ביסל וואָדקע. דער פויער האָט געשטעלט צום טיש און מען האָט צו

ביסעלעך אויסגעטרונקען און דער פויער האָט געזאָגט צו יודלען: לאָמיר זיין געזונט, מיר וועלן זיי איבערקומען די דייטשן. ביי דעם פויער אין שטוב האָט געלעבט זיינער אַ ברודער, האָט מען אים צוגענומען אין דער אַרמיי. מיט זיין פרוי האָט ער נישט געלעבט בשלום, זי האָט געטראָגן אויפן שוואָגער אַ כעס. וואָס האָט זי געטאָן? נעבן איר, נישט ווייט האָט געוווינט דער שיינער מענטש באַריסקא, איז זי אַוועק צו אים און האָט אים אַלץ דערציילט. דער גרויסער כוליגאַן האָט דאָס איבערגעגעבן אין קאָמענדאַטור.

איך בין דאַן גראַד געווען אין שטוב זע איך, אז עס גייען ביי צען דייטשן מיט דער גאַנצער אוניפאָרם. זאָג איך צו מיין פרוי, אַז מען וועט באַלד עמעצן פירן. און באמת, עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, האָט מען שוין געפירט דעם פויער דעניסן, עס איז נישט ווייט געווען פון קאָמענדאַטור. אין אַ פופצן מינוט שפּעטער, גייען זיי שוין ווידער. איך קוק וואָס וועט זיין ווייטער? עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי מען פירט דעם יונגן מענטשן יודלען לעווינען. מיר איז פינצטער געוואָרן פאַר מיינע אויגן. פאַרוואָס איז דאָס געווען, האָט קיינער נישט געוווּסט, נאָכדעם האָבן מיר שוין יאָ געוווּסט. מען האָט זיי אַזוי געשלאָגן, אַז מען האָט געהערט זייערע געשרייען זייער ווייט. ס'איז באַלד צוגעגאַנגען אַן אויטאָ און מען האָט זיי אַרויפגעוואָרפן און מ'האָט זיי דאָרט געשאָסן.

ווייטערדיקע רציחות

איך שרייב נאָך אַזאַ געשיכטע. אונדזערע לעבנינער יידן האָבן געקענט די מענטשן. ביי חיימען שוסטער, ער איז געווען שמש פון דער בייער שול, אַ זון יודקע, אַ פאַרהייראַטער פאַר חנהן רישעס פון דער גויאישע גאַס און ביי וואַדזיעס דעם שמיד איז געווען אַן איידעם אַ געלער, זיין נאָמען געדענק איך נישט. זענען זיי ביידע געווען צוגענומען אין דער רויטער אַרמיי. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען עס זענען שוין ביי אונדז געווען די שיינע לייט איז געקומען יודקע אַהיים. ער איז אַריין אין שטעטל, קיינער האָט אים נישט געזען. זיין פרוי חנה איז געקומען אין יודן־ראַט און געמאָלדן די געשיכטע דעם יודן־ראַט. זיי האָבן געמאַכט אַ זיצונג; האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען דאַרף מעלדן, אַז דער מענטש

איז געווען ביי די באָלשעוויקעס און ער האָט נישט געוואָלט זיך שלאָגן קעגן היטלערן און ער איז איצט דאָ. האָבן זיי גערעכנט, אַז זיי וועלן זיך אַליין דערוויסן, וועלן זיי אים שוינען.

אַזוי איז געווען. אהרון מיט איטשען זענען אַוועק אין קאָמענדאַטור און גע־מאָלדן. האָט דער גרויסער מערדער געזאָגט: זייער גוט, גוט, אַז זיי זענען געגאַנגען פון דאָרטן איז שוין געשטאַנען אין גאַס זיין פרוי חנה און זיין שוויגער רישע. חנה האָט פון גרויס פרייד זיך געכאַפּט קושן מיט אהרונען. איך שטיי און קוק צו, ווי אהרון מילנער און איטשע קאלפאניצקי שטייען אַזעלכע צופרידענע.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז אזוי געווען מיט וואדזיעס איידעם. ער איז געקומען אַזוי ווי יודקע. דער יודן־ראַט ווייסט שוין איצט, וואָס צו טאָן און זיי האָבן ווידער געמאָלדן וועגן צווייטן. ער האָט ווידער געזאָגט: גוט, גוט. עס איז אַריבער צוויי טעג, האָט דער מערדער געהייסן, אַז די צווייען זאָלן זיך מעלדן צו אים. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געזאָגט צו אהרונען: איך שיק זיי אין סלוצק אין הויפּט־שטאַב, אַז זיי זאָלן דערציילן דעם מצב פון די באָלשעוויקעס. מ׳האָט זיי געהייסן ארויף אויף דעם אויטאָ מיט צוויי דייטשן. מען האָט געזען, אַז דער אויטאָ איז באַלד געקומען צוריק. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זיי געפירט ביז באַרעוויק און זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן אַ גרוב פּאָר זיך נעבן סאַמע וועג און מען האָט זיי געשאָסן. דאָרטן זענען געווען פויערים אויף די פעלדער האָבן זיי אַלץ דערציילט, ווי זיי האָבן זיך נעבעך געבעטן און געוויינט און געקושט די הענט פון די רוצחים אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

איך האָב פריער געשריבן, אַז ביי מיר איז געווען אַ שכן מיט אַ פרוי, וואָס זי האָט געבוירן א זון. איז ער געווען א מעכאניק, האָט אים קעסקין צוגענומען אין מיל. קעסקין האָט זיך כמעט נישט געמישט צו דער מיל, אָבער דער גאנצער בעל־הבית איז געווען סקאַזאַליק. ער פלעגט צאָלן מיט ברויט און וואָס האָט מען נאָך געדאַרפן, אַבי זאָל זיין דאָס ברויט אין שטוב. דערציילט מיר דער שכן, אַז אין מיל שניידן יידן האָלץ צום אויוון. עס איז דאָ האָלץ מעטרוווקעס, אָבער מ׳דאַרף זיי איבערשניידן אויף דער העלפט. זאָג איך, אַז איך גיי מאָרגן. קיין ברויט האָט מיר נאָך נישט געפעלט, אָבער זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און צוקוקן

יעדע שעה צו אַנדערע אומגליקן. מיר וועלן גיין קינדער. אַ זעג איז געווען ביי מיר. אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען. אויך מיינעביידע יינגלעך, געצעלע איז אַלט געווען דאַן 14 יאָר, און דער צווייטער שימענקע 11 יאָר, זייער אַ געזונטער געווען. מיר האָבן גענומען עפּעס עסן און די זעג און מיטן שכן אַוועק. מיר זענען געקומען צו דער מיל און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. דאָס האָלץ איז געלעגן אין שורקעס צוויי מעטער די הייך. די זעג מיינע איז געווען אַ שניידערשע, שלעפּ אַהין און אַהער און זי שטייט אויף דעם זעלבן אָרט. מיר האָבן אַ טאָג אָפּגעהאָרעוועט און בלויז איבערגעשניטן פינף מעטער.

געצל קראַוויעץ (דער זון פון מחבר), מיטגעמאַכט די פּאַרטיזאַנטקע
אויפן בילד: ער מיט זיין פאַמיליע (היינט אין קאַווקאַז)

אויפצומאָרגנס פרי האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן נעבן דער מיל צום גראָבן ליים; דאַכט זיך, אַז יודקע לייבעס ציקליך איז אויך געווען ביי דער שיינער אַרבעט. די קינדער האָב איך שוין נישט גענומען. מיט גאָטס הילף זענען מיר געקומען אַהין, ס'איז אַרויס אַ קריסט, גראָד אַ באַקאַנטער און ער האָט אונדז געוויזן, ווי אַזוי צו גראָבן, צו צען מענטשן נעבן איין גרוב. ער האָט אָפּגעמאָסטן דריי מעטער אויף דריי מעטער איין גרוב. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט אַ גוטן חשק. מ'גראָבט דעם זאַמד שוין איין מעטער די טיף און

קיין ליים איז נישטאָ. און דער טאָג שטייט אויך נישט. מען אַרבעט ווייטער שוין באַלד צוויי מעטער און מען זעט נישט קיין ליים. עס הויבט זיך אָן זען וואַסער און באַלד אין אַ גוטער שעה האָט מען שוין געזען ליים.

דאָס זאמד איז אויך שווער געווען ארויסוואַרפן אַזוי טיף דעם ליים, האָט מען נישט געקאָנט אַזוי הויך וואַרפן. מיר זענען אַוועק צו דעם, וואָס האָט אונדז געשטעלט גראָבן איז ער געקומען און האָט געגעבן אַן עצה, וואָס מען זאָל טאָן. מ׳דאַרף אויסגיסן דאָס וואַסער מיט עמערס, פינף מענטשן זאָלן שלעפן דאָס וואַסער און פינף מענטשן זאָלן גראָבן ווייטער. וויזשע נעמט מען עמערס מיט שטריק? אַז איר וועט קומען מאָרגן צו דער אַרבעט ברענגט יעדער אַן עמער מיט שטריק וועט מען קאָנען אַרבעטן. עס איז באַלד נאַכט. עס איז פיר קילאָמעטער צו גיין אויב נישט מער. די אַרבעט איז געווען שווער, מיר האָבן דאַן געליטן מער, ווי די יידן אין מצרים באַקומענדיק 300 גראם ברויט און מער גאָרנישט. דאָס איז געווען אין היטלערס צייטן און מיט וואָס האָבן מיר פאַר־ביסן? מיטן שווערן טויט. אויפצומאָרגנס בין איך שוין נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

איך רעכן, אַז אַלע לענינער יידן האָבן גוט געקענט משה׳קע מיגדאלאָוויטשן. זיינע צוויי עלטערע קינדער האָבן פאַר די סאָוויעטן געאַרבעט אויף דער פּאָסט. אַז מען האָט אַרויסגעפירט די פּאָסט זענען משה׳קעס צוויי קינדער אויך אַוועק נאָך רוסלאַנד.

איך זיץ אין שטוב, שוין באַלד נאַכט, גייט אַריין צו אונדז פייגל שוב, עפּעס אַ דערשראָקענע. איר ווייסט ר׳ מרדכי, מ׳האָט משה׳קע אַוועקגעפירט אין קאָמענ־דאַטור. דאָס מוז זיין, וואָס זיינע קינדער זענען אַוועק מיט די באָלשעוויקעס. גיב איך זיך אַ כאַפּ: אוי, באַלד קומט מען נאָך מיר, מיין זון איז אויך אַוועק. מיין פרוי און די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען און די פרוי פייגל האָט זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן קולאַק אין הארץ: וואָס האָב איך געדאַרפט אייך קומען זאָגן? איך האָב פאַרגעסן וועגן אייער אַברהמעלע.

דערווייל איז אַהרון מילנער אַרויס אין גאַס און האָט געזען מאַקסן. ער האָט אים געזאָגט פון דער געשיכטע. איז ער גלייך אַוועק אַהין. ערשט מען וויל שוין ארויספירן משה׳קע צום שיסן. האָט ער גלייך פאַרהאַלטן און פרעגט דעם

קאָמענדאַנט, וואָס קומט דאָ פֿאָר? ענטפֿערט מען אים, אַז ער האָט זיינע זין אַוועקגעשיקט מיט די רוסן. רופֿט זיך אָן מאַקס: עס איז נישט אַזוי, ער איז אַ קראַנקער און אָרעמער ייד, האָט ער געבעטן די רוסן, אַז מען זאָל זיי נעמען צו דער אַרבעט, האָבן זיי געאַרבעט אויף דער פּאָסט. איינער פֿלעגט טראָגן די בריוו און דער צווייטער מאַכן ריין די פּאָסט. זיי זענען נאָך יונגע ייִנגלעך, מען האָט זיי געהייסן פֿאָרן; זענען זיי אַוועק און דער קראַנקער פֿאָטער און די מוטער האָבן נישט געוווסט. זיי זענען אַוועק מיט די באָלשעוויקעס, זאָל ער, דער קראַנקער גיין אַהיים, ער וועט אַלץ איינס באַלד שטאַרבן. און מען האָט אים געהערט.

די פֿרוי פֿייגל איז אונדז געקומען זאָגן, אַז משה׳קע איז אינדערהיים. ס׳איז געוואָרן מיר אַ ביסעלע פֿריילעכער, אָבער מיין האַרץ שטילט נישט אין מיר. איך בין אַוועק צו אהרון מילנער און זאָג אים: איך האָב דאָך אויך אַזאַ זאַך. זאָגט ער מיר, אַז קיינער וועט נישט אונטערזאָגן, וועט זיין גוט. מען דאַרף זיך זען מיט מאַקסן. איך בין אַוועק אַהיים. נישט וויט פֿון מיין שטוב גייט מיר אָן מאַקס. בעט איך אים אַריין צו זיך. ער איז אַריין, זאָג איך אים וועגן משה׳קע, וואָס איך האָב אויך די זעלבע צרה. רופֿט ער זיך אָן: דיין זון האָט שוין געהאַט אַ פֿרוי, אַז זי איז געפֿאָרן האָט ער אויך געמוזט פֿאָרן, דו ביסט שוין אויף אים נישט קיין בעל־הבית. טאָמער עפּעס בין איך דאָ. און משה׳קע איז אין א קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

אַ נייע גזירה. אַלע יידן, וואָס האָבן בהמות, ציגן, גענדז, קאַטשקעס, הינער זאָלן פֿאַרנאַכט געבראַכט ווערן אין דער גמינע אויפֿן הויף. עס איז געוואָרן אַ טומל. ווער עס האָט געלעבט נאָענט נעבן שוחט, האָט מען געטראָגן שעכטן. ער האָט מורא געהאַט, קיינער וואָלט נישט געווען בעסער, אָבער איך רעכן, אַז ער האָט אַ ביסל געשאָכטן. פֿאַרנאַכט איז געוואָרן נעבן דער גמינע אַ טומל. יעדער וויל פֿריער איבערקומען. מיט גאַטס הילף האָבן אַלע אָפּגעגעבן. עס איז טאַקע געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרצן. מען דאַרף נישט קיין היי און מען דאַרף נישט אינדערפֿרי גיין מעלקן די בהמה, אָבער דערוויל מיט וואָס זענען מיר גע־בליבן? קיין פֿלייש נישט, קיין פּוטער, נישט אַ ביסל מילך. קליינע קינדערלעך זענען געבליבן הונגעריקע. עס איז געווען גוט פֿון אַלע זייטן.

ווידער אַ טראַגעדיע. איינמאָל אין אָוונט זענען אַריינגעקומען צוויי מערדער צו חנה רובינשטיין. ביי איר איז געווען אַ טאָכטער, דאַכט זיך, זי האָט געהייסן עשקע און איר אייניקל שולמית, מסתמא אַלט געווען צוועלף יאָר. מען האָט זי געצווונגען זיך אויסטאָן אינגאַנצן נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זי געבוירן און מען האָט איר געהייסן אַרויף אויפן טיש און טאַנצן אַ וואַלס. די עלטערן פון דעם קינד האָט מען נאָך געהייסן זינגען. קיין אַנדערע ברירה האָבן זיי נישט געהאַט. די עלטערן שטייען הינטער דער טיר און הערן. ס׳איז געוואָרן שטיל און דערנאָך הערן זיי איין געוויין פון זייער קינד. זיי האָבן זיך דערוואַרט, אַז די ווילדע מערדער זענען אַרויס, זענען אַלע אַריין אין דער שטוב, איז די שיינע שולמית געלעגן אָן סימנים פון לעבן. מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט.

פון דאָרטן זענען די זעלבע מערדער אַריין צו אליקים סלוצקי און מען האָט אַלעמען אויפגעוועקט. עס איז געווען ביי זיי פינף זין. די עלטערע פיר זין האָט מען געהייסן אויפהייבן דעם טיש פאַר די פיס און זיך שטעלן אויף די קני און דעם קראַנקן אליקים האָט מען באַזעצט אויף דער ערד מיט זיין פרוי מאַשען. די אלטע רישען, מאשעס מוטער האָט מען געגעבן דעם לאָמפּ אין דער האַנט און זיי האָבן אָנגעהויבן בודק חמץ זיין. זיי האָבן זיך גענומען צו דער קאָמאָדע. מען האָט געפונען זיין טלית און תפילין. וואָס איז דאָס? האָט געענטפערט מאַשע: דאָס וואָס מען דאַוונט צו גאָט. האָט איינער גענומען און א שמייס געטאָן דערמיט אליקימען אין פנים און די ייִנגלעך האלטן דעם טיש אין דער הייך. זייער פינפטער זון שמעון איז דאַן אַלט געווען ביי זיבן יאָר, האָט ער אָנגעהויבן וויינען. איז דער מערדער צוגעגאַנגען מיט דער נאַגייקע: שטיל! איז געוואָרן שטיל. דער קליינער שמעון איז מיט מיר געקומען אַהער אין לאַנד און פון דער גאַנצער פאַמיליע איז ער געבליבן אַליין. ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. דער סוף איז געווען. זיי האָבן געהייסן אַראָפּלאָזן דעם טיש און זיי זאָלן לויפן אויף דער גאַס שנעל און דערביי זיי געגעבן מיט די פּראָקלאָדן (ביקסן) ווי געטראָפן.

אויף יענער זייט גרענעץ איז געשטאַנען זייער אַ סך האַלץ, וואָס די באַל־שעוויקעס פלעגן טרייבן מיטן טייך ערגעץ קיין רוסלאַנד. זענען געקומען פרישע בעלי־הבתים, האָבן זיי געגעבן צו וויסן, אַז דאָס האָלץ פאַרקויפן זיי. און עס

איז שוין באַלד דער ווינטער, יעדעס האָרף האָט האָלץ. ס׳איז געווען צען רובל אַ מעטער. יעדער האָט געקויפט און טאַקע זייער גוטע און טרוקענע. איך האָב אויך געקויפט צען מעטער אָבער ווי שלעפט מען? קיין פערד זענען נישטאָ; איך האָב קוים באַוויזן איין וואָגן און מיט די קינדער אַריבערגעשלעפט און אַזוי האָבן אַלע געטאָן.

אין אַ צייט אַרום, שוין געווען נאָך אַלע יום־טובים. עס איז שוין געווען גוט קאַלט האָט איין פויער געפירט אַ וואָגן האָלץ פון דער גויאישער גאַס. איז אַרויס עטל די געלע (כאָטש זי איז נישט געווען קיין געלע, דאָס איז געגאַנגען אויף איר מאַנס אַדרעס) און געקויפט דעם וואָגן האָלץ. איז גראָד אָנגעקומען הילקעוויטש. דער מערדער האָט זיך באַזעצט אין לעבין און האָט זיך גענומען אַ פרוי און ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער גמינע און פאַר די מערדער האָט ער אויך געאַרבעט. אַז ער האָט געזען, ווי די פרוי עטל האָט געקויפט דעם וואָגן האָלץ איז ער צוגעגאַנגען און זאָגט צו איר: פאַרוואָס האָסטו געקויפט רעגירונגס־האָלץ, האָט זי אים געענטפערט, אַז דאָס איז נישט זייערע. דו וועסט שוין גוט באַצאָלן פאַר זיי. ער איז אַוועק און איבערגעגעבן דאָס די דייטשן.

עס איז שוין געווען גוט נאָכט זענען געקומען עטלעכע ווילדע מערדער. ביי דער פרוי איז געווען אַ טאָכטער חיה, וואָס האָט געהאַט אַ צווילינג, צוויי שיינע יינגעלעך אין עלטער פון דריי יאָר און ביי דער אַלטער איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן. האָט מען אַרויסגעפירט די דריי קינדער אויפן הויף פאַר דער שטאָל און דערשאָסן. די מוטער מיט דער טאָכטער חיהן האָט מען אַוועקגעפירט אין קאָמענדאַנטור. מ׳האָט זיי גוט צעהרגעט און אַוועקגעפירט צום זעלבן אָרט וווּ אלע. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי נישט געוואָלט גיין אַהין, האָט מען זיי גע־שאָסן אין גאַס נעבן פסחן דעם מאָלער. אינדערפרי, אַז מען האָט דערזען די טראַגעדיע, ווי זיי ליגןביידע אין מיטן גאַס, איז דער יודן־ראַט געגאַנגען בעטן אַ דערלויבעניש זיי צוצונעמען, האָט דער מערדער נישט דערלויבט. דריי טעג זאָלן זיי ליגן. און די דריי קינדער זענען געלעגן אויפן הויף. איבער נאַכט זענען זיי צעריסן געוואָרן פון קעץ און מייז.

אויפצומאָרגנס האָט מען זיי צוגענומען, אָבער די פרויען זענען נאָך געלעגן אַ פאָר טעג.

עס איז געקומען ערב ראש־השנה פאַרנאַכט. וואָס טוט מען? עס ווילט זיך גיין אין שול אויסגיסן דאָס פארווייטיקטע הארץ און כ׳האָב מורא צו גיין. איך קוק אָפט אַרויס, אפשר גייט עמעצער אין שול. איך זע קיינעם נישט. פונ־דערווייטנס זע איך גיין מאקסן פון דער בריק. ער איז שוין נישט געווען ווייט

חיה גאָראָדעצקי ז״ל, איר מאן און זייער צווילינג
(איר מיט די קינדער האָט מען דערשאָסן אין גאס אין לענין)

פון מיר, שרייט ער: קראַוויעץ, גיי אין שול, איך האָב געפועלט ביים קאָמענ־דאַנט, אַלע יידן קענען גיין אין שול. ביי מיר האָט נאָך דאַן געלעבט מיין פאָטער נפתלי, אלט געווען 86 יאָר. איך בין אַריין אין שטוב און אים געזאָגט, אַז מען קאָן גיין אין שול. מיר האָבן גענומען די מחזורים און אַוועק. אין שול זענען געווען ווייניק מענטשן. עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ מנין. אָבער מיר האָבן נישט געדאַוונט, מ׳האָט געוויינט. מיר האָבן זיך געאיילט, ס׳זאָל נישט ווערן גוט נאַכט. חיים דער שמש האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. ער האָט

זיך אָבער באַלד צעוויינט און נישט געקאָנט דאַוונען. מיר זענען זיך איינציק־ווייז צעגאַנגען אַהיים. איך בין געקומען מיט מיין פאָטער אין שטוב און גע־זאָגט: שנה טובה! איז ווידער געוואָרן אַ געוויין. אין שטוב איז פינצטער און דאָס שטיקל ברויט ליגט אויפן טיש, מ׳האָט געמאַכט אַ גלאָז טיי און מיט דעם האָט מען זיך געלייגט שלאָפן.

אויפצומאָרגנס פרי וויל מען גיין ווידער אין שול. איך האָב געזאָגט מיין פאָטער, אַז ער זאָל נישט גיין. זאָגט ער צו מיר: וואָס וועט מען מיר טאָן? מ׳וועט מיך שיסן, מיר זענען שוין סיי ווי דערהרגעטע. מיר זענען אַוועק. עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפשער עולם. דער שמש חיים האָט זיך געשטעלט דאַוונען. אינמיטן שחרית זענען אָנגעפלויגן עטלעכע עראָפּלאַנען און זיך אָנגע־הויבן דרייען איבערן שטעטל. ס׳איז געוואָרן אַ ביסל אַ טומל נאָר מען האָט געענדיקט דאָס דאַוונען.

צומאָרגנס איז געקומען מאַקס אין שול און געזאָגט: גוט, גוט, דאַוונט יידן און בעט גאָט. מיר זענען דעם יום־טוב איבערגעקומען.

עס איז געוואָרן האַרבסט, רעגנס, די בלאָטע איז גרויס. אויפן טראָטואַר טאָר מען נישט גיין און די אַרבעט פאַר די יידן איז געוואָרן ערגער.

אין שפּיטאָל האָבן זיך געפונען א סך דייטשן. מען האָט דאָרט געדאַרפט אַלע טאָג אָנשניידן האָלץ און אַריינטראָגן אין יעדן צימער, אויסהייצן די אויוונס און אויסוואַשן די פּאָדלאָגע. אויך אין דער גמינע פלעגן מוזן אַלע טאָג גיין 25 מענטשן אויף צו שניידן האָלץ, הייצן און רוימען. און אַז מען איז פּטור געוואָרן פון דעם האַרבסט, זענען געקומען פרעסט מיט גרויסע שנייען און אין שפּיטאָל האָט מען געדאַרפט, אַז דער הויף, ווי אויך דער דאַך זאָל זיין אָפּגערייניקט פון שניי. פלעגט מען קריכן אויפן דאַך און קערן דעם שניי און אים אַראָפּטראָגן ביז אויף יענער זייט פּלויט. רחמיאל דוואָרין איז איינמאָל געווען אויפן דאַך און זיך אויסגעגליטשט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. אַ גליק איז נאָך געווען, וואָס ער איז געפאַלן אויף אַ קופּע שניי איז ער געבליבן לעבן. (עס קאָן זיין, ווען ער ווערט דאַן דערהרגעט וואָלט אים געווען בעסער), ווייל מ׳האָט אים שפּעטער געהאָנגען אין לאַגער. די מערדער האָבן געזען, ווי ער איז אַראָפּ־געפאַלן.

איינמאָל אינדערפרי זע איך אין פענצטער, ווי די דייטשן פאָרן אויף שליטנס. דער פראָסט איז געווען גרויס, אָבער די זון שיינט. בערך אַ 20 פורן זענען אַדורכגעפאָרן נעבן אונדזער שטוב, אויף יעדן שליטן א דריי־פיר דייטשן אָנגעטאָן מיט דער גאַנצער אוניפאָרם. איך האָב זיי דאַן געווונטשן, אַהין נישט פאַרפאָרן און צוריק נישט קומען. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פאָר שעה, זע איך, ווי זיי פאָרן צוריק. אויף יעדן שליטן, ליגן פיר פאַרווונדעטע מיט פאַרבונדענע קעפּ, אַנדערע ליגן איינגעדעקטע. וואָס איז געווען? זיי זענען ערגעץ געפאָרן, ווו, ווייס איך נישט. איז געווען אין וואַלד פאַרטיזאַנער און מ׳האָט זיי גוט דערלאַנגט.

אויפצומאָרגנס פרי רופט מען דעם גאַנצן יודן־ראַט קומען אין דעם שפּיטאָל. עס איז נישט פשוט די זאַך. אַז זיי זענען דאָרט געקומען, האָט מען זיי געהייסן וואַרטן, ווו? אויף דער גאַס. דער פראָסט איז גרויס, עס האָט געדויערט מער ווי אַ שעה ביז עס איז אַרויס זייער הויפּט־מערדער מיט נאָך צוויי געהילפן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז די יידן פון שטעטל האָבן נעכטן געשאָסן אויף אונדזערע זעלנער און דערפאַר איז אייער שטראָף, אַז היינט וועט איר אַלע, דאָס גאַנצע שטעטל מיט אייך צוזאַמען ווערן פאַרניכטעט.

דער גאנצער יודן־ראַט איז פאַרגליווערט געוואָרן, אָבער אהרון מילנער האָט זיך אָנגענומען מיט גרויס מוט און געבעטן צען מינוט צו רעדן. מען האָט אים נישט דערלויבט, האָט ער ווידער אמאָל געבעטן. מען האָט אים דערלויבט זאָגן עטלעכע ווערטער. און ער האָט געזאָגט: ביי אייך איז דאָ אַ פּאַפּיר וויפל יידן ס׳זענען פאַראַן אין שטעטל און אויב עס וועט נאָר פעלן איין ייד קענט איר אויספירן אייער באַפעל. און ער האָט נאָך אַ סך פאַקטן אָנגעוויזן און דער מערדער איז ווייכער געוואָרן און האָט געהייסן גיין אַהיים. האָבן זיך אַלע פון יודן־ראַט געבויגן צו אים און געהויבן די האַנט, זאָל היטלער לעבן. זיי האָבן געוואָלט שוין אַוועקגיין, אָבער עס גייט זיך נישט, די פיס מיט די הענט פאַרפרוירן. אַ ייד האָט נישט געטאָרט האַלטן די הענט אין קעשענע. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. די פריידן האָט זיי געפירט. איך בין אַריין צו מיין שכן יענקלען און געוואַרט. אין אַ גוטער שעה און מיין שכן איז דאָ. אַריינקומענדיק זאָגט ער: שלעפּט אַראָפּ פון מיר די שיך נאָר לאַנגזאַם. די קינדער האָבן פאַר־מעלעך אַראָפּגעשלעפּט די שיך פון די געפרוירענע פיס. ער איז געקומען צו

זיך און געטרונקען אַ גלאָז הייסע טיי, האָט ער אַלץ דערציילט. ער האָט געזאָגט, ווען נישט אהרון מילנער, וואָלט מען היינט אַלע דערשאָסן. אַ דאַנק גאָט פאַר אהרונען.

אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער לעבן ביי די נאַצישע מערדער.

אהיימקומענדיק פון שכן האָב איך אַלץ דערציילט, וואָס עס האָט פאַסירט, ווי מען האָט געוואָלט היינט אויסהרגענען דאָס גאַנצע שטעטל. רופט זיך אָן מיין פרוי: פריער צי שפּעטער וועט מען אונדז אויסהרגענען, אַ דאַנק גאָט, וואָס אונדזער זון אברהמעלע מיט זיין טאָניען זענען אַוועקגעפאָרן. גאָט ווייסט, וואָס וועט זיין מיט זיי דאָרטן, אָבער מיינע אויגן וועלן נישט זעען. דו ווייסט — זאָגט זי צו מיר — אונדזער שנור איז שוין אין דריטן חודש שוואַנגער. פון וואַנען ווייסטו? „פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן, אין איין שטוב און איך בין דאָך אויך אַ מאַמע. מיין פרוי איז געווען זייער אָן איבערגעגעבענע צו די קינדער.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מ׳האָט זיך געלייגט שלאָפן נאָך די גרויסע צרות, וואָס מיר טראָגן אַריבער. אין שלאָף הערן מיר אַ קלאַפּ, אַז די גאַנצע שטוב האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. איך הער, אַז איבער דער וואַנט קלאַפּט צו אונדז די שכנה חיה ראַבינאָוויטש און פרעגט: „וואָס איז געשען מרדכי?” זאָג איך: עפּעס אויפן בוידעם איז געווען דער קלאַפּ. פון שטוב איז געווען אַ טיר אויפן בוידעם. איך כאַפּ זיך אַרויף אין דער הויך, איך וויל עפענען די טיר מ׳קאָן נישט. איך האָב אַ רוף געטאָן מיין שכן דעם פּליט. מיר ביידע ווילן עפענען — מ׳קאָן נישט. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דער קוימען איז איינגעפאַלן. עס פאַלן שוין שטיקער ציגל. מיר זענען קוים אַרויף אויפן בוידעם. דערווייל האָבן זיך צעבראָכן די ליג-בעטלעך און די אויוונס האָבן זיך נאָך געהייצט, מיט רויך איז פול געוואָרן דער בוידעם. וואָסער איז געווען אין שטוב אַ פּאָר עמערס. מיר האָבן פאַרלאָשן די אויוונס. מיר זענען שוין געבליבן אין בוידעם ביז ס׳איז שוין נישט געווען קיין רויך.

עס איז באַלד געוואָרן טאָג. וואָס טוט מען? עס איז קאַלט. מען האָט אויסגעקילט די שטוב און ביים שכן איז אַ קליין קינד. נישט גוט. איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן. איך זע, אַז עס גייען שוין אין גאַס מענטשן. איך בין אַוועק צו מיין ברודער יעקלען פרעגן אָן עצה. זאָגט ער צו מיר: „די ערשטע

זאַך דאַרף מען זען, אַז פאַרן קינד זאָל זיין וואַרעם. ביי אונדז איז פאַראַן אַן אייזערן אייוועלע. נעם, זאָל דער שכן דאָס אַריינשטעלן אין שלאָף־צימער. ער האָט מיט מיר גענומען דאָס אייוועלע און מיר האָבן געבראַכט צו דעם שכן. ער איז געווען אַ צופרידענער.

אַ ביסל ליים איז געווען און מען האָט געמאַכט אין סאַמאָוואַר הייס וואַסער. די רער האָט מען אַריינגעפירט אין פענצטער צום הויף און חי געלעבט. עס איז שוין וואַרעם. וואָס טוט מען ווייטער? איך בין אַוועק צום „דאָקטאָר", צו פסחן דעם מאָלער, צו אונדזער מחותן און איך האָב אים אַלץ דערציילט. זאָגט ער צו מיר: ווי קאָן מען איצט דאָס מאַכן? אַזעלכע פרעסט. דערווייל גרייט צו, וואָס מ'דאַרף, עס וועט ווערן אַ ביסל וואַרעמער, וועט מען דאָס קאָנען פאַרריכטן.

ער איז מיט מיר געגאַנגען זען, וואָס מען דאַרף, האָט ער געהייסן צוגרייטן נישט ווייניקער ווי פיר הונדערט ציגל, אַ וואָגן ליים און זאַמד. אָבער ווו נעמט מען דאָס? דער קאָפּ דרייט זיך אויף אַלע זייטן. איך בין אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעטל און ביי קיינעם נישטאָ. עס איז יאָ געווען אין אַ פּאָר ערטער, נאָר אַז יענער וויל נישט געבן אפילו פאַר געלט, קאָן מען נישט צווינגען.

איך בין אַוועק אין מיל, זאָגט מיר סקאַזאַליק: עס איז דאָ, נאָר ער האָט מורא פאַר די דייטשן. זיי האָבן אַלץ איבערגעשריבן. איך בין מיט אים געווען גוט באַקאַנט און ער האָט מיר פאַרקויפט. ווי אַזוי פירט מען איבער, אַז די מערדער זאָלן נישט זען און קיין פור קריגט מען נישט. האָב איך מיט אַ שליטעלע צו ביסלעך, מיט די קינדער אַריבערגעפירט. די ציגל און מיט אַ ביסל היי פלעג איך איבערדעקן. די ציגל זענען שוין דאָ. ווו נעמט מען ליים? האָב איך אָנגעהויבן גיין צו די פויערים, האָב איך געטראָפן און אויך אַליין דאָס אַריבערגעפירט.

דערווייל איז אין שטוב גוט קאַלט. עס איז אַריבער אַכט טעג ביז דאָס אַלץ איז געווען אָפּגעטאָן אַדאַנק אונדזער מחותן פסח.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען צו אונדז אין שטעטל געבראַכט פון וואָלקע (אַ דאָרף, וואָס ליגט נעבן לוליניעץ), זעכציק יידישע פרויען מיט

קליינע קינדער. זייערע מענער מיט די עלטערע קינדער האָט מען אָפּגעפירט אין לוליניעץ. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ בילד דאָס איז געווען: הוילע, כמעט באָרוועסע און הונגעריקע. דער יודן־ראַט האָט אַרבעט, ווי זאָגן און בעטן, אַז מ׳זאָל אריינגעמען אַ פרוי. קיינער וויל נישט. מען האָט נישט געזשאַלעוועט די הייזער, אָבער מען וועט דאַרפן געבן אַ שטיקל ברויט,

ישראל גאַלינסאָן ז״ל געשטאָרבן אין לעניין

אַלע צרות פלעגן זיין אין דער גמינע נישט ווייט פון מיר. אַלע נאָענטע שכנים זענען אַרויס: מיין ברודער יענקל, דוד דער שניידער, זיין ברודער איטשע און הירשל קושע גאַלינסאָן און מ׳שטייט און מ׳באַדויערט אַלע.

הירשל קושע גאַלינסאָן רופט זיך אָן: „וואָס וועט זיין פון רעדן? מיר אַלע, וואָס זענען דאָ, דאַרפן נעמען די פרויען און צופירן אין אַלע הייזער און נישט פרעגן צי מ׳וויל אָדער נישט. אַזוי איז געווען. מ׳האָט זיי ווי ס׳איז איינגעאָרדנט מיט גרויסע מי, אָבער זיי האָבן געליטן הונגער. די מערדער פלעגן געבן צו דריי הונדערט גראַם ברויט פאַר זיי. אַפילו די שטעטלדיקע פלעגט מען אויך געבן די זעלבע פאַרציעס. שרעקלעך פלעגט זיין ביים צוטיילן די פאַרציעס ברויט.

פון די גרויסע צרות, שרעק און הונגער זענען אַ סך מענטשן געשטאָרבן,

ווי זלמן ברעסלער, אהרונקע מיגדאַלאָוויטש, דוד טעמקין. מער געדענק איך נישט. זלמן איז נישט געשטאָרבן פון הונגער. ער האָט געהאַט מסתמא דאָס ברויט. זיינע אַלע יאָרן האָט ער געלעבט אין שענסטן לוקסוס און איצט איז גאָרנישט דאָ: נישט קיין פלייש, נישט קיין מילך און אוודאי נישט קיין פוטער.

הירשל קושע גאלינסאָן ז"ל מיט זיין פרוי און טאָכטער אומגעקומען אין לעניבער געטאָ. זייערע פינף זין האָט מען אויפגעהאָנגען אין האנצעוויטשער לאגער (איין זון לעבט היינט אין ישראל)

נאָר פונדעסטוועגן וואָלט ער נאָך געלעבט, אָבער די שרעק האָט אים געגעבן דעם טויט. די שענסטע נדבה פון שטעטל איז אַרויס פון זלמנס שטוב. אין שול אויפן צעטל פון יאָריקן חשבון איז ער געשטאַנען, וואָס האָט געגעבן צו לייזן מער ווי אַלע, און זיין פרוי עטל האָב איך געהערט אַ סך יאָרן צוריק זעגן איר. פאר דער מלחמה איז ביי איר געווען א באזונדער ביכעלע, עס פלעגן צו

איר קומען אַזעלכע פרויען און אָננעמען וואָס זיי פלעגן דאַרפן, און זאָגן: עטל, איך האָב איצט נישט קיין געלט. פאַרשרייבט. גוט, גוט, גייט געזונטערהייט און פלעגט פאַרשרייבן אין איר קעשענע־ביכעלע.

אהרון מיגדאַלאָוויטש איז געשטאָרבן אויך נישט פון הונגער. איין שוואַכער ייד איז ער געווען און די גרויסע איבערלעבענישן אַז יעדע ווײַלע האָט מען געהאַלטן די נשמה אין די הענט.

דוד טעמקין פאַרשטיי איך, אַז ער איז געשטאָרבן פון הונגער. ער איז געווען אַן עלנדער. די קינדער האָט ער נעבן זיך נישט געהאַט. זיין עלטערער זון נחמיה האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגעפירט קיין סיביר און דער צווייטער זון קלמן איז אין אַמעריקע און צוויי טעכטער זענען דאָ אין ישראל. און אַליין איז ער געווען אַ שטילער מענטש, וואָס ער איז אין ערגעץ נישט אַרויס פון שטוב.

מיין פאָטער נפתלי איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק 86 יאָר. איך און מיין ברודער יעקל זענען שוין נישט געווען אינדערהיים. מיר זענען שוין געווען אין האַנצעוויץ אין לאַגער. ער איז געשטאָרבן מיט פינף אָדער זעקס וואָכן צוריק. מען האָט אויסגעקוילעט דאָס שטעטל. ער איז געווען נאָך אַ געזונטער ייד. ער פלעגט לאַכן, אַז עמעצן טוט וויי אַ צאָן און פון הונגער איז ער אויך נישט געשטאָרבן. דאָס ברויט מיט קאַרטאָפל זענען נאָך געווען ביי אונדז, נאָר פשוט פון שרעק און גרויסער דאגה, וואָס מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט אין לאַגער: מיך, מיין ברודער און מיין זון געצעלען, אַ קינד פון 13 יאָר, איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. ווייל איז אים, וואָס ער ליגט אויפן אַלטן בית־הקברות.

מיין פעטער יודל, דעם טאַטנס אַ ייִנגערער ברודער, ייִנגער אפשר מיט אַ צען יאָר, אָבער ער איז געווען אַלע זיינע יאָרן קראַנק. איז אויך געשטאָרבן, פאַר־נאַכט האָט מען אים באַהאַלטן נעבן זיין פאָטער און אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מען שוין געטריבן דאָס גאַנצע שטעטל צו הרגענען. זיי האָבן ביידע ברידער געהאַט גרויס מזל, וואָס זיי זענען נישט אַריינגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט.

מיר האָבן דערלעבט פורים. אַ גרויסע פרייד אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער דאָס גרויסע אומגליק, וואָס עס איז געווען פאַרדעקט די פורימדיקע מגילה. מען דאַרף לייענען היינטיקע מגילות, וואָס היטלער האָט אָפּגעטאָן. המן האָט געוואָלט אויסהרגענען אַלע יידן. האָט ער טאַקע אַליין געהאַט אַ סוף. אָבער היטלערן האָט זיך איינגעגעבן זעקס מיליאָן יידן אויסצומאָרדן. ביי המנען האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מרדכי מיט אסתרן און מ'האָט געראַטעוועט אַלע יידן, און ביי דעם איצטיקן אומגליק האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן. מסתמא דאַרף אַזוי זיין. זייער ווייניק מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען פאַרנאַכט צו דער מגילה, אָבער אַ מנין איז געווען. אהרון מילנער האָט אָנגעהויבן זאָגן די ברכה און האָט זיך שטאַרק צעוויינט און אַלע נאָך אים.

פסח-צייט

עס איז געקומען שוין די צייט פון באַקן מצות. האָט אונדזער יונגער גרויסער צדיק ר' משהלע געזאָגט, אַז מצה דאַרף מען באַקן. ווער עס האָט אַ ביסל מעל, ווייצענע, קאָרענע רעטשקע מעל. אַזוי איז געווען. מען האָט זיך צונויפגענומען צו צווייען און דרייען און מ'האָט, ווי עס איז אָפּגעבאַקט אַ ביסל מצות. ר' משהלען האָבן די היטלעריסטן אָפּגעשניטן די באָרד, איז ער געגאַנגען פאַרבונדן מיט אַ טיכל. עס איז שוין פסח, איך געדענק נישט, וואָס פאַר א טאָג דאָס איז געווען, א נייע גזירה: מען דאַרף זעכציק יידן אין האַנצאָוויץ אויף אַרבעט, עס העלפט עפּעס? דער יודן־ראַט האָט אַרויסגעשטעלט פון יעדער שטוב איין מענטש, געוויינטלעך עלטערע קינדער. ביי מיר איז מיין עלטערער זון אָוועקגעפאָרן, האָט מען פאַרשריבן דעם קלענערן געצעלע, וואָס ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר. מיין פרוי האָט דאָס דערהערט: — איך וועל לאָזן אַזאַ קינד אין דער פרעמד און נאָך צו אַזעלכע גזלנים? די ריכטיקייט האָב איך אויך נישט געוואָלט שיקן דאָס יינגל און בעסער גיין אַליין, אָבער די פרוי און קינדער האָבן נישט געלאָזט.

אויפצומאַרגנס האָט מען זיי אָוועקגעשיקט, אַלע יונגע יינגלעך, אָבער מיינער איז געווען דער יינגסטער פון זיי אַלע. מיר האָבן אים געגעבן דריי לעבּ־לעך ברויט, אַ ביסל גרויפּן. עס איז נאָך געווען אַ פּאָר גאָמולקעס פון דער בהמה, וועש און אַ פּאָר שטיקלעך זייף. עס איז געוואָרן אַ גרויס פּעקל. ווי אַזוי וועט ער דאָס טראָגן? ערשט אין מאַקאָוויץ האָט מען געגעבן צוויי פורן. זיי זענען אַוועק. ס׳איז געווען גוט אויפן האַרצן.

נישט ווייט פון מיר אויף לאַכווער גאַס, האָט פריער געוווינט רודניצקי, האָבן אים די גוטע חברים אַרויסגעשיקט קיין סיביר און איצט האָבן די דייטשן פאַרנומען די שטוב. איינמאָל איז אַריין צו מיר מילנער און זאָגט מיר, אַז איך זאָל אַריין צו די מערדער, וואָס לעבן ביי רודניצקין. זיי האָבן געבעטן אַ שניידער. כ׳האָב אַ קליינעם חשק געהאַט צו גיין צו זיי, אָבער איך בין אַוועק. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. יאָ, יאָ. איך בין אַריין. אַ שניידער? יאָ איז ער אַוועק אין צווייטן צימער און ער האָט אַרויסגעטראָגן דריי קאָסטיומען. אָבער גוט ווּעסטו מאַכן? איך דאַרף זיי אויספּרעסן. עס איז געווען פרי און ער זאָגט מיר, אַז פאַרנאַכט זאָל איך ברענגען דאָס צוריק. איך בין געקומען אַהיים, איך האָב צוגענומען די קאָסטיומען, און איך קלער: וואָס איז ער משוגע, עס איז נישטאָ וואָס צו פּרעסן. איך האָב זיי עטוואָס איינגעשפּריצט מיט וואַסער און אַ רייב געטאָן מיטן בערשטל און אויפגעהאָנגען אויף הענגערס. זיי זענען גע־האָנגען ביז פאַרנאַכט, דאַן האָב איך זיי צוריק אַוועקגעטראָגן. איך קום אַריין, האָט ער באַקוקט, יאָ, עס איז גוט, ער לייגט מיר אַרויף די האַנט אויפן אַקסל: האָסט ברויט? ניין. איז ער אַוועק און ברענגט מיר אַ לעבל ברויט און פינף מאַרק און זאָגט מיר: יעדן זונטיק זאָלסטו קומען. איך האָב אים באַדאַנקט און אַוועק.

מיט צוויי טעג שפּעטער, מיר זענען אַלע געווען אין שטוב, ערשט דער זעלבער מערדער מיט נאָך צוויי אַנדערע אָפיצירן זענען אַריין אין שטוב, אַ קוק אין אַלע זייטן און מ׳האָט אונדז געהייסן אַרויסגיין פון שטוב, מיר זענען תיכף אַרויס מיט דער הינטערשטער טיר אויפן הויף און מיר וואַרטן. עס האָט גע־דויערט כמעט אַ האַלבע שעה, הער איך פון שטוב אַ שטאַרקן קלאַפּ, וואָס, ווייס

איך נישט. איך זע, אַז איינער פון זיי איז אַרויס פון שטוב און ער שטייט אויפן בריקל. דער מערדער איז געשטאַנען אַזוי לאַנג ביז עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּאָליציי־מאַן, ער האָט אים אַריינגערופן אין שטוב. באַלד זענען מיר, ווי ער האָט אַרויסגעטראָגן אויף דער פּלייצע אַ גרויסן פּאַק. רופט זיך אָן מיין פרוי, אַז דאָס ברויט האָט מען צוגענומען. אַזוי איז געווען. אינדערפרי האָט זי אָפּ־געבאַקן אַכט לעבלעך ברויט, וואָס זענען געלעגן אין קיך אויפן טיש, נאָך הייס געווען, זיי האָבן אַראָפּגענומען פון בעט אַ קאָפּע, עס איינגעבונדן און אַוועק־געגאַנגען מיט דעם רויב.

מיר זענען אַריין אין שטוב. באַלד האָבן מיר געזען, וואָס עס איז געשען: אויפן בופעט איז געשטאַנען איין גרויסער שטיינערנער טעלער, צום סדר פּסח פלעגט מען עס נוצן. עס איז אויף אים געווען געדרוקטע ווערטער אויף יידיש (זייער אינטערעסאַנט). איך האָב אים געבראַכט פון קיעוו מיט 35 יאָר צוריק פאַר מיינע עלטערן.

אין שטוב האָבן זיי אַלץ איבערגעקערט, אַלץ אַרויסגעוואָרפן פון בעט, פון דער שאַפע, פון די בעטן, אַ גאַנצער פּאָגראָם. וואָס זענען זיי פונקט צו מיר אַריין און געמאַכט אַזאַ רעוויזיע? ווייס איך נישט.

עס איז געקומען זונטיק, האָט ער מיר געהייסן קומען, האָב איך שוין מורא צו גיין, נאָר איך בין אַוועק. ער האָט מיר געגעבן ווידער צוויי אנצוגער צום אויספרעסן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער מיך דאַן נישט דערקענט, ווייל ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט וועגן דעם. פאַרנאַכט, ווען איך האָב אים דאָס צוריק אַוועקגעטראָגן, האָט ער מיר געגעבן ביי אַ האַלבן קילאָ צוקער און אַ שטיק פוטער. איך האָב געדאַנקט און אַוועק. ער האָט מיך געהייסן ווידער קומען זונטיק. ער אַליין איז געווען אַן עלטערער מענטש, ביי אַ 55 יאָר און יענע צוויי זענען געווען יונגע. (די עלטערע זענען נישט געווען אַזעלכע גזלנים). זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען גראָסמאַן. דער סוף זיינער איז געווען, אַז מען האָט אים געהרגעט אין דער זעלבער שטוב. איך וועל נאָך שרייבן וועגן אים ווייטער.

עס איז אַדורכגעגאַנגען עטלעכע וואָכן, ווי מ'האָט אָפּגעשיקט די יינגלעך קיין האַנצאָוויץ, ווידער אַ טומל. אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע בוי־אַרבעטער זאָלן

פאָרן נאָך האַנצאָוויץ. איצט איז שוין אַוועק מיין ברודער יענקל, שייע לאַטוכאַ, יענקל טאפּצ׳יק, בעניע טאפּצ׳יק, חיים קראַוויעץ און אַנדערע. בערך אַ פופצן מאַן.

אַ געטאָ

עס גייט שוין צו יום־טוב שבועות. אַ נייער באַפעל — אַ געטאָ, מיט אַ פּאָר טעג פריער זענען די הויפּט־גזלנים געגאַנגען איבערן שטעטל און גע־פּלאַנעוועט, ווען וואָס האָט מען נישט געוווסט. אָבער מיר האָבן שוין פאַר־שטאַנען. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די גרויסע גאַס פון לייזער חיים ליליענבערג און די צווייטע זייט פון נח רובינשטיין און דאָס ווינקל, וואָס מען פלעגט אָנרופן „די קיפּצעס" זאָל געהערן צום געטאָ און די צווייטע זייט נישט. אויפצומאַרגנס פרי האָט מען שוין געהייסן אונדז זיך איבערפּעקלען. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט אָנגעהויבן קוקן, ווו אַהין זיך צו ציען. מיין ברודער יענקלען האָט מען שוין לאַנג משלח געווען פון זיין היים. מ׳האָט זיין שטוב פאַרנומען פאַר מיליץ. ער האָט דאָן זיך איבערגעצויגן צו טאַטלען. איך בין אַוועק זען דאָרט אַן אָרט. ס׳איז געווען אַ צימער, אָבער צו דער גאַס, און מיר האָט זיך שוין גוט איינ־געגעסן די גאַס. אין דער זייט איז געווען אַ סך בעסער.

איך לויף אַהיים און נעם אַ וואָגן. קיין שווערע זאַכן האָט מען נישט גע־קאָנט נעמען. דאָס ערשטע איז נישט געווען, ווו צו שטעלן און צווייטנס קיין פערד איז נישטאָ. בקיצור — איך האָב אָנגעלייגט בעטגעוואַנט, אַ ביסל זאַכן און געפּאַרן. איך שלעפּ דעם וואָגן און די קינדער פון הינטן העלפן. אין די גאַסן איז אַ טומל, מ׳שלעפּט פּעקלעך, דער אַהין און דער אַהער, אַזוי ווי פאַרסמטע מייז. איך פאָר אין גאַס, לויפט אַרויס מאַשע אליקים דעם שניידערס פרוי. וווהין שלעפּסטו דאָס? צו טאַטלען. ביי איר איז נאָך קיינער נישטאָ, איר קענט זיין ביי אונדז. מיר איז דאָס געפעלן געוואָרן. איך בין אַריינגעלאָפן אין שטוב, זאָגן זיי: מיר וועלן זיין אין שלאָף־צימער און איר אין עס־צימער. מיר האָבן שוין פאַרקירעוועט די פור, אַראָפּגענומען אַלץ, אַוועקגעפּאָרן צוריק. מיר זענען בעקומען נישט ווייט פון שטוב, זעען מיר ווי איטשע קאלפּאניצקי האָט באַקומען אַ פערדל און ער האָט אָנגעלייגט אַ גוטן וואָגן, אַ ביסל מעבל, בעטגעוואַנט און

פאַרט. אין דעם קומט אָן אַ מערדער און שטעלט אים אָפּ. ווו פאָרסט דו? אין געטאָ. דו ביסט נישט קראַנק אַליין צו שלעפן? שוין ווערסטו דערשאָסן און נעמט זיך פאַרן רעוואָלווער. איטשע האָט תיכף אויסגעשפּאַנט דאָס פערד. ער האָט נישט געקענט דאָס אַלץ שלעפן אַליין. ער האָט געמוזט אַראָפּנעמען אַ סך זאַכן פון וואָגן און שלעפן. איך האָב ווידער אָנגעלייגט אַ פורל און פאָר ווייטער. לייזערקע דער שוסטער איז אויך אָנגעקומען און געבראַכט אַהין אויך זיינע זאַכן. מאַשע האָט מיך דערזען, האָט זי פאַרבראַכן די הענט: ווי געפעלט אייך, מרדכי, איך דאַרף דאָ האָבן לייזערקען מיט חייקען אין שטוב? וואָס טוט מען? מיר לויפן שוין ווידער צו טאַטלען. דער באַפעל איז געווען, אַז ביז נאַכט זאָלן אַלע זיין אין געטאָ. מ'האָט ווי ס'איז אַריבערגעשלעפּט אַ ביסל זאַכן, ווי פון אַ שריפה, אַ ביסל אין שטוב, אַ ביסל אין גאַס און דער גרעסטער טייל איז געבליבן אויפן אָרט, צוויי שאַפעס, דער קאָמאָד, די טישן. אַ דאַנקען גאָט — מיר האָבן שוין אַ געטאָ.

איבער נאַכט זענען מיר געבליבן ביי מאַשען. אינדערפרי בין איך גלייך אַוועק צו טאַטלען זען צי דער צימער איז נאָך ליידיק. יאָ, ער איז נאָך ליידיק. גלייך האָב איך זיך אומגעקערט. נו, קינדער, מיר וועלן זיך ווייטער ציען. מיר האָבן זיך אַלע אָנגענומען מיט חשק, אפילו מיין אלטער פאָטער האָט אויך געוואָלט אַ פעקל. מיר האָבן אים נישט געזשאַלעוועט, אָבער גיכער. מאַשעס קינדער האָבן מיר צוגעהאָלפן שלעפן דעם טאַטנס בופעט. עס האָט נישט געדויערט צוויי שעה זענען מיר געווען אויף דעם נייעם קוואַרטיר. אַ גרויס צימער. מיין פאָטער איז פון גרויס האַרצווייטיק קראַנק געוואָרן און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט.

עס איז אַריבער אַ פאָר שעה, אַ נייע גזירה. אַלע יידן ביז זעכציק יאָר זאָלן קומען צום קלוב אויף לאַכווער גאַס ביז 3 אַזייגער. אַלע זענען געקומען פינקטלעך. באַלד איז געקומען אַ דייטש, דער וואָס האָט מיר געגעבן דאָס ברויט מיטן צוקער און נאָך צוויי דייטשן. זיי האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל זיך אויסשטעלן צו צווייען אין אַ שורה, אַזוי ווי סאָלדאַטן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרבייגיין, געקוקט אין פּנים. ווער ס'איז אים נישט געפעלן, צו אַלט אָדער צו שוואַך, פלעגט ער זאָגן: אַרויס! ווי ער איז צוגעקומען צו מיר פרעגט ער: מיין שניידער? ער נעמט מיך אָן פאַרן אָרבל און זאָגט: גיי אַהיים. איך בין אַוועק.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ׳וועט ווידער שיקן נאָך האנצאָוויץ. ער האָט עס געמאַכט גיך, אָפּגעקליבן הונדערט און פוציק מענטשן: איר וועט מאָרגן פרי זיין דאָ אויף דעם פלאַץ, פינף אַזייגער. איך בין געקומען אין מיין נייער דירה און דערציילט מיין פרוי און קינדער. אַ דאַנקען גאָט, זייער גוט, איך בין צוגע־גאַנגען צו מיין אַלטן פאָטער און אים דאָס דערציילט. זייער גוט, מיין זון יענקל איז נישטאָ, כאָטש איינער זאָל זיין אין דער היים און ער פרעגט מיך: און ישראל? דאָס איז מיין ברודערס איידעם, זאָג איך, אַז ער גייט אַוועק צו יענקלען, נישט גוט

אויפצומאָרגנס פרי איז געווען שבועות, (ווען ס׳איז געווען אַ צרה איז אָדער אין שבת אָדער אין יום־טוב). פאַרנאַכט דעם זעלבן טאָג קומען אַריין צוויי פּאָליציי־לייט. איך בין פונקט געווען אין שטוב. דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי האָט געהייסן זיך צו אים ווענדן. איך גיי מיט די צוויי לייט, איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט. אַלע יידן אין גאַס זעען, ווי מען פירט מיך און מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳וועט מיך שיסן פאַר עפּעס. איך האָב גראָד זיך נישט דערשראָקן, איך פיל, אַז איך בין נישט אין ערגעץ פאַר־מישט. איך בין געקומען אין דער זעלבער שטוב, ווו איך פלעג באַקומען די אַרבעט. איך בין אַריין, אַראָפּגענומען דאָס היטל. קראַוויעץ, זאָגט מען מיר, אַזוי ווי דער הער גראָסמאַן האָט דיך אָפּגעשטעלט און איצט פעלט אונדז אַ מענטש ביז די הונדערט און פופציק, מוזסטו איצט פאָרן. איך בין אַרויס פון אים און שטיי און קלער אַריינצוגיין צו גראָסמאַנען אָדער נישט? וואָס האָב איך אָנצווורען. כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַ קלאַפּ געטאָן. יאָ! איך בין אַריין. וואָס ווערסטו זאָגן, שניידער. זאָג איך אים, אַז דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי הייסט מיך פאָרן. רופט ער זיך אָן: דער קאָמענדאַנט קאָן פאַרבייטן מיין באַפעל. ער הייסט מיך דאָך וואַרטן, ער איז אַוועק צו אים. נאָך אַ היפּשער צייט איז ער געקומען. צוריק מיט גאָרנישט, זיי האָבן זיך שוין דערעדט. איך בין אַוועק אַהיים. אַלע אויף דער גאַס פרעגן, וואָס איז? גאָרנישט, איך דאַרף פאָרן מיט אַלע נאָך האַנצאָוויץ.

ביי נאַשקען יולעוויצן זענען געווען צוויי איידעמס: איינער אַ פּליט; איז

ער גערוען מיט דעם קאָמענדאַנט גוט באַקאַנט. ער איז געווען אַ שטיקל שאָפער, פלעגט ער זיי מסתמא רייניקן די אויטאָס און דער צווייטער איידעם איז געווען פון קלעצק, זייער אַ שטילער יונגערמאַן, אַ שניידער. האָט ער געפועלט, אַז זיין שוואָגער זאָל זיין אינדערהיים און איך זאָל פאָרן. ווען איך שטעל זיך דאַן אָפּ אינדערהיים, איז ביים דערהרגענען אַלע, האָט מען דאָך איבערגעלאָזט צוויי שניידער. איך רעכן, אַז דער זעלבער גראָסמאַן וואָלט מיך געוויס איבערגעלאָזט. דאָס איז אויף הונדערט פּראָצענט וואָלט געווען אַזוי. איך לעב אַדאַנקען גאָט, אָבער איך האָב געקענט ראַטעווען מיין געזינדל, נאָר מסתמא האָט געדאַרפט אַזוי זיין. אָט אַזעלכע יידן זענען אויך פאַראַן.

ביי מיר אין שטוב האָבן די פרוי און קינדער דערווייל שטאַרק איבערגעלעבט, ביז איך בין צוריק געקומען. וואָס הערט זיך? מען דאַרף פאָרן צו געזעגענען. ס'איז געוואָרן אַ נייער געוויין. באַלד האָט מען מיר אַנגעפילט די וואַליזקעס. אַ זעקל מיט דריי לעבלעך ברויט, אַ צוויי פּאָר וועש, אַ ביסל גרויפּן, זאַלץ. איך בין שוין גרייט צום וועג. מיר זענען געזעסן אַ ביסל אין אָוונט, ביינאַכט. עס שלאָפט זיך נישט.

עס איז שוין טאָג. מען דאַרף באַלד גיין. איך בין אַריין צו מיין אַלטן פאָטער זיך געזעגענען. טאַטע, איך דאַרף גיין. גיב איבער יענקלען אַ גרוס, אויך דיין געזעגענען און ער האָט אָנגעהויבן וויינען. פאַרוואָס וויינסטו, טאַטע? פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז איך וועל שטאַרבן, און איר וועט אַפילו נישט וויסן ווען. איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. מיין האַרץ איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט און מיט טרערן. איך האָב אים אַ קוש געגעבן און ער מיך און בין אַוועק.

איך האָב גענומען מיין זעקל אויף די פּלייצע. מיין פרוי עשקע רייזל און מיין טאָכטער יודעס, העניע און שמעונקע גייען מיט מיר באַגלייטן. די גאַס איז פול מיט מענטשן. נעבן מיר איז געווען הירשל קושע גאַלינסאַן. נעבן שרה רישען איז געווען אַ קליין שטיבעלע. דאָרטן האָט ער זיך באַזעצט אין געטאָ. ביי הירשל קושען זענען געווען פיר זין. דער עלטערער איז געווען אין האַנצאָוויץ. מיר זענען צוגעגאַנגען ביז צו דער בריק, ווייטער לאָזט מען נישט גיין, די וואָס פאָרן נישט, עס העלפט גאָרנישט, מען מוז זיך געזעגענען מיט דער פאַמיליע.

איך גיב די האַנט מיין עשקע רייזלען. זי איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און האָט מיך צוגעדריקט צום האַרצן. 27 יאָר האָבן מיר געלעבט און זיך נישט קיינמאָל צעשיידט. מרדכי — זאָגט זי — אפשר וועסטו זיך צונויפקומען מיט די קינדער זאָלסט זיין אַ טאַטע פאַר זיי, ווייל מיך וועט מען זיכער הרגענען. אזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט. איך האָב גאָרנישט געזאָגט, זיך געזעגנט מיט די קינדער, זיי האָבן מיך געקושט און איך זיי און ווידער איז צוגעגאַנגען מיין

איטשע ריינגאָלד ז״ל, געשטאָרבן אין ישראל זיין גאנצע משפחה איז אומגעקומען אין געטאָ לעכין. בלויז איין זון איז לעבן געבליבן (היינט אין פינסק)

עשקע רייזל און גיט מיר איר וואַרעמע האַנט און ווידער אויפן האַלדז. עס האָט זיך וועד אָפגעריסן פון מיר, דאַכט זיך איר שווערגעריך גאַלדע. זיי זענען אַלע געשטאַנען, איך האָב אַ מאַך געטאָן מיטן היטל: אַ גוטן טאָג, מיין פאַמיליע!

איך בין געקומען צום קלוב. באַלד האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע. עס איז געווען אַ פּאָר דייטשן און זיי האָבן אַלע אויסגערופן מיט די פאַמיליע־נעמען. דער יודן־ראַט האָט זיי געגעבן אַ צעטל פון אַלע. באַלד זענען געקומען פורן און מען

האָט אַרויפגעלייגט אונדזערע זעק און מען האָט געשיקט דריי פּאָליציי־לייט מיט אונדז. מיר זענען אַוועק און מיין שוואָגער איטשע ריינגאָלד גייט נעבן מיר און ער רעדט צו מיר. ער באַדויערט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אַזאַ געזינדל אָן ברויט. איך האָב גאָרנישט געקאָנט זאָגן, מיין האַרץ איז מיר געווען גענוג צעבראָכן.

מיר זענען אָנגעקומען אין מיקאשעוויץ, פאַרבייגעגאַנגען דעם געטאָ. קיין מענער האָב איך נישט געזען, עטלעכע פרויען זענען געשטאַנען און געוויינט, קוקנדיק אויף אונדז. מיר זענען געקומען צו דער סטאַציע. נעבן דער ראַמפּע איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, אַרומגעקלאַפּט מיט ברעטער, ווו מען פלעגט דאָרט פאַרטרייבן אָקסן. אַהין האָט מען אונדז פאַרטריבן און פאַרשלאָסן די טיר. אַ סך האָבן זיך געלייגט אַפּרוען אויף דעם זאַמד, מיט דעם פּעקל אונטערן קאָפּ. מיר נעמט נישט קיין רו, איך שטיי און קוק, זע איך פון דער וויטן, גייט מיין שוועסטער־קינד אַלטע. זי איז צוגעגאַנגען נענטער, האָב איך זי אָנגערופן מיטן נאָמען. זי האָט דערהערט און מיך דערזען. זי איז באַלד צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ געוויין. זי וואָלט וועלן מיך קושן אָבער מען קאָן נישט. זי שטייט און וויינט און איך העלף איר צו. זי איז געקומען צו זיך, פרעגט זי, ווהין שיקט מען מיך, זאָג איך איר, אַז קיין האַנצאָוויץ, און אַז מיין ברודער יענקל און מיין קליינער זון געצעלע זענען שוין דאָרט דאָ.

זי האָט מיר דערציילט, אַז אירע פיר קינדער זענען אַוועקגעפאָרן מיט געצלען און מיט חנהן (דאָס זענען מיין שוועסטער און שוואָגער), וואָס געפינען זיך דאָ. איך האָב אויך געקענט פאָרן, אָבער מיין פייגעלע איז געווען אויף דער צייט, זענען מיר נישט געפאָרן.

מיין שוועסטער־קינד אַלטע האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער.

דער עלטסטער זון סענדער איז אומגעקומען אין דער קריג, זיין פרוי געניע, וועלכע איז געבליבן דאָן מיט אַ קליין קינד געפינען זיך היינט אין ישראל. דער זון, וועלכער הייסט אליהו איז אין דער ארץ ־ ישראלדיקער צבא אַ מאַיאָר. דער צווייטער בערל איז אויך געווען אַ פאַרהייראַטער. ער

איז געווען אויך צוגענומען אויף אַרבעט אָבער ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים צו היטלערן; און איז אומגעקומען מיט זיין פרוי שטושע מיט 2 קינדער. די פיר זין זענען היינט דאָ אין ישראל.

אַלטעס טאָכטער האָט געבוירן אַ זון, בעת דער נאַצי־הערשאַפט, איז אין מאקאשעוויץ נישט געווען קיין מוהל האָט גענומען די באָבע מיט דער מוטער

דעם מחברס קוזינען: אלטע און איר מאן אהרן־משה ווייסבלאט ז"ל
אומגעקומען אין געטאָ מיקאשעוויטש

פון קינד פייגלען און געקומען צו אונדז אין לענין און דער שוחט (היינט איז ער דאָ אין ישראל) האָט דאָס קינד מל־געווען. זיי זענען געווען ביי אונדז עטלעכע טעג ביז דאָס קינד איז געזונט געוואָרן. זיי האָבן זיך דאַן איינגעשטעלט דאָס לעבן.

פייגל ציקליק פון דער היים ווייסבלאט איז אומגעקומען מיט איר מאן יהושע און צוויי קינדער אין מיקאשעוויטשער געטאָ.

מיין שוועסטער־קינד האָט געהאַט ביי זיך אַ לעבל ברויט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט, זי וויל מיר עס געבן. איך זאָג איר, איך האָב צוויי לעבלעך, איך דאַרף דאָס נישט. חוץ דעם טאָר מען נישט צוגיין נאָענט צום פלויט.

פלוצלונג איז געבן מיר אויסגעוואַקסן בנימין דער שטומער מיט א ברעט. ער האָט געזען ווי זי וויל מיר איבערגעבן דאָס ברויט, האָט ער זיך בליץ־שנעל אַריבערגעכאַפּט איבערן פּלויט, ארויסגעכאפּט פון איר דאָס ברויט. מיר האָבן זיךביידע צעלאַכט. דורך א שפּאַרע פון פּלויט האָט זי מיר געגעבן די האַנט. זי האָט מיר געקושט מיין האַנט און מיט אַ געוויין אַוועק.

באַלד איז געקומען צו אונדז אַ נייער מערדער און געגעבן אַ געשריי: אַרויס, פאַרפלוכטע יודן! מיר האָבן גלייך געכאַפּט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס

די קינדער פון מחברס קוזינען: סענדער, בערל און פייגל ז״ל
לינקס: די עלטערע שװעסטער געניע ווייסבלאַט לעבט אין ישראל (מיט איר זון)

און מיר זענען אַוועק אויף דער סטאַציע. עס שטייען שוין גרייט צוויי וואַגאָנען. דאָס זענען לאַסט־וואַגאָנען, וואָס מען פירט אין זיי בהמות. מען האָט אויפגעעפנט איינעם און דער זעלבער מערדער האָט אַ געשריי געטאָן: אין וואַגאָן אַריין! עס איז געוועזן זייער הויך אַרויפצוגיין, איינער האָט געהאָלפן דעם צווייטן ארויפגיין

און דער מערדער שרייט: שנעל, שנעל, פאַרפלוכטע יודן! די וואַגאָנען זענען קליינע, נישטאָ וווּ זיך אַ קער צו טאָן, מ׳שטייט. תיכף זענען געוואָרן פאַרמאַכט די טירן, די פענצטערלעך זענען אויך פאַרמאַכטע, פינצטער, מ׳זעט נישט איינער דעם צווייטן.

אַוועק פון דער היים

זייער אַ גוטער ערב שבועות. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין די וואַגאָנען. מיר זענען געשטאַנען צונויפגעפרעסט אין דער פינצטער ווי הערינג אין אַ פעסל. באַלד זענען מיר אָפּגעפאָרן. מ׳האָט זיך ווי ס׳איז צעזעצט אויף די פעקלעך. עמעצער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו זען, ווו מיר זענען. אַז די באַן פלעגט זיך שטעלן פלעגן מיר ווערן שטיל, מ׳האָט מורא געהאַט צו רעדן. עס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, עס איז שטיל, די באַן איז געבליבן שטיין, עס

האָט געדויערט נאָך אַ האַלבע שעה, מ׳עפנט די טיר, איך זע, אַז מיר זענען אין לוליניעץ און מען הייסט אונדז זיך אַרויספעקלען. מיר זענען אַרויס מיט אונדזער באַגאַזש. דאָ איז שוין געווען לוליניעצער פּאָליציי. מ׳גייט איבער דער שטאָט. קיין יידן זעט מען נישט.

מיר גייען, אַזוי ווי די יידן פון מצרים מיט די פּעק, אָבער עס איז אַ גרויסער אונטערשיד, זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן, זענען זיי געגאַנגען מיט פרייד און שמחה, אָבער ווו גייען מיר? ס׳איז גאָרנישט דאָ קיין סוף צו דעם וועג. הונגעריקע, אַ ביסל וואַסער האָבן מיר נישט געזען פון דער היים אָן. מיר זענען אָנגעקומען אין געטאָ, איז שוין פאַרנאַכט; אייניקע פרויען מיט קינדער זעט מען. מיר האָבן זיך באַזעצט ווי ס׳איז. איך האָב זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט מיין שוואָגער איטשען און מיט מיין פּלימעניק ישראלן (מיין ברודערס איידעם), עס פאַר־גייט יום־טוב. די פרויען בענטשן ליכט, מ׳צעשנייט אַ ליכטעלע אויף דריי

שטיקלעך. אין דעם צימער וווּ מיר זענען אַריין האָט געוווינט די רביצין מיט נאָך צוויי פרויען. עס שטייען צוויי בעטלעך מיט אַ קליין טישעלע. מיר פרעגן זיי, וווּ זענען אייערע מענער. מ׳האָט זיי אויך אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט, וווּהין ווייסן מיר נישט. אויף דעם דריטן טאָג ווען די מערדער זענען אַריין אין לוליניעץ האָט מען אויפגענומען אַלע מענער און זיי האָבן געזאָגט, אַז אויף אַרבעט און מען האָט זיי אַוועקגעפירט עטלעכע קילאָמעטער און געהרגעט און די פרויען מיינען, אַז זיי זענען ערגעץ אויף אַרבעט. עס קומט אריין אַ ייד און פרעגט, אפשר וועט איר אַריין צו אַ מנין פאַרוואָס נישט.

נישט ווייט האָט זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר מנינים. מ׳האָט געדאַוונט מעריב. מיר זענען אַוועק צוריק. די פרויען האָבן אונדז געבעטן מיט זיי עסן. זיי האָבן עפעס אָפּגעקאָכט, מיר האָבן נישט געוואָלט. מיר האָבן אויפגעבונדן אונדזער באַגאַזש און אָפּגעגעסן פאַר אַ גאַנצן טאָג. פריער האָבן מיר געגעסן אַ שטיקל ברויט און מיט אַ קלענערס פאַרביסן. מיר האָבן אַ ביסל געשמועסט מיט די פרויען, ביז מיין פלימעניק האָט זיך דערדעדט מיט אַ פרוי, אַז זיי זענען באַעקנטע פריינט, פון דעם זעלבן שטעטל. מ׳האָט אונדז אויסגעבעט אויף דער ערד. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

מיר שלאָפן געשמאַק, בעסער ווי איך שלאָף דאָ אויף אַ גוטן מאַטראַץ מיט אַ גוטער פערענע. עס האָט אָנגעהויבן ווערן טאָג, האָב איך זיך אויפגעהויבן, אויפגעוועקט מיינע שותפים און מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס. אין דרויסן איז זייער שיין. דיביימער בליען און די פייגעלעך אויף די ביימער זינגען, אָבער יידיש לעבן איז ביטער און פינצטער. מיר האָבן באַטראַכט זייער געטאָ, זייער גוט איינגעאָרדנט מיט גוטע שטעכיקע דראָט. עס דרייען זיך אַרום אַ פּאָר יידישע פּאָליציי־לייט. מיר האָבן צו זיי גאָרנישט גערעדט און זיי צו אונדז אויך נישט. מיר זענען אַריין אויף אונדזער קוואַרטיר. די פרויען זענען שוין אויפגעשטאַנען. זיי האָבן אָפּגעקאָכט אַ טשייניק טיי פאַר אונדז. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט. צוקער איז ביי אונדז געווען. מיר האָבן אַרויסגענומען אונדזערע פּוטער־קוכן... און מיר האָבן איבערגעביסן און גראַד ביי אַלעמען דער זעלבער קוכן... מיין פלימעניק האָט ליב געהאַט אַ סך רעדן, האָט ער ווייטער פאַרפירט אַ שמועס מיט די פרויען און מיין שוואָגער איז געווען אַלע יאָרן אַ שטילער

מענטש. האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין פעקל און בייסט די נעגל און מיך נעמט נישט קיין רו. איך בין ווידער אַרויס אין געטאָ, איך זע צוויי יידן, האָב איך פאַרפירט מיט זיי אַ געשפרעך אַז ,מען האָט זיי איבערגעלאָזט אַלס אַרבעטער און וווּ זענען אַלע, ווייסן זיי נישט אויף געוויס. אין דעם איז צוגעגאַנגען נאָך אַ ייד און פרעגט: מיר גייען דאַוונען. מיר זענען אַוועק דאַוונען. מ'האָט געהאַלטן ביים לייענען איז עמעצער אַריין און געזאָגט, אַז מען הייסט זיך שוין צונויפנעמען און גיין צו דער סטאַציע. מיר זענען אַרויס. יאָ, ס'איז שוין דאָ פרישע מחבלים און מ'שרייט: שנעל, שנעל! מיר האָבן זיך אריינגעכאַפּט אויף אונדזער קוואַרטיר, אַ כאַפּ געטאָן דעם באַגאַזש אויף דער פּלייצע: אַ דאַנק, אַ גוטן יום־טוב און אַוועק.

מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט, איבערגעציילט און מיר זענען אַוועק אויף דער סטאַציע. באַלד איז צוגעקומען אַ באַן מיט עטלעכע לאַסט־וואַגאָנען. מיר זענען אַלע אַריין און מ'האָט אונדז פאַרמאַכט, אָבער די פענצטערלעך זענען דאָס מאָל געווען אָפן. מיר פאָרן ווייטער.

איך וועל זיך אַ ווייל אומקערן צו אונדזער שטעטל לעניין (איך האָב זיך דערמאָנט נאָך פּרטים). דאָס איז נאָך פאַרגעקומען דעם ערשטן זומער. מיר זיצן ביי זיך אין שטוב, קומט אַריין העניע לייזערס, גאַליבס פרוי א דערשראָקענע און האַלט אין האַנט איר ספּודניצע, אַ צעריסענע. וואָס איז? זי וויינט און קאָן נישט רעדן און האַלט זיך ביי דער פּלייצע. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן: נעבן איר שטוב זענען אָנגעקומען צוויי מערדער און זי איז גראָד אַרויס פון שטוב, האָט מען זי אויך צוגערופן, איז אָנגעקומען מענדל מיגדאַלאָוויטש, דער קליינינקער, מ'האָט אים אויך צוגערופן און מען האָט זיי ביידע געהייסן זיך לייגן אויף דער ערד און לויפן אויף די הענט און פיס און בילן, אַ גוטע אויפגאַבע... און אויב נישט, וועט איר דערפילן די נאַגייקעס. זיי האָבן זיך געלייגט. איינס, צוויי, לויפט! זענען זיי געלאָפן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען זיי דערלאַנגט, נישט געזשאַלעוועט און מרון בילן הויך. די פרוי לויפנדיק, פלעגט זי אָנטרעטן אויף איר לאַנג קלייד מיט די פיס, האָט זי איר כמעט פאַרלוירן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און ארויפגעוואָרפן אויף דער פּלייצע און גע־לאָפן אזוי ביז ליפע טעמקין. דאָ האָט זי זיך פאַרדרייט פאַר נחומקעס שטוב

און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף הינטן איז נאָך מענדל געווען נעבן שול און די מערדער נעבן טעמען. אין נאָענטע הייזער האָט זי מורא געהאַט אריין האָט זי זיך אַ ביסל פאַרדעקט מיט דעם צעריסענעם קלייד און געקומען צו אונדז אַלס אַמאַליקע שכנה. זי האָט אַריינגערופן מיין פרוי אין שלאָף־צימער און געוויזן ווי מען האָט זי צעקלאַפּט. מיין פרוי האָט איר געגעבן איבערצוטאָן און זי איז געזעסן אַ ביסל און דערווייל האָבן מיינע קינדער געכאַפּט אַ בליק אין גאַס.

קיינער איז נישט געווען. דאַן איז זי אַוועק אַהיים. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן, האָב איך זיך באַגעגנט מיט מענדלען, האָב איך אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ ביסל געלאָפן און דערנאָך האָט ער שוין נישט געקענט לויפן. איז ער צוגעגאַנגען ביז נאָך דער שול און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, זאָל מען שיסן. דאַן זענען זיי אָנגעקומען די מערדער און געזאָגט: פאַרפלוכטע יודע, דו מאכסט דיך טויט. מ'האָט אים דערלאַנגט נאָך צוויי מאָל און זענען אַוועק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז צוויי וואָכן האָט ער זיך נישט געקאָנט זעצן און איצט האָט ער אויך נאָך ווונדן. קוים וואָס איך גיי. וווהין גייסטו? אין יודן־ראַט, אפשר וועל איך קריגן אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער.

איך גיי אַרויס פון שטוב. עס איז אַ קריסטלעכער יום־טוב. איך זע, אַז אויפן בריק שטייען זייער אַ סך פויערים, מענער און מ'לאַכט. קלער איך, וואָס לאַכט מען? איך גיי צו, צו דער בריק נענטער, זע איך, אַז אַלע קוקן אין וואַסער. וואָס איז געשען? ליפע טעמקין מיט זיינער אַ שכנה, אַ לערערין שטייען אין טייך, ביזן גאַרטל אין וואַסער און צוויי מערדער שטייען נעבן ברעג און שרייען: גייט ווייטער. גיבן זיי זיך אַ רוק ווייטער. זיי זענען שוין כמעט ביז אונ־טער די הענט אַריין הער איך, ווי איינער זאָגט צו זיי: נו, דו ווערסט געבן? רופט זיך אָן ליפע: איך האָב נישט וואָס צו געבן. גייט ווייטער! זיי האָבן זיך אַ ביסל אַ צי געטאָן ווייטער און דאָס וואַסער שלעפּט זיי. נו, איר וועט געבן? די מערדער האָבן אַרויסגענומען אַ נאַגאַן. איר ווערט גלייך דערשאָסן. און די פויערים שטייען און לאַכן... נעמט זיך פון ערגעץ ווו מאַקס און איז צוגעגאַנגען צו די מערדער און געגעבן זיי די האַנט און האָט זיי געזאָגט: קומט, דאָס איז אַן אָרעמער ייד, וואָס פלעגט ביים פריץ שלעפּן די קלעצער פון וואַלד מיט זיין

פערדל און די פרוי לערנס קינדער אין שולע און ער האָט זיי גענומען ביידע אונטער די הענט און אַוועק.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זיי זאָלן אַרויס פון וואַסער. זיי זענען אַרויס אויפן ברעג. די פויערים האָבן זיך אויפסניי צעלאַכט, וואָס עס רינט פון זיי דאָס וואַסער און די ציין האָט ביי זיי געקלאַפּט פון קעלט. די פרוי איז געווען פון פוילן. מאַקס האָט זיי אַוועקגעפירט צו זיך אין שטוב. ער האָט געוווינט ביי לייזער חיים ליליענבערג, ער האָט נאָכדעם דערציילט, אַז ער האָט זיי געגעבן איין גוטן שנאַפּס און דאָס האָט אים נישט געפעלט. מ׳פלעגט אים דאָס צוטראָגן אַלע טאָג, אָבער ער איז אַלץ ווערט געווען.

נאָך אַ פאַקט: ביי חיים יעקלען רעצינעוויצער איז געווען אַ טאָכטער יענטל. פאַר די סאָוויעטן האָט זי געלעבט אין רעצינעוויץ. ווייסט איר דאָך, אַז אַלע יידן אין אונדזער געגנט פלעגן זייען קאַרטאָפל, עס זאָל זיין פאַר זיך, פאַר דער בהמה, פאַר די עופות. האָט די יענטל אויך פאַרזייט מיט אַ פויער בשותפות. דער פויער הייסט מיכאַש אויף איין פוס גייט ער. דעם צווייטן האָט אים אָפּגעריסן (ווען עס רייסט אים אָפּ דאָן דעם קאָפּ, וואָלט געווען גוט), האָבן זיי זיך עפּעס צעקריגט וועגן די קאַרטאָפל, איז איצט אַ צייט זיך מיט איר אָפּצורעכענען. איז ער אַוועק אין קאָמענדאַטור און ער האָט אָנגערעדט, וואָס ער האָט געוואָלט. גלייך האָט מען געשיקט נאָך איר. (ס׳איז געווען אין לענין) און מ׳האָט איר גאָרנישט געפרעגט. מ׳האָט איר געהייסן זיך לייגן אויף אַ טאַבורעטקע. איינער האָט זי געהאַלטן ביי די פיס און דער צווייטער פאַרן קאָפּ און אַ דריטער האָט זיך נישט געשעמט און איר אָפּגעדעקט דאָס לייב און מען האָט איר נעבעך אָפּגעציילט 25 שמיץ, נישט געזשאַלעוועט. בלוט האָט זיך געגאָסן פון איר קערפּער. פון גרויסע יסורים האָט זי זיך באַמ... און אַז מען האָט פאַרענדיקט די 25 קלעפּ, האָט מען זי אָפּגעלאָזט און זי ליגט און זי קאָן זיך נישט אויפהויבן. האָט דער מערדער אַ געשריי געגעבן: דו ווילסט נאָך? מיט אַלע כוחות האָט זי זיך אויפגעהויבן און מ׳הייסט איר צורימען. זי האָט נישט מיט וואָס. זאָגט דער מערדער: מיט די הענט. אויף איר איז געווען איין אונטער־

ספּודניצע, האָט זי עס אַראָפּגענומען און צוגערוימט. דאַן פרעגט ער: נו, גוטע קאַרטאָפל געווען? און מ׳האָט איר געהייסן גיין. זי איז פּאַמעלעך אַרויס פון דאַרטן, אָבער זי קען נישט גיין ווייטער. זי וויל זיך זעצן, קאָן זי נישט. ווונדן, בלוט רינט. עס איז עמעצער אָנגעקומען און מען האָט איר אַזוי פּאַמעלעך אַהיימגעפירט. זי איז געלעגן אַ לאַנגע צייט, מסתמא ביז מען האָט אַלע געהרגעט, האָט זי זיך אויסגעהיילט, אַז זי זאָל קאָנען גיין צום גרוב.

איך האָב פריער געשריבן, אַז מ׳האָט אונדז 150 מענטשן אַוועקגעשיקט נאָך מיקאשעוויץ. צו דער באַן האָבן אונדז באַגלייט דריי ביז פיר פּאָליציי־לייט. פאַרשטיי איך, ווער עס וועט דאָס לייענען וועט ביי אייך זיין אַ גרויסער וווּנדער, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען און מ׳האָט נישט געקענט צוהרגענען די פּאָר פּאָליציי־לייט? אָבער עס איז נישט אַזוי פשוט. די ערשטע זאַך, ווו וואָלטן מיר זיך אַהינגעטאָן. מיר האָבן געהערט אין דער היים, אַז עס זענען דאָ פּאַרטיזאַנער אָבער ווו זעט מען זיי און ווו זוכט מען זיי. צווייטנס, זענען מיר געווען פאַרבונדן מיט די היימישע. זיי וואָלטן געווען שינדן שטיקער לעבעדיקערהייט פון זיי. איר האָט דאָך געהערט פריער, וואָס כ׳האָב געשריבן וואָס צוליב אַ ביסל קאַרטאָפל האָט מען געטאָן מיט אַ פרוי. מיינט איר, אַז מיר האָבן נישט געטראַכט פון דעם אויפן וועג, ווען עס זאָלן זיין אַפילו צוואַנציק פּאָליציי־לייט וואָלטן מיר זיך אַן עצה געגעבן. אָבער מיר האָבן אַלץ געהאָפט: אפשר און אפשר וועלן מיר איבער־קומען די גרויסע צרות. אָבער דער סוף איז געווען אַזוי בעסער. אין דער היים זענען אַלץ איינס אַלע אומגעקומען און פון לאַגער האָבן זיך פּאַרט געראַטעוועט. איך רעכן אַ מאַן פּופּציק, גוט איז דאָס.

מיר פאָרן. די וואַגאָנען קלאַפּן, אָבער אין אונדזערע הערצער קלאַפּט נאָך מער. איך רעכן ביי זיך: וווהין פאָרן מיר און צו וועמען פאָרן מיר? זייער ביטער אויפן האַרצן. איך זע אין פענצטערל פון וואַגאָן, אַז די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ. עס גייט דער ערשטער טאָג יום־טוב. איך וואָלט וועלן וואַשן די הענט און דאַווענען מנחה. קיין מנין האָט נישט געפעלט, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ קול, וואָס זאָל איבערשרייען די קלאַפּעריי פון די וואַגאָנען. כ׳זאָג די „שמונה עשרה״, איך בין געקומען צו: אתה בחרתנו מכל העמים, קלער איך איך

האַרצן: אַך גאָט, דו האָסט אונדז אויסגעקליבן אלס בעסטן פאָלק פון אַלע פעלקער, וואָס־זשע קוקסטו זיך צו, ווי דאָס יידישע בלוט גיסט זיך אזוי פיל, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו אונדזערע גרויסע צרות? איך האָב געדאַוונט מיט גרויס געפיל און מיט טרערן.

אין ארבעטס-לאַגער

איך זע אין פענצטערל פון ווייטן א שטעטל, אפשר איז שוין האנצאָוויץ, וועל איך זען מיין קינד געצעלען מיט מיין ברודער יענקלען. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין וואגאָן שא, שטיל. מיר שטייען און וואַרטן. איך ווייס נישט אויף געוויס, צי דאָ איז שוין האַנצעוויץ. עס האָט געדויערט ביז אַ האַלבע שעה, מיר הערן, אַז מען עפנט די טיר. אויף דער סטאַציע שטייען אַ סך מערדער; עס הערט זיך אַ קול: אַרויס! מיר זענען תיכף אַרויס. איך זע, נישט ווייט, שטייען אונדזערע יידן פון שטעטל. דאָס איז געווען דער לאַגער. נישט ווייט, אַ פּאָר הונדערט מעטער, הייסט מען אונדז, זיך אויסשטעלן ווי אלעמאָל. איך קוק אַהין צו אונדזערע יידן, איך האָב פון ווייטן דערזען מיין ברודער, אַהער צו גיין קאָנען זיי נישט, אָבער מיין זון זע איך נישט. זיי האָבן געוווסט, אַז דעם טאָג דאַרפן אָנקומען נאָך יידן. מיר זענען צוגעגאַנגען נענטער, האָב איך דערזען מיין זון. אַז די מערדער זענען אַוועק זענען אונדזערע יידן, וואָס זענען שוין דאָרטן געווען בערך אכציק מענטשן צוגעגאַנגען צו אונדז. עס איז געווען אַ פריידן מיט טרערן צוזאַמען. פאָטערס מיט קינדער, ברודער מיט ברודער. איך רעד מיט מיין זון. מיר זענען אריין אין אונדזער קוואַרטיר.

דאָס איז געווען א גרויס הויז (פריער א האָטעל). עס איז דאָ גרויסע און קליינע צימערן און עס שטייען בעטלעך דריי־שטאָקיקע פון ברעטלעך; דאָס האָבן שוין געמאַכט אונדזערע יידן. אויף יעדעס בעטל ליגט איין מאַטראַץ מיט שטרוי אָנגעשטאָפּט מיט קליינע קישעלעך, זייער גוט, א גוט גאַסט־הויז האָבן מיר. דער ברודער פרעגט, צי ווילן מיר עסן, פרעג איך אים: דו האָסט עפּעס אַ יום־טובדיק מאָלצייט? היינט איז דאָך דער ערשטער טאָג שבועות. אָך, מיין ברודער,

מיר האָבן שוין פאַרלוירן אונדזערע יום־טובים מיטן גאַנצן לעבן. און האָט אָנגעהויבן וויינען. מיר זענען אַלע פון אונדזער געזינדל געווען זייער גרינג צו לאָזן אַ טרער און נאָך הערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָב איך אים מסתמא צוגעהאָלפן. איך האָב אויפגעבונדן מיין באַגאַזש, אַרויסגענומען אַ לעבל ברויט און גיב מיין געצעלען: די מאַמע האָט דיר געשיקט, ברויט מיט צוקער. ער האָט גענומען אַ שטיקל ברויט מיט צוקער און געגעסן.

אין דעם איז צו מיר אַריינגעקומען ברוך יודלס שוסטערס זון און גיט מיר די האַנט. גוט וואָס איר זענט געקומען. וואָס איז? עס איז דאָ אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שניידער, ווו עס אַרבעטן צוועלף שניידער און איך און נאָך אַ ייד אַרבעטן מיר ביי דער זשאַנדאַרמעריע. אַ סך אַרבעט, וועל איך בעטן ביי אונדזער קאָמענדאַנט גרינבוים, וועט איר גיין צו אונדז. איך וועל מאָרגן פרי קומען נאָך אייך און ער איז אַוועק. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. מיין זון אין דער הויך אויפן דריטן שטאָק, מיין פּלימעניק אויפן צווייטן און איך אונטן. אַ גוטע נאַכט פון לאַגער האַנצעוויץ.

איך האָב זיך גוט אויסגעשלאָפן, כאָטש צעקלאַפּט דעם קאָפּ אַ פּאָר מאָל איבער דער נאַכט. די בעטלעך זענען געווען באַענגט איינס איבערן אַנדערן, נישט מער ווי 50 ביז 60 צענטימעטער. פלעג איך זיך ביינאַכט אַ דריי טאָן, האָב איך זיך יעדעס מאָל צעקלאַפּט. איך האָב זיך אָנגעטאָן און אַרויס אויף דער גאַס. איך האָב דערזען פון וויטן אַ ברונעם, האָב איך גענומען אַ האַנטוך און אַוועק זיך וואַשן. אין דער צייט זענען אַלע אויפגעשטאַנען. מיין זון געצעלע האָט געבראַכט אַ קעסעלע הייס וואַסער און זאָגט: טאַטע, מען דאַרף עפּעס אַ ביס טאָן, מיר גייען באַלד צו דער אַרבעט. מיין זון איז שוין אַ גאַנצער תושב, ער ווייסט שוין פון אַלץ.

ברוך שוסטער איז געקומען נאָך מיר. ער האָט זיך דערוועדט וועגן מיר. איך בין מיט אים אַרויס אויף דער גאַס. איך זע אַ סך יידן, נישט קיין באַקאַנטע. פרעג איך אים, צי דאָס זענען האַנצעוויצער? ניין, דאָ אין לאַגער איז פון פּאַהאָסט הונדערט יידן און אַ ביסל פון די דערפער. די היגע יידן האָט מען אַלע אויסגעקוילעט, קיין זכר איז נישטאָ פון זיי. ברוך איז געווען פון די ערשטע זעכציק, וואָס זענען אַוועק אַהער, ווייסט ער פון אַלץ: דאָ איז דער קאָאָפּעראַטיוו,

דאָ איז געווען די יידישע שול, זייער א גרויסער מויער, די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, אויפן בריקל זענען געווען צוויי לייבן ביים אריינגאנג, ליגן זיי אין מיטן גאס. זייער א שיינע שטאָט געווען, שיינע הייזער געווען. נישטאָ די מענטשן. מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער אָרט, עס שטייט שוין זיין שותף און ווארט אויף אים. ער האָט מיך באַקענט מיט אים. ער איז פון צוצעוויץ, ער הייסט שמואל.

ברוך איז אוועק צו די מערדער נעמען דעם שליסל. ער האָט אויפגעשלאָסן. מיר זענען אַריין, אַ גרויס צימער, א פּאָר בעטן און נאָך צוויי צימערן ליידיקע. קענטיק, אז אויף די טירן זענען אמאָל געווען מזוזות. עס שטייען צוויי ניי־מאשינען. מיין ברודער יענקל האָט מיר נעכטן אין אָוונט געגעבן א ביסעלע קארעשקע (טאבאק) און ער האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל אין גאס נישט רויכערן. איך נעם אַרויס פון קעשענע א שטיקל פּאַפּיר און איך וויל פאַרויכערן, כאַפּט מיך אָן שמואל. וואָס טוט איר? באַהאַלט צוריק אין קעשענע. איר ווייסט ווו מיר זענען. ביי די גרעסטע גזלנים, זיי קענען אונדז אלע דאָ צעשיסן. שא, שרייט נישט, איך וועל נישט רויכערן, לאָמיר בעסער אַלע לעבן.

אין א פּאָר מינוט ארום קומט צוגיין ברוך פון צווייטן צימער און טראָגט אריין א שטיק סחורה, א גוטן שטאָף און זאָגט, מען דארף מאכן דערפון אַ מיליטערישן מונדיר, א געהאקטן מיט קאנטן און אין די הויזן אויך קאנטן. איר וועט עס קאָנען מאכן? איך האָב אים געענטפערט: אפילו תכריכים אויך, אָבער א מאָס האָסטו גענומען? איך האָב גענומען, אָבער איך האָב מורא אויף די מאָס, נו, האָב איך אויך מורא. איך וועל זען, אויב ער איז דאָ אין דער היים, וועל איך אים אריינרופן. ער איז נישט געווען, ער וועט מאָרגן קומען. דערווייל איז שוין געוואָרן צוועלף דער זייגער, מען דארף גיין עסן וואַרעמעס.

מיר זענען געגאַנגען אין לאַגער איז די ערשטע זאך האָב איך פאַרויכערט און מיין זון האָט געבראכט פאר אונדזביידן 600 גראם ברויט און זאָגט, באַלד וועל איך ברענגען זופּ. ער האָט געבראכט עפּעס אַ ביסל וואסער. מען האָט אָפּגעגעסן דאָס וואַרעמעס. פרעג איך מיין זון, ווו ארבעטסטו? נעבן פּעטער, נישט שווער, מ׳בויט עטלעכע הייזער, דריי איך זיך נעבן די ארבעטער.

עס איז צוגעקומען ברוך מיט דעם צווייטן יידן און מיר זענען אַוועק.

ביידע האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. איך זיץ דערווייל און זאָג צו ברוך: גיב מיר אויך וואָס צו טאָן, אפשר גייט עמעצער אריין, קאָן זיין נישט גוט. אין דעם איז אריין א יונגערמאַן פון א יאָר 35. רופט זיך אָן ברוך: אָט, גייט אונדזער קאָמענדאנט. ער האָט מיר געגעבן די האנט: דאָס איז דער ייד, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט? יאָ, זאָגט ער צו מיר: איך האָב אייך געוואָלט שטעלן אין קאָאָפעראטיוו. דאָרטן פירט אָן א פאָהאסטער ייד די ארבעט, אָבער ער טויג נישט. וועט איר גיין אין קאָאָפעראטיוו. זייער גוט. דערווייל האָב איך געמאכט א שמועס וועגן מיטאָג־עסן. זאָגט ער, אז נאָך היינט וועט מען ברענגען א קעסל און מאָרגן וועט איר האָבן פאר די 150 מענטשן עסן. פרעגט ער מיך, וועמען מאכט מען פאַר אַ קוכער? איז מיר גלייך ארויף אויפן זינען חיים שמחהן. אין דעם איז אריין דער זשאנדארם, וואָס ער קומט קוקן. ווער איז דער ייד? מען ווייזט אים אויף מיר. רופט זיך אָן דער קאָמענדאנט. דאָס איז ער נעכטן געקומען פון לעניך, ער איז א גוטער מייסטער. רופט זיך אָן ברוך: זיי האָבן געארבעט אין קיעוו. א גרויסע שטאָט, און מסתמא א גרויסער באַלשעוויק איז ער אויך און לאַכט. ער פארויכערט און גיט דעם קאָמענדאנט אויך א פאפיראָס און זאָגט צו אונדז: ווער רויכערט? רופט זיך אָן ברוך: דער בייער מייסטער. נעמען זי. האָב איך גענומען. ער איז געזעסן א ביסל און אַוועק. דער קאָמענדאנט איז אויך אַרויס מיט אים.

דער קאָמענדאנט גרינבוים איז אַ פוילישער ייד געוועזן. זיינע ביינער ליגן נעבן דעם דאָרף האָצקע מיט מיין ברודערס איידעם. גרינבוים איז געוועזן א טאַטע פאר אַלעמען. ער האָט גערעדט גוט דייטש. איינמאָל זענען מיר געוועזן א גרופּע אויף ארבעט. איז דאָרטן געוועזן לעגינער און אויך פאָהאסטער יידן. פון פאָהאסט איז געוועזן א יינגל פון א יאָר פופצן אָדער זעכצן, א יתום און פון לעגין איז געוועזן א יונגערמאַן, א פּליט. האָבן זיך די צוויי יינגלעך נישט געפּאָלגט און ער האָט דעם יינגל גוט מכבד געוועזן. דאָס יינגל איז געקומען פון דער ארבעט מיט אַ געשוואָלן געזיכט אז מען האָט די אויגן נישט אַרויסגעזען. די פאָהאָסטער יידן האָט דאָס גוט פאַרדראָסן, זענען זיי צוגעגאנגען צום קאָמענדאנט, און געבעטן, אז מען זאָל אים באַשטראָפן, נישט אנדערש ווי 25 שמיץ זאָל מען אים געבן, אז נישט וועלן זיי גיין דאָס איבערגעבן צו דער העכערער מאכט. ווי

רעכנט איר, ער וואָלט שוין נישט צוריקגעקומען קיין לעבעדיקער. אָבער דער קלוגער גרינבוים איז אליין אַוועק צום קאָמענדאנט און געפרעגט, צי ער קען באַשטראָפן אַ מענטש? פרעגט ער פאַרוואָס? האָט ער אים געזאָגט, אַז איינער האָט דעם צווייטן געגעבן אַ קלאַפּ. טאָ ברענג אים אהער. רופט זיך אָן גרינבוים: מיר ווילן אים געבן אַ גוטן שטראָף. גוט, ער איז געקומען אין לאַגער און האָט גערופן ליליענבערגן און מיין ברודער און זיי האָבן באַשלאָסן צו געבן אים 25 שמיץ, ווי די פאַהאַסטער האָבן געוואָלט. זיי האָבן נאָך פאַרלאַנגט נישט אַנדערש ווי אויף דעם הוילן לייב, אָבער זיי האָבן דאָס נישט אויסגעפירט און מ'האָט אים צוויסן געגעבן, אַז ער זאָל עפּעס אונטערלייגן אונטער די הויזן, אַז עס זאָל צו אים נישט דערגיין אַזוי שטאַרק די קלעפּ.

פאַרנאַכט, אַז דער גאַנצער לאַגער איז שוין געווען אויפן אָרט האָט גרינבוים געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין אויף דעם הויף. מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ טיש און אים אַוועקגעשטעלט אינדרויסן, גרינבוים האָט איבערגעלייענט דעם פסק־דין, וואָס ער מיט די צוויי יידן האָבן באַשלאָסן און ער האָט אים געהייסן זיך לייגן און מיט קאַלטע הערצער אויסגעפירט דעם פסק־דין. (די שלעגער זענען דאָ אין לאַנד און דער געליטענער פון די 25 שמיץ לעבט אין רוסלאַנד, אין לוליניעץ).

איך קער זיך אום צום פריערדיקן שמועס. מיר זענען אַזוי געזעסן ביי דער אַרבעט ביז נאַכט. איך בין געקומען אין לאַגער, בין איך אריין צו מיין ברודער זיך אַ ביסל אויסרעדן. ער איז שוין געווען פיר וואָכן פריער, ער האָט שוין אַלץ געוווסט. האָט ער מיר דערציילט, אַז אַ סך מענטשן גייען אַוועק אויף די וועגן און מ'שניידט די וועלדער און מ'מאַכט אַ וועג, אַז שליטנס זאָלן קאָנען פאָרן און אַ סך גייען צו די באַן־ליניעס. עס איז געווען אַ באַפעל, אַז אַ פּאָר הונדערט מעטער פון די באַן־רעלסן זאָל נישט זיין קיין וואַלד. ביז פופציק מענטשן אַרבעטן ביי דעם. עס געפינען פאַר אַלע, אַבי געזונט. ער זאָגט מיר אויך, אַז ווער ס'האָט עפּעס אויף אויסבייטן קען מען קריגן אַ שטיקל ברויט, פּוטער, קעז. פאַרנאַכט אָדער גאַנץ פרי קומען צו קריסטן צום לאַגער מיט אַלץ און מען קאָן אויסבייטן, איבערהויפּט זוכן זיי זייף, פאָדעם, זאַכן און איך האָב

דאָס טאקע. איך האָב געבראכט אלץ צו ביסלעך. איז גוט, ווײַסטו נישט זײַן הונ־געריק. האָב איך זיך געטראכט. אזוי איז טאקע געווען. דער זון מײַנער איז זייער א צופרידענער. ער פארטראָגט נישט קיין הונגער, אז עס איז דאָ ברויט גענוג איז שוין אלץ אין אָרדענונג.

אויפצומאָרגנס פרי בין איך אוועק ווידער צו דער ארבעט. עס איז שוין דער דריטער טאָג, וואָס איך האָב גאָרנישט פארדינט. איך וועל נישט האָבן וואָס צו שיקן מײַן פרוי און קינדער צום לעבן. איך בין געקומען צו דער ארבעט איז ברוך אַוועק זען, צי איז שוין געקומען מײַן חשובער באשטעלער. יאָ, ער איז שוין דאָ. באַלד וועט ער ארײַן. עס האָט נישט לאנג געדויערט. דאָס איז דער מייסטער ? פרעגט ער. יאָ, דאָס בין איך. הער, יודע, אויב דו מאכסט מיר נישט גוט דעם מונדיר, ווערסטו דערשאָסן גלײַך. דו פארשטייסט ? איך האָב אים גענומען א מאָס און אין הארצן קלער איך, אז ער זאָל אים נישט דערלעבן אָנצו־טאָן. ער איז אַוועק. איך האָב זיך גענומען צו דער ארבעט. ביז נאכט האָב איך אים געמאכט צו פאסן. מיר גייען עסן מיטאָג. איך גיי ארויס אויפן הויף. חיים שמחה שטייט נעבן קעסל. ער האָט שוין אָפגעקאָכט דאָס עסן. מען האָט זיך צעשטעלט אין די רייען. ווען עס איז צוגעקומען צו מיר צו באקומען דאָס ביסל זופ, האָט ער דעם שעפ־לעפל אראָפגעלאָזט אויפן דעק, אז עס זאָל מיר ארײַנ־פאלן מיט אַ פאָר גרויפן מער. אלץ איינס האָט מען געדארפט פארקאטשען די אַרבל און זוכן א גרויפ.

אויפצומאָרגנס פרי האָב איך אָנגעמאָסטן דעם מונדיר מײַן שיינעם מערדערישן פנים. עס איז אדורכגעגאנגען א טאָג אכט אָדער צען — און פארטיק. ער איז געקומען, אָנגעטאָן, ער האָט גאָרנישט געזאָגט און גלײַך אַוועק. עס האָט געדויערט ביי א האלבער שעה, ער גייט צוריק מיט א פעקל אונטער דער האנט און זאָגט מיר : א שיינעם דאנק. דער שעף האָט געזאָגט, אז עס איז זייער גוט געמאכט און דערלאנגט מיר א פעקל. דאָס איז פאר דײַן גוטער ארבעט און ער האָט נאָך מיר צוגעגעבן א פאָר פאַפּיראָסן : נאָר דאָ נישט רויכערן, פארשטאנען. ער איז אַוועק. אין פעקל זענען געווען : צוויי לעבלעך ברויט, איין פעקעלע פוטער און אַ ביסל צוקער. גוט פון אַ חזיר דאָס אויך.

עס איז אַריבער פיר אָדער פינף וואָכן.

איינמאָל איז אריין דער זשאַנדאַרם. ער איז געווען דער בעל־הבית איבער אונדז און האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ פאַרענדיקן די ארבעט, וועלן צוויי פון אונדז פאָרן קיין טעליכאַן. מיר האָבן אַלע דריי געהאַט חשק צו פאָרן, ווייל דאָרטן איז געווען בעסער מיטן עסן, אָבער איך האָב נישט געוואָלט פאָרן צוליב מיין זון און גרינבוים האָט אויך נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אוועקפאָרן. עס איז טאקע כמעט נישט געווען וואָס צו טאָן, האָט מען ברוכן מיט דעם צווייטן אַוועקגעשיקט. איך האָב נאָך אַליין זיך געפּאַרקעט אכט טעג, ביז איך האָב אַלץ אויסגעפּארטיקט און איך בין אריבער אין קאָאָפּעראַטיוו.

גרינבוים האָט געהייסן דעם פּאָהאַסטער ייד, אַז ער זאָל מיר אַלץ איבער־געבן. איך האָב נישט געוואָלט האָבן דעם קלאָפּאָט. עס איז טאקע געווען אַ סך ארבעט, דרייצן מענטשן געבן ארבעט און ארבעט האָט מען אָנגענומען פאַר אַלע, פאַר ציווילע אויך. דער וואָס פלעגט ברענגען אַ צעטל פון קאָמענדאַנט, פלעגט מען דאַרפן מאַכן, אויך אָן געלט.

איך האָב אַלץ איבערגענומען, די ארבעט גייט זייער גוט, אָבער עסן איז נישטאָ. יעדער איינער פלעגט זיך עפּעס אויסבייטן, אָבער עס איז גאָרנישט ווערט געווען. איינמאָל האָבן די מערדער דערשאָסן אַ פערד, און דאַן האָבן זיי עס געגעבן פאַר אונדז. עס זענען געווען דריי קעסלען, וואָס האָבן געקאָכט פאַרן לאַגער, מ׳האָט אָפּגעקאָכט דאָס פערד, געגעסן און מ׳האָט געבעטן נאָך.

איינמאָל איז צו מיר אַריין גרינבוים און נעמט ארויס פון אַ פּאַפּיר אַ פּאָר הויזן, נייע מיט לעדער, אַז מען זאָל אָנלייגן לייעס און ער זאָגט מיר, אַז דאָס איז פאַרן וויצע־קאָמיסאַר, דעם בעל־הבית פון גאַנצן ראַיאָן. איך האָב געגעבן דעם יידן, וואָס איז פריער געווען אויף מיין אָרט און ער האָט עס געמאַכט. גרינבוים איז געקומען אויפצומאָרגנס און ער האָט אים אַוועקגעטראָגן. עס איז אריבער אַ פּאָר שעה גייט איינער אריין און נעמט ארויס די זעלבע הויזן און גיט אַ געשריי: ווער האָט געמאַכט די הויזן? דאָס איז געווען דער גרעסטער מער־דער. אַלע שטייען מיר טויטע, אָבער איך האָב גלייך אַ קלער געטאָן, אַז איך בין דאָך דער מייסטער פון קאָאָפּעראַטיוו, גיי איך צו צו אים. גיט ער אַ גע־

שריי: פּאַרוואָס האָט מען געמאַכט יידישע הויזן. איך שטיי אַ דערשראָקענער און ווייס נישט, וואָס ער וויל. נעמט ער און צעלייגט די הויזן אויפן טיש און ווייזט מיר, אַז מיר האָבן זיי געמאַכט נישט אַזוי ווי ער וויל. איך ווייס, אַז אין רוסלאנד און פאַר פּוילן פלעגט מען אָנלייגן לייעס. אַז עס זאָל פאַרדעקן די קני, נאָר ביז די קני און ער זאָגט מיר: דאָס זענען הויזן צום רייטן אויפן פערד דאַרף אַזוי זיין. אין דריי שעה זאָל ווערן איבערגעמאַכט און ער איז אַוועק. איך האָב שוין דאָס אַליין גענומען און איבערגעמאַכט און אַוועקגעטראָגן צו גרינבוימען, ער זאָל עס אים איבערגעבן. פּטור געוואָרן פון אים.

אין אַ פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט זעען מיר, אַז מען פירט אונדז געסט פון אונדזער שטעטל, אַ מאַן צוואַנציק. מען האָט שוין געבראַכט די שיריים. אונדזער שוחט ר׳ משה און נאָך עטלעכע עלטערע מענטשן און די איבעריקע אַלע יונגע קינדער. מיין פרוי האָט מיר געשיקט מיט אַ באַקאַנטן מענטשן אַ פּעקעלע זאַכן מיט הונדערט רובל און אַ בריוועלע. די ערשטע זאַך האָב איך זיך גענומען צום בריוו. איך לייען דעם בריוו אַלץ ווי געוועזן — שרייבט זי — אָבער איין זאַך וויל איך דיר שרייבן, וואָס דו וועסט האָבן גרויס צער. איך האָב דיר נישט געוואָלט שרייבן וועגן דעם איך האָב געפרעגט דעם רב, האָט ער יאָ געהייסן דיר שרייבן. (איך האָב שוין פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך). זי שרייבט, אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבן, ערשט צוויי וואָכן נאָך זיין טויט. ער איז אַלט געווען 86 יאָר. איך בין אַוועק צום ברודער און איך גיב אים איבער דעם בריוו, ווי ער האָט איבערגעלייענט די גוטע בשורה, האָט ער אָנגעהויבן וויינען און ער האָט געזאָגט: ווויל איז צו אים, וואָס ער איז געשטאָרבן אויף זיין בעט.

עס איז שוין געווען נאַכט, מיר האָבן געריסן קריעה, געדאַוונט מנחה, געזאָגט קדיש און מיר האָבן זיך געזעצט שבעה אויף איין שעה און דאַן געדאַוונט מעריב. איינדערפרי פלעגט זיין זייער שווער צוזאַמענצונעמען אַ מנין. יעדער פלעגט זיך זייער איילן, אויף שנעל אַ ביס געטאָן און אַוועק צו דער שיינער פּרנסה.

איינמאָל נאָכן אָנבייסן קום איך אין קאָאָפּעראַטיוו אריין, איך האָב אויפ־

געשלאָסן. איז אַריין אַ קריסט, אַ פּאָלאַק און פרעגט: — ווער איז דער עלטסטער פון קאָאָפּעראַטיוו? האָט מען אים אָנגעוויזן אויף מיר. ער האָט מיר געגעבן אַ קוויטעלע מיט אַ סטעמפּל פון קאָמענדאַנט, אַז מען זאָל אים מאַכן די אַרבעט, וואָס ער וועט געבן. איך קען דאָך אָבער נישט לייענען קיין דייטש, גיב איך עס איבער צו גרינבוימען. באַלד איז געקומען אַן ענטפער, אַז מען קען מאַכן. זאָג איך אים: — גוט, ברענגט די אַרבעט, זאָגט ער צו מיר: — איך וויל, אַז איר זאָלט צוגיין צו מיר נעמען די אַרבעט. זאָג איך אים: אַז איך האָב נישט קיין צייט זיך ארומצושלעפּן, — האָט נישט מורא און קומט מיט מיר. איך קלער, וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, ווער ווייסט, ווער ער איז. כ'האָב באַשלאָסן צו גיין מיט אים.

מיר זענען אַוועק, אויפן וועג פרעגט ער מיך, פון וואַנען איך בין און ווער איז נאָך מיט מיר פון מיין פאַמיליע, איך האָב אים דערציילט, אַז מיר זענען געקומען נאָענט צו דער שטוב, האָט ער מיך אַריינגעפירט פון הויף נישט מיט דער הויפּט־טיר. מיר זענען אַריין אין קיך, שטייט אַ פרוי, זיין פרוי איז דאָס געווען. גלייך האָט מען מיר געגעבן אַ שטול, געבעטן זיך זעצן. זי האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, זאָגט ער צו איר: דו גיב אים פריער עסן און דערנאָך וועסטו רעדן.

גלייך האָט זיך באַוויזן אויפן טיש ברויט, פּוטער, קעז, סמעטענע, מילך. איך האָב זיך נישט געלאָזט אַ סך בעטן (קיין פליישיקער בין איך נישט געווען). איך האָב געגעסן נישט צו פאַרזינדיקן.

בעתן עסן כאַפּן זיי מיט מיר אַ שמועס; זי ווייגט פון מיינע ענטפערס. איך האָב געענדיקט דאָס עסן, רופן זיי מיך אַריין אין צווייטן צימער, די צימערן זייער שיינע, די טירן אַלע אָפן. זיי האָבן אָנגעהויבן אויפסניי שמועסן. רוף איך זיך אָן: — איך האָב נישט קיין צייט, — איר וועט גאָרנישט פאַרשפּער־טיקן די היטלעריסטן. איך האָב דערהערט דאָס וואָרט, האָב איך זיך דערשראָקן, ווער ווייסט וואָס זיי קלערן: רוף איך זיך אָן: גיט מיר די אַרבעט, כ'דאַרף שוין גיין. ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען, זאָגט ער צו מיר: איר האָט מורא מיט אונדז צו רעדן, האָט נישט מורא, מיר זענען אויך נישט זיכער מיט אונדזער לעבן פון די מערדער. בקיצור — ער האָט אריינגעטראָגן אן אלטן פּאַלטאָ, אַז

מען זאָל אים מאַכן אַ פּאַטשעווקע און ער זאָגט צו מיר, אַז איך זאָל אים נישט אַזוי שנעל מאַכן און איך זאָל אַלע טאָג קומען מעסטן.

אויפן זעלבן הויף איז געווען אַ וואורשטן־פּאַבריק. האָבן זיי אריינגעבראַנגט צווי שטיקער קעלבאַס, בערך אַ דריי קילאָ און צווי לעבלעך ברויט, האַלב ווייסע, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און דערנאָך דעם פּאַלטאָ. איצט נעמט אַ מאָס. איך האָב אַראָפּגענומען אַ מאָס און זיי הייסן מיך קומען מעסטן. זיי גיבן מיר אַן עצה, דאָס צוצונעמען און מיט אַ פּאָר שטיקלעך קומען מעסטן. איך האָב באַשלאָסן אויפן וועג צו גיין מיט דעם פּעקל אין קאָאָפּעראַטיוו, איך בין דאָרט געקומען און אויפגעבונדן דעם פּאַק. זיי האָבן דערזען דאָס ברויט מיט דעם וואורשט, איז געוואָרן אַ שמחה. איך האָב געזאָגט: — נעמט און צעטיילט. זיי האָבן צעטיילט (פּאַר מיר מיט אַ פּאָרציע מער), אויך פּאַר מיין יינגל, דער סוף איז געווען מיט דעם פּאַלאַק, אַז איך בין צו אים געגאַנגען ביז דער לעצטער מינוט, ווען מיר זענען אַנטלאָפן פון לאַגער. יעדעס מאָל, ווען איך בין צו אים געקומען, האָבן זיי מיר געגעבן מער און צום סוף האָב איך געלאָזן דעם פּאַלטאָ מיט שטיקלעך. איך ווייס נישט, צי ס׳וואָלט זיך געפונען אַזאַ יידן, וואָס זאָל זיך אַזוי איינשטעלן זיין לעבן. עס פּאַרדריסט מיך נאָר, וואָס איך האָב נישט גע־פרעגט זיין נאָמען מיט דער פּאַמיליע.

איצט אַ נייע געשיכטע, וואָס מערדער קענען טוען. אין האַנצעוויטש איז געווען אַ גלאָז־הוטע. ווען די סאָוויעטן זענען אַוועק, האָבן זיי זי אויפגעריסן, אָבער עס איז נאָך געבליבן שטיין אַ גרויסע שאַפּע, זייער אַ הויכע, ווי מיין ברודער האָט מיר דערציילט איז די שאַפּע געווען פון ברעטער שוין זייער אַן אַלטע. האָט מען געהייסן דאָס צוצונעמען. איך בין אַריין צום ברודער פּאַר־נאַכט. זיצט ער מיט שייע לאַטוכאַ און ליפּע טאַפּצ׳יק און נאָך אייניקע אַרבעטער און מען טראַכט ווי צו גיין צו דער אַרבעט. זיי האָבן געזאָגט, אַז נישט איין מענטש קאָן דאָרט דערהרגעט ווערן. האָט האָבן די מערדער דווקא געוואָלט. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט דאָס צענומען און קיינער האָט זיך נישט צעקלאַפּט אַפילו קיין פינגער. דערנאָך זענען געקומען די אַלע עלטערע פון די מערדער באַטראַכטן. איינער האָט געפרעגט: וויפל יידן זענען אַראָפּ־געפאַלן? אָט דאָס איז אים געווען אינטערעסאַנט, וואָס קיינער איז נישט אַראָפּ־

געפאַלן. האָבן זיי צוגערופן מיין ברודער און אים געפרעגט ווי אזוי האָסטו אראָפּגענומען דעם סאמן הויך, האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין. רופט זיך אָן דער עלטערער פון זיי: דו האָסט אַ יידישן קאָפּ.

איינמאָל, ווען חיים שמחה האָט אָפּגעקאָכט דאָס עסן, איז אַריין צו מיר גרינבוים און זאָגט: הער קראַוויעץ, מיר וועלן גיין צום וויצע־קאָמיסאַר. טויט בין איך געוואָרן פאַר שרעק. דאָס עסן איז מיר נישט באַקומען. איך האָב מורא געהאַט צו גיין צום מערדער. איך האָב שוין געהאַט פון אים צרות צוליב די יידישע הויזן. עס העלפט אָבער גאָרנישט. מיר זענען אַוועק.

גייענדיק צום שיינעם בעל־הבית זענען מיר דורכגעגאַנגען ווי מיין ברודער אַרבעט מיט זיינע אַרבעטער. עס בויט זיך דאָרט דריי צי פיר גרויסע הייזער און מען מאַכט פונדאַמענטן געמויערטע פון ציגל און די יידן שטייען מיט די קעסטלעך ליים און מ׳קנעט און דער שווייס רינט איבער זייערע פנימער, ערגער ווי די יידן אין מצרים. איך האָב זיך באַגאָסן מיט טרערן קוקנדיק אויף זיי.

מיר זענען אַריין אין קאָרידאָר פון בעל־הבית. גרינבוים האָט אַ קלונג געטאָן. איך הער, אַז אַ הונט האָט אָנגעהויבן בילן זייער שטאַרק, ער רייסט ממש די טיר. מיר שטייען און וואַרטן. דאַן הערן מיר ווי עמעצער גייט. ער האָט אויפֿגעעפנט די טיר. דער בעל־הבית איז נישט קלענער פון הונט — צוויי חברים. ער האָט באַפוילן דעם הונט זיך לייגן. ער האָט אונדז אַפילו נישט געבעטן זיצן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און פרעגט מיר: — דו וועסט מיר מאַכן אַ גוטן אַנצוג? יאָ, איך וועל מאַכן. איז ער ארויס און געבראַכט די סחורה. ער וויל אַ ציווילן אַנצוג. איך האָב אים גענומען אַ מאָס און מיר זענען אַוועק.

איך האָב זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעבן אונדזערע יידן, וואָס האָרעווען מיט בלוטיקן שווייס. איך פרעג ביי די יידן: — ווו איז מיין ברודער, א ביסל ווייטער האָב איך אים געטראָפן. אַ סך פויערים אַרבעטן אויך אויפן זעלבן פלאַץ, אָבער נישט ביי דער שווערער אַרבעט. איך פרעג מיין ברודער, פאַרוואָס שטעלסטו נישט די פויערים צו דעם ליים? זאָגט ער צו מיר: — דו מיינסט, אז נאָר דו האָסט אַ יידיש האַרץ, איך האָב אויך אַ יידיש האַרץ, איך האָב שוין אַזוי געטאָן,

האָט מען מיר געזאָגט, אַז די פּויערים זאָלן אַרבעטן אויף גרינגער אַרבעט און מען צאָלט זיי אויך יעדן טאָג מיט רוסיש געלט.

עס איז אַריבער אַ פּאָר טעג, האָב איך צוגעגרייט צום מעסטן. איך האָב נישט געוואָלט גיין אָן גרינבוימען, צו אַזעלכע צווייי הינט. ווען איך האָב דעם אָנצוג פאַרטיק געמאַכט, איז ער אויך מיט מיר מיטגעגאַנגען. דער מערדער האָט אים אָנגעטאָן. האָט זיך געשטעלט פאַרן גרויסן שפּיגל, געקוקט. ער איז אוועק אין שלאָפצימער און ער האָט פון דאָרט ארויסגעברענגט פאר מיר מיט גרינ־בוימען צו דריי פּאַפּיראָסן און מיר זענען אַוועק (זייער גוט באַצאָלט).

עס איז געווען אַמאָל אין א זונטיק. אַלע זענען געווען אין לאַגער. זענען געקומען אַ סך מערדער צו גיין. אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן אַרויס אין גאַס, מ׳זאָל זיך אויסשטעלן צו צווייען. מען האָט זיך צעשטעלט. די מערדער האָבן זיך געשטעלט אין אַ זייט און מען האָט זיך דורכגערעדט און עס איז צוגעקומען צו אונדז א מערדער און די אַנדערע נאָך אים. ער האָט אַ קוק געטאָן יעדן אין די אויגן אריין און פון צייט צו צייט א זאָג געטאָן: ארויס! אַזוי האָט ער אַרויס־גענומען דרייסיק יידן. מיר זענען געשטאַנען אפשר אַ שעה און יענע דרייסיק יידן שטייען נאָך אויך, אַלע שטייען מיר ווי פארשטיינערט. עס איז אַריבער נאָך אַ שטיקל צייט. די מערדער זענען אַוועק און אונדז האָט מען געהייסן זיך צעגיין. וואָס זיי האָבן געמיינט זאָל מען אַזוי פון זיי נישט וויסן.

מיר האָבן איבערגעלעבט א שפּאָר ביסל שרעק, און די דרייסיק יידן האָט מען אַוועקגעפירט.

איינמאָל בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי זען, אפשר וועל איך קאָנען מאכן א מנין און זאָגן קדיש נאָך מיין פאָטער. קיינער וויל נישט הערן. דער איינציקער איז געווען ברוך אהרנס ווארשאוויצעס. ער איז געשלאָפן דריי צי־מערן ווייטער פון מיר. ער פלעגט יעדן טאָג קומען נאָך דער אַרבעט צו מיר, זיך אויסרעדן. — וואָס הערט מען? — מען וועט איבערקומען אונדזערע צרות? פלעגט איך אים שטענדיק טרייסטן (דער סוף זיינער איז געווען, אז ער איז געפאַלן נעבן ליבאַן, נישט ווייט פון סלוצק מיט זיין זון משה.

איך בין ארויס אויפן גאַס, זע איך, ווי אויפן הויף דרייט זיך ארום אַ מערדער. בין איך צוריק אַריין אין לאַגער. אין דעם הערט זיך א שטאַרקער געשריי:

אַלע זאָלן ארויס אויפן הויף אין פינף מינוט! האָט מען זיך געלאָזט אַלע לויפן. עס איז נאָר געווען איין טיר, איז געוואָרן אַ שטאַרק געדראַנג. דער מערדער שטייט ביי דער טיר און קוקט אויפן זייגער. דער לעצטער איז אַרויס ביינישעס איידעס, הערשל און האלט נאָך זיינע זאכן, וואָס ער האָט נישט באַוויזן זיך אָנצוטאָן. האָט דער מערדער אָנגעהויבן אים שלאָגן, אזוי לאנג ביז ער איז געפאלן. דאַן האָט ער אים מיט די פיס געטרעטן און שרייט: שטעל זיך! — מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט ער אים נאָך צוגעגעבן עטלעכע קלעפּ אין קאָפּ. ער האָט געהייסן אַלע זיך צעשטעלן אין אַ ראָד. דער הויף איז געווען גרויס, מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט. מ׳האָט צווויסן געגעבן גרינבוימען, איז ער געקומען. ער האָט זיך מיט אַלע געקענט. דער מערדער זאָגט צו גרינ־בוימען: — מען דאַרף זען, צי די יידן האָבן נישט קיין לייז. ער איז געווען אַ פעלדשער. ער האָט געהייסן אַלע אויסטאָן די העמדער איבערדרייען אויף דער לינקער זייט און האלטן אין ביידע הענט. איך בין געשטאַנען דער לעצטער און האָב זיך דאַן גוט באַנאַרישט, איך האָב געקענט אוועקגיין צו מיין ארבעט און ער וואָלט אפילו נישט באַמערקט, אָבער איך האָב געוואָלט זען, וואָס וועט זיין דער סוף. ער האָט אַרויסגענומען אַ שפּאַקטיוו און אָנגעהויבן קוקן. ביי וועמען עס איז גאָרנישט געווען איז געווען גוט און ביי וועמען ער האָט עפּעס געטראָפן, האָט ער געגעבן עטלעכע פּעטש און שיקן צו הערשלען אין דער זייט. ער האָט ארויסגעשיקט פינף אָדער זעקס מענטשן. איך האָב פון טומל און שרעק נישט איבערגעקערט דאָס העמד. ער איז צוגעקומען צו מיר, אַ קוק געגעבן אויף דעם העמד, האָט ער מיר געגעבן אַ פּאַטש. איך האָב עטלעכע טעג נישט געהערט אויפן אויער. יענע עטלעכע יידן, האָט ער געוואָלט פירן צו שיסן, אָבער גרינבוים האָט אים איבערגערעדט (צום גליק איז ער געווען שיכור).

מיין ברודער יאַנקל

אזוי ווי מיין ברודער יעקל איז געבליבן אויף אייביק אין האנצאָוויטש, וויל איך וועגן אים א ביסל שרייבן, וועגן זיין לעבן ביז דער מלחמה. ער איז דאן

דעם מחברס ברודער יעקל קראוויעץ ז״ל מיט זיין פרוי רייזל און זייער טאָכטער אסתר־דבורה

אלט געווען 62 יאָר. ער האָט נישט שלעכט געלעבט, געהאט א טאָכטער דבורה, אָבער ביז ער האָט זי דערצויגן, האָבן זיי געהאט גרויסע צרות מיט איר. עס איז נישט פאַראַן קיין קרענק, וואָס די דבורהלע זאָל אויף זיך נישט איבער־טראָגן. זי האָט זיך געלערנט נישט שלעכט און מען האָט גערעכנט איר לערנען ווייטער, אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה און דאן איז געווען שווער זיך צו לערנען. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט ער געעפנט א געשעפטל און זי האָט עס געפירט זייער גוט. זיי האָבן זי חתונה געמאכט. איר מאַן איז געווען א לייטישער יונגערמאַן און פון א שיינער פאַמיליע. ביז צו דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען געווען ביי איר זעקס

קינדערלעך. אין שטוב איז געווען שטענדיק פריילעך, עס זענען געווען שיינע קינדער, אָבער אויף קורצע יאָרן. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן זייער גאנצע פאַמיליע. מיין ברודער יעקל האָט געהאַט זייער א גוטע נאַטור און אַ גוט האַרץ.

דעם מחברס ברודער יעקל קראַוויעץ ז"ל אומגעקומען אין האנצעוויטש, זיין פרוי רייזל מיט זייער טאָכטער אסתר־דבורה און זעקס אייניקלעך זענען אומגעקומען אין געטאָ לענין

ער פלעגט די עלטערן יעדן חודש געבן 25 זלאָטעס, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט. מיינט איר, אַז ער איז נאָר גוט געווען אַזוי צו זיינע עלטערן? ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די שענסטע בעלי־בתים מיט געבן א נדבה. איינמאָל בין איך מיט אים געשטאַנען אין גאס, עס איז געווען חול המועד פסח. איז צוגעגאנגען צו אונדז זלמן ברעסלער מיט טאטלען. זיי דארפן א נויטיקע נדבה. רופט זיך אָן מיין ברודער: איך ווייס. פון וואנען ווייסט איר? — איך ווייס, אַז מען דאַרף קויפן אַ פערד. האָבן זיי זיך צעלאַכט. ער האָט אַרויסגענומען צען

זלאָטעס און געגעבן. איך האָב גראָד נישט געהאַט ביי זיך קיין געלט, האָט מיין ברודער ארויסגענומען דריי זלאָטעס און געגעבן פאר מיר. איך האָב געפרעגט נאָכדעם מיין ברודער פאר וועמען גייען זיי האָט ער מיר געזאָגט, אז ביי א יידן איז געפאלן א פערד און ער האָט נישט, פארוואָס צו קויפן אן אנדער פערד, אָבער איך זאָל קיינעם נישט זאָגן (זאָג איך איצט אויך נישט, פאַר וועמען עס איז געווען). מיין ברודער האָט אַלע זיינע יאָרן געארבעט מיט אַלע לעגינער בויער. קיינער האָט אים קיינמאָל קיין שלעכטס נישט גערעדט. ער איז קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען פון קיין שווערער אַרבעט. ער פלעגט זיינע אַקסלען אונטערשטעלן און ווייזן א ביישפיל. ער האָט פאר מיר אויך נישט וויי־ניק געטאָן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער ערשטער וועלט ־ מלחמה. עס איז דאן געווען א גרויסער הונגער. איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, ווי אונ־דזערע שטעטלדיקע פרויען פלעגן גיין אין מיל און אָפּשארן דעם מעל־שטויב פון די ווענט און מיט זאלץ דאָס מאָלן און באַקן ברויט (דאָס איז געווען א פאַר ווערטער וועגן מיין ברודער יעקל).



דעם מחברס שוועסטער חנה מיט איר מאן געצל לעבן אין ישראל

דעם מחברס ברודער אברהם קראוויעץ ז״ל מיט זיין פרוי (ער מיט א זון זענען אומגעקומען פון די היטלעריסטן). די פרוי לעבט היינט אין קיעוו

דעם מחברס שוועסטער ציפע (רעכטס) מיט איר טאָכטער, איידעם
און צוויי אייניקלעך (לעבן היינט אין קיעוו)
איר מאן משה און א זון אברהם ז״ל זענען אומגעקומען ביי די היטלעריסטן



געצל קראַוויעץ ז״ל (א ברודער פון מחבר) מיט זיין פרוי. ער איז אומגעקומען
פון די דייטשע רוצחים (די פרוי מיט 2 קינדער לעבן היינט אין קיעוו)

דעם מחברס קרובים פון פאַריז

בנימין קראוויעץ ז"ל מיט זיין פרוי גנענדל
זי און די טאָכטער חנה זענען אומגעקומען
פון די דייטשע רוצחים

זייער זון און שנור האָבן זיך אויסבאַהאַלטן
אין די וועלדער הינטער פאַריז



חנה ציבולסקא מיט איר מאן אברהם ז"ל (געשטאָרבן אין פאריז)
(בעת דער היטלער־אָקופּאַציע זענען ביי זיי אומגעקומען צוויי קינדער)
(אויפן בילד: זייער טאָכטער לעבט היינט אין פאריז)

חנה ציבולסקא ז"ל מיט אירע קינדער אין פאריז

ציפּע עטקין מיט איר משפּחה (געראַטעוועט זיך אין די וועלדער
הינטער פּאַריז)

דעם מחברס א קוזין משה שעוויעץ ז״ל מיט זיין פרוי חוה
(די היטלעריסטן האָבן איר ארויסגעשלעפט פון איר שטוב און דערהרגעט)



א זון פון מחברס א קוזין זבולון שעוויעץ לעבט היינט אין פאריז

מיר אנטלויפן פון האַנצאַוויטש

עס איז אריינגעקומען אין קאַפּעראַטיוו אַן אָפּיציר און האָט געפרעגט: ווער איז דער מייסטער? בין איך צוגעגאַנגען צו אים. זאָגט ער, אז איך זאָל גיין מיט אים, וועט ער געבן אַרבעט. איך בין מיט אים אַוועק. אויפן וועג פרעגט ער מיך, — פון וואַנען איך בין צי פון לענין אָדער פון פאַגאַסט. זאָג איך אים אז איך בין פון לענין. זאָגט ער צו מיר: דו האָסט אַ פרוי מיט קינדער? — יאָ, איך האָב. — זיי זענען שוין נישטאָ. — היינט פרי האָט מען לענינער יידן אלע צעשאָסן, — דיר איז בעסער, ווי זיי. (אַ גוטע בשורה האָט ער מיר געזאָגט).

כ׳האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און אָנגעהויבן וויינען, — וואָס וויינסטו? עס איז אַ באַפעל פון היטלערן, אַז מען זאָל אלע יידן אומברענגען, זיי זענען שווינדלער, — איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איך האָב אים געזאָגט: איך בין דאָך נישט קיין שווינדלער. איך אַרבעט מיט שווייס ערלעך אויף מיין שטיקל ברויט. זאָגט ער מיר — וועלן דיינע קינדער זיין שווינדלער און קאָמוניסטן. האָב איך געזען, אז איך האָב מיט אים נישט מער וואָס צו רעדן. ער איז דאָך דער גערעכטער... מיר זענען אַוועק צו אים אויף קוואַרטיר. אַ הונט ליגט אין דער וווינונג, זייער אַ גרויסער און אַ שלעכטער, אָבער דער בעל־הבית איז אויף הונדערט פּראָצענט ערגער. ער האָט מיר געגעבן אַ שטול צו זיצן און אַ פּאַפּיראָס. רוף איך זיך אָן: — עס איז פאַרבאָטן אַ יידן צו רויכערן. — ביי מיר אין צימער — אז איך גיב מעגסטו רייכערן. גוט פון אַ חזיר אַ האָר. ער האָט אַרויסגענומען אַן אָטרעז (שטאָף). — דו זאָלסט מיר מאַכן, ווי דו האָסט געמאַכט דעם וויצע־קאָמיסאַר מילער און אז דו וועסט מאַכן גוט, וועל איך דיר געבן אַ גאַנץ פּעקל פּאַפּיראָסן. איך האָב אים גענומען אַ מאָס און אַוועק.

עס איז שוין געוועזן די צייט פון מיטאָג. איך בין גלייך אריין צו אונדזער קאָמענדאַנט גרינבוימען און איך האָב אים אַלץ דערציילט. זאָגט ער צו מיר: מען דאַרף זען מאַכן אַן ענדע, פריער אָדער שפּעטער וועט מען פון אונדז אויך דאָס זעלבע מאַכן. איך בין אריין צו זיך, אָפּגעגעסן. דערווייל פרעגן מיר אלע יידן צי איז אמת, וואָס מען זאָגט, אז מען האָט שוין אַלע יידן אויסגעהרגעט פון אונדזער שטעטל. זיי האָבן שוין אַלע געוווסט וועגן דעם, איינער פון צווייטן. מיר האָבן געענדיקט די ארבעט 5 אַזייגער. איך האָב פאַרמאַכט דעם קאָאָפּעראַ־

טיוו, ווי אלעמאָל צוגענומען פון אלע מאַשינען די שליסלען. כ׳בין געקומען אהיים צו זיך, א טומל אין לאגער. מיין געצעלע זאָגט מיר: — טאטע, מיר וועלן באלד אַלע זיך צעלויפן פון לאגער. זאָג איך צו מיין זון: — גרייט אָן צוויי פעקעלעך וועש און אויב עס איז דאָ ברויט נעם אויך צו. איך גיי צו צום פעטער יעקלען, וואָס ער קלערט וועגן דעם.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס. עס איז פלוצלונג געוואָרן אַ לויפעריי פון אַלע הייזער און פון אונדזער שטוב אויך. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק. מיין זון לויפט מיר שוין אנטקעגן מיט צוויי פעקלעך. איך בין צוגעלאָפן צו מיין ברודער. ער שטייט אַנגעשפּאַרט נעבן זיין שטוב און שרייט: משוגעים, וווהין לויפט איר? איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו לויפן צום ברודער און פרעגן אים, וואָס שטייט ער אזוי קאַלטבלוטיק. האָט מיר מיין זון א כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט: וווהין גייסטו? באַלד וועלן אַנפליען די גזלנים. אַזוי האָב איך מיטן ברודער מער נישט גערעדט (און אויך מער קיינמאָל אים נישט געזען).

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן. נאָכן לאגער איז געווען א ברונעם, א געגראָבענע אָן וואַסער, מ׳שפרינגט אַלע איבער און עס ליגן שוין פעקעלעך, וואָס מען האָט שוין צעוואָרפן. עס איז געווען שווער בייצוטראָגן. קיין וווּנדער נישט. מען איז אַלע געווען הונגעריקע פון חיים שמחהס עסן און פאַרמאַטערטע פון שווערער אַרבעט. אָבער נישט קוקנדיק, וואָס קיין כוחות זענען נישט געווען, לויפט מען.

דאָס פעלד, פון לאגער ביז צום וואַלד איז געווען אַ פּאָר גוטע קילאָמעטער. פאַרן וואלד איז געווען א גרויסע בלאָטע, דאָ קאָן מען שוין נישט לויפן. איין פוס ארויסגעשלעפּט איז דער צווייטער אריין אין בלאָטע. עס ווערט שוין נאַכט. מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף שטעכיקע דראָטן און בלאָטע; אַרונטער־קריכן קאָן מען נישט, אריבערנעמען איין פוס לאָזט זיך אויך נישט. האָט מיר מיין זון גענומען פאַרן האַנט און איך האָב זיך געשטעלט אויפן דראָט און איך בין אַראָפּגעשפרינגען ביזן גארטל אין וואסער און אין בלאָטע. דערנאָך האָב איך אַזוי געטאָן מיטן זון. אַלע האָבן אויך אַזוי געטאָן און אריבערגעשפרונגען. אייניקע האָבן אַפילו איבערגעלאָזט אין בלאָטע די שיך; מיט שווערער מי, האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צום וואַלד.

אין וואַלד

מיר זענען אַריין אין וואַלד. שאַ, שטיל. עס איז געוואָרן גוט נאַכט און אין וואַלד איז נאָך מער פינצטער. מען האָט זיך אָנגעהויבן רוקן ווייטער. מיין זון האַלט מיך פאַרן האַנט. מען זעט נישט איינער דעם צווייטן. מיר הערן פון דער ווייטנס האָט עמעצער געשאָסן, פון וואַנען ווייסן מיר נישט. מסתמא פון האַנ־צעוויטש. אַזוי זענען מיר געגאַנגען איבערן וואַלד ביז מיר זענען צוגעקומען צו די באַן־רעלסן.

מיר זענען ארויף אויף די רעלסן, האָבן מיר דערזעען פיל מענטשן. מיר זענען געווען אכצן מאַן. נישט אַלע געדענק איך. עס זענען געווען דריי ברידער טאָפּציקעס: ליפּע, יעקל און בעניע, פיר ברידער סעגאַלאָוויטשעס, דריי קינדער פון יעקל ציטליקען: גדליה, ברוך און דוד, איטשעלע שוסטערמאַן מיט צוויי זין און איך מיט מיין זון געצעלע. עס איז אויך געווען נחמיהלע עפּשטיין. (איך וועל אייך ווייטער פאָרשטעלן ווער ער איז) און נאָך א פּאָר יינגלעך.

מיר שטייען און קלערן, וווהין גייט מען. מיר הערן, אַז עס פאָרט א באַן און באַלד אַ גרויסע שיסעריי. מיר זענען אראָפּ פון די רעלסן, וועלכע איז געווען זייער הויך. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן ווייטער אין וואַלד.

מיר האָבן זיך צעלייגט נישט ווייט פון די באַן־רעלסן. מיר הערן, די באַן גייט. אַ לאָקאָמאָטיוו מיט איין וואַגאָן. די טירן פון וואַגאָן זענען געווען אָפן און אין טיר א האַרמאַט, פון וועלכן מען שיסט אָן אויפהער איבערן וואַלד. זיי האָבן אונדז נישט געקענט זען, ווייל דאָס גראָז איז געווען הויך און מיר זענען געלעגן. די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדז. איר קענט זיך פאָרשטעלן אונדזער איבערלעבעניש, וואָס מיר האָבן געהאַט. אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און זענען אַוועק ווייטער.

מיר גייען אָבער וווהין צו גיין, ווייסן מיר נישט.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. די זאַכן, וואָס מיר האָבן זיי פאַרנעצט אין דער בלאָטע האָבן זיך שוין כמעט אויסגעטריקנט, אָבער, עס ווערט שוין ווידער נאַס דאָס העמד פון שווייס און שרעק. מען גייט.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, מיר זענען אַריין אין א טרוקענעם וועלדל, דאָ וועלן מיר זיך אָפּרוען א ביסל. מען האָט זיך צעזעצט. א טייל זענען באַלד

איינגעשלאָפֿן פֿון מידקייט, דער עיקר די יונגע קינדער. עס ווילט זיך גאַרנישט עסן. ביי א טייל איז געווען א שטיקל ברויט, אויך ביי מיר איז נאָך געבליבן א שטיקל ברויט, אָבער איך האָב אים געהאַלטן פאַרן זון, אַן עלטערער קאָן מער אויסהאַלטן. דער עולם האָט געכאַפּט א גוטן און געשמאַקן שלאָף. מיר אָבער נעמט נישט קיין שלאָף, איך זיץ און באַטראַכט אונדזער לאַגע, ווו איז מיין פאַמיליע, ווו איז מיין אברהמעלע מיט זיין פרוי. עס איז דאָ זייער א סך וואָס צו טראַכטן. מיין עלטערער ברודער איז פאַרבליבן אין לאַגער און אויך אַנדערע.

איך זיץ אַ פאַרטראַכטער און הער, אַז נישט ווייט גייט עמעצער. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב זיך גוטע צוגעקוקט. איך זע בהמות גייען אַרום. פאַרשטייט איך, אַז דאָ איז פאַראַן א פּאַסטוך. איך האָב אויפגעוועקט ליפּען טאַפּציקין. מיר האָבן זיך גוט צוגעהערט. מיר זעען פון ווייטן צוויי קליינע פּאַסטוכער ביז א יאָר צען נישט מער. מיר אַלע זענען שוין אויף די פיס. מיר זענען צוגעגאַנגען צו זיי און פרעגן פון וועלכן דאָרף זענט איר? זאָגן זיי: פון האַנצעוויטש, איז אַזוי ווייט טרייבט איר די בהמות? זאָגן זיי: עס איז נישט ווייט, אָט זעט מען דאָס שטעטל. מיר האָבן געקוקט. יאָ, עס איז ריכטיק. ווי געפעלט אייך א מעשה. א גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַרומגעקראָכן און מיר זענען געקומען צוריק. מיר זענען געוואָרן צעמישט. איצט ווייסן מיר נישט, וואָס צו טאָן. אַוועקגיין איז נישט גוט. די פּאַסטוכער קענען זאָגן, אַז דאָ זענען דאָ יידן. מען האָט זיך צערעדט מיט די פּאַסטוכער און זיי האָבן געזאָגט, ווו מיר האָבן צו גיין. מיר זענען מיט זיי געזעסן ביז נאָך האַלבן טאָג און זענען אַוועק. ביז גוט פינצטער זענען מיר אָפּגעגאַנגען זייער א סך, אַלץ מיטן וואַלד. עס איז געווען נישט ווייט אַ דאָרף. מיר האָבן געהערט ווי הינט בילן. מסתמא דאָרף דאָ זיין נישט ווייט א פעלד מיט קאַרטאָפל.

מען האָט באַשלאָסן צו גיין זוכן קאַרטאָפל, אָבער נישט אַלע זאָלן גיין, פון יעדער פאַמיליע איינער. מיין זון וויל גיין און איך וויל אים נישט לאָזן, אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און ער האָט אויסגעפירט. עס זענען אַוועק 8—10 מענטשן. מיר וואַרטן א שעה, קיינער קומט נאָך נישט צוריק. מיר זיצן אַלע דערשראָקענע און הערן אַלץ, ווי הינט בילן, ווייט פון אונדז. ביי מיר קאָכט אין האַרצן, פאַרוואָס איך האָב אים געלאָזט גיין.

פארשידענע געדאנקען זענען מיר אדורך. מיין פרוי מיט די קינדער זענען שוין נישטאָ מער. דער עלטערער זון מיינער אברהם איז אוועק נאָך רוסלאנד און דאָרטן גיסט זיך היינט בלוט, און ווער ווייסט צי ער לעבט און איצט איז אַוועק מיין איינציקער זון זוכן עפעס עסן אויף צו דערהאלטן די כוחות. עס איז שוין פארביי צוויי שעה און מען זעט קיינעם נישט. אפשר האָט מען זיי ערגעץ פארהאלטן, ביי איינעם פון אונדז איז געווען א זייגער.

עס זענען אַריבער בערך א דריי שעה. מיר הערן, ווי מ׳גייט. מיר זענען שטילערהייט אנטקעגנגעגאנגען. מיט גאָטס הילף זענען זיי דאָ. עס איז געוואָרן א גערייד ביי אלע. זיי דערציילן: מיר האָבן געזוכט קארטאָפל אָבער עס איז נישט געווען, האָבן מיר אָנגעריסן קאָרן, נעם עס טאטע. יאָ, איך האָב דאָך מיט וואָס צו עסן... מיט מיינע דריי ציינער. עס איז געווען אן עמערל ביי איינעם האָט מען דאָס אָפגעקאָכט. עס איז שוין כמעט געוואָרן ליכטיק און מיר קאָכן דעם קאָרן. אלע האָבן ווי עס איז אָפגעגעסן און מען איז אנטשלאָפן געוואָרן.

איך האָב זיך אויפגעכאפט. איך זע, אז קיינער איז נישטאָ, נאָר איך, מיין זון און די פאָר ייִנגלעך שלאָפן. איך האָב זיי אויפגעוועקט. וואָס טוט מען איצט אין וואלד? פון איין זייט וואלד איז געווען א בלאָטע. איך האָב באַמערקט, אז דאָס גראָז איז צעלייגט, קענטיק, אַז זיי זענען דורך דאַנען אַוועק. איך האָב זיך געלאָזן גיין דורך דער בלאָטע. די ייִנגלעך נאָך מיר. זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן א ביסל העכער, הער איך א קול: מיר זענען דאָ, מיר וואַרטן אויף אייך. איך האָב זיי געזאָגט דעם אמת: איר זענט אויסוורפן, ווען ווען איר נאָרן און ווען האָט איר איבערגעלאָזט, עטלעכע קינדער און אן עלטערן מענטש.

מיר זענען אַוועק ווייטער. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט מיר רעדן, פארוואָס איך גיי מיט די ייִנגלעך און אַ בחורל פון שטעטל פון אַ יאָר אַכצן האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן צו מיר: אַלטער הונט, וואָס גייסטו מיט אונדז, ווער דארפט דיך. (אָבער ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז דער שיינער יונגערמאן געקומען קיין מיקאשעוויטש, געווען ביי מיר אין שטוב, געגעסן און געשלאָפן ביז ער האָט באקומען ארבעט. איך האָב אים ביזן היינטיקן טאָג נישט דערמאָנט זיינע רייד. ער איז דאָ אין לאנד, איך טרעף זיך מיט אים אַלע־מאָל. אַ גוטער ברודער מיט מיר).

דער צווייטער, נחמיהלע עפשטיין איז אַליין פון יאשקאָוויץ, נישט ווייט פון לענין. ער איז געווען געהייראט פאר רחלען דאבריניבסקי. אירע יונגע יאָרן איז זי געווען ביי פריידקע דער שניידערקע. ער האָט זיך אויך גענומען צו מיר, אז איך זאָל מיט זיי נישט גיין. איך האָב אים געענטפערט, אז עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. איך וועל גיין מיט זיי, האָט ער געכאפט א שטעקן און מיר געוואָלט געבן איבערן קאָפּ. ער האָט מיר געטראָפן אין אקסל און אלע לאכן. ווען איך וויים, אז קיינער וועט אים נישט העלפן, וואָלט איך זיך נישט דערשראָקן פאר אים, אָבער איך זע, אַז אַלע זענען אַ חברה כוליגאנען, האָב איך אים פאַרשוויגן.



דעם מחברס אייניקל ירחמיאל קראָוויעץ (א זון פון אברהם)
ער איז היינט א פליער אין דער רוסישער ארמיי

מ׳דארף גוט היטן...

מען שלעפט זיך איבער די וועלדער. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף שווארצע יאגדעס. דער עולם עסט זייער געשמאק. עס איז שוין דאנקען גאָט דער פערטער טאָג, וואָס מען האָט נישט געגעסן, חוץ דעם קאָרן. איך רייס אויך יאגדעס, אָבער איך כאפּ אַלעמאָל א בליק צי אלע זענען דאָ. איך האָב שוין באוואָרנט די יינגלעך, אַז זיי זאָלן היטן, די חברה זאָל פון אונדז נישט אַנטלויפן, דערוויל האָב איך זיך דערמאָנט א באַוווסטן אַנעקדאָט וועגן „גוטן היטן״.

אין מאָסקווע אין א קליידער־מאגאזין האָט געארבעט א ייד אלס נאכט־וועכטער, אָבער פון דעם באקומענדיקן לוין האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט מפרנס זיין די משפחה זיינע. וואָס טוט מען? שרייבט דער ייד א בריוו צו סטאַ־לינען און בעט אים, ער זאָל אים העלפן. אין א וואָך שפּעטער באקומט ער אן ענטפער:

„אויב דו האָסט נישט קיין פרנסה איז נאָר דערפאר, ווייל דו ביסט נישט קיין גוטער שומר און דו פארנאכלעסיקסט דיין ארבעט״.

ווייסט נישט דער ייד: וואָס עס באדייט דער ענטפער פון סטאלינען, רופט זיך אָן זיין ווייבל: אונדזער סטאלין איז זיכער גערעכט. עס קאָן זיין, אז דו שלאָפסט ביי דער ארבעט. אויפצומאָרגנס האָט ער באשלאָסן, אז ער וועט נישט איינדרימלען ביים היטן.

דער זייגער איז 12 ביינאכט. פלוצים קומט ווער צוגיין און עפנט דעם מאגאזין. יאָ, דאָס איז דער מאגאזיניער און טראָגט פון דאָרטן ארויס פארשידענע זאכן. דער ייד פרעגט, וואָס איז דאָס עפּעס אין מיטן נאכט, יענער ענטפערט אים נישט, נאָר שטופּט אים עפּעס אריין אין טאַש. ווען ער איז אוועק, האָט דער ייד געזען אַז דער מאגאזיניער האָט אים געגעבן א היפּשע מטבע. יאָ, זאָגט ער צו זיך, סטאלין איז געווען גערעכט, מען דארף גוט היטן און נישט שלאָפן.

אַזוי האָב איך אויך געזאָגט צו די יינגלעך, זיי זאָלן אויך זיי היטן. מען האָט אָפּגעגעסן, זע איך, אז זיי הויבן זיך אויף צו גיין, מיט מיר רעדט קיינער נישט, אזוי ווי איך וואָלט זיי צוגענומען די ירושה. עס ווערט שוין באלד נאכט. שאַ, שטיל. שפּעט ביי נאכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. אין די שטובן איז פינצטער, אויפן הויף א ברונעם. מען האָט זיך אלע צוגעכאפּט צום טרינקען. די חברה זאָגן, אַז מען דאַרף אָנקלאַפּן בעטן ברויט. זאָג איך צו זיי: מען דאַרף נישט קלאַפּן. צוויי האָבן באשלאָסן צוגיין און מיר האָבן געוואַרט א פּאָר הונדערט מעטער ווייטער. אזוי וואַרטן מיר נאָך. מיר האָבן געוואַרט אויף זיי א שפּאָר ביסל צייט און מיר זענען אַוועק. וואָס איז דאָרטן געשען מיט זיי ווייסן מיר נישט. מיר זענען אזוי געגאַנגען ביז עס איז געוואָרן ליכטיק.

מיר האָבן דערזען פעלדער מיט קאַרטאָפל. אָט דאָס איז א זאַך. מיר האָבן זיך אלע צוגעכאפּט גראָבן. ביי מיר זענען געווען צוויי זעקעלעך, האָבן מיר אריינגעלייגט די גאָרדעראָבע אין איין זעקעלע און מיר האָבן געהאט אין וואָס אַריינצולייגן די קאַרטאָפל. אַ טייל האָבן געלייגט אין די קעשענעס; מיר האָבן זיך געגעבן אן עצה, ווי מען האָט באַר געקאָנט און געמאכט פּליטה. נאָך 3-4 קילאָמעטער זענען מיר אריין אין א טיפן וואַלד. מען האָט געמאכט א פייער, איך האָב זיך געמאכט א באַזונדער פייער, האָלץ האָט מען נישט געדאַרפט זוכן. מיר האָבן אָנגעלייגט אַן אכציק קאַרטאָפל. דאָס געדענק איך זייער גוט און באַדעקט מיט דעם פּריסאַק. מיין זון האָט אין דער צייט אָנגעריסן יאַגדעס. וואָסער איז אויך געווען, האָבן מיר זיך א ביסל אָפּגעוואַשן (אָן זייף) און מיר האָבן זיך געגרייט צו דער סעודה, מיין זון זאָגט מיר: מען דאַרף נישט שיילן די קאַרטאָפל. בלויז אָפּרייבן דאָס זאַמד — א גוטע עצה האָט ער מיר געגעבן, ווינציקער אַרבעט און מער עסן. איר מעגט מיר גלויבן, אז עס איז געווען אלע טעמים, נאָך אַ פּיל בעסערער טעם פון מן, וואָס די יידן האָבן געגעסן אין מדבר.

מיר האָבן אלץ אויפגעגעסן. עס איז נאָך געבליבן אויף נאָכאמאָל צו באַקן. די יינגלעך זענען געווען: ברוך לאַטישקעס, מאיר בערל שוסטערס, אלטערס יאַשקעוויץ אַן אייניקל און נחמקע טעמקינס אַ יינגל. נאָכן עסן האָבן זיך אלע געלייגט שלאָפן, איך האָב זיי צוגערופן און געוואָרנט גוט אכטונג צו געבן, די חברה זאָלן אונדז נישט איבערלאָזן און מען האָט שוין גוט געהיטן.

מיר לויפן

עס איז שוין נישט ווייט צו נאכט, מען דארף גיין. מיר האָבן גערעכנט צו גיין אין אונדזער געגנט. נעבן אונדזערע דערפער וועלן מיר טרעפן באַקאַנטע פּויערים. מיר גייען מיטן וואלד. עס איז געווען פרייטיק. עס איז געוואָרן נאכט. מיר האָבן זיך צעשטעלט אין א שורה און מיר גייען. שא, שטיל, ווער עס האָט געדאַרפט א הוסט טאָן, פלעגט מען פארשטעלן דאָס מויל. מיט אמאָל הערן מיר אַ געשריי: סטאָי! מיר זענען געבליבן שטיין. מען הערט אַ שאָס פון אַ ביקס. מיר האָבן זיך אלע א וואָרף געטאָן צו לויפן. מען לויפט מיט די לעצטע כוחות.

מיר לויפן איבער א גרויסן פעלד ביז מען איז אריין אין א וואלד. איך האָב זיך דאָן דערמאָנט, אַז מיט אונדז איז נאָך געגאַנגען שלמה גאַלינסאָן און פון פּאהאסט א ייד, א בלינדער אויף איין אויג, דעם ייד האָבן מיר נישט געזען, האָבן מיר גערעכנט, אז מען האָט אים געשאָסן אָדער א לעבעדיקן געכאַפּט, אָבער איך האָב נאָכדעם גערעדט מיט שלמה גאלינסאָנען, האָט ער מיר געזאָגט, אז דער ייד איז דאָ היינט אין ישראל.

מיר זענען געגאנגען א ביסל אין וואלד ביז מיר זענען צוגעקומען צו א גרויסער בלאָטע. עס איז שוין ליכטיק, זעען מיר, אז עס שטייען אין דער בלאָטע צוויי פּויערים און מען שניידט היי. האָבן מיר דאָך מורא, טאָמער זוכט מען אונדז און דער וואלד איז געווען דאָרט א שיטערער, ווו מען קאָן זען לייכט א מענטש פון דער ווייטן. נעבן די בלאָטעס זענען געווען קוסטעס, זענען מיר דאָרט אריין און יעדער האָט פארנומען א פלאץ אזוי וויביים טאטן אין ווייַנגאָרטן. מיר זענען דאָרט געזעסן אַ גאַנצן טאָג און זיך צוגעקוקט ווי די פּויערים שניידן דאָס היי בערך א פופציק מעטער פון אונדז, א גוטער שבת איז דאָס געווען. עס איז גוט אויסגעקומען. שבת טאָר מען דאָך נישט ווייטער גיין, אָבער שבת טאָר מען דאָך נישט פאסטן און מיר האָבן יאָ געפאסט.

ביינאכט זענען מיר ארויס פון די קוסטעס. מיר קענען זיך נישט שטעלן אויף די פיס. אזא טאָג אויסגעזעסן, נישט זיך א דריי געטאָן. מיר האָבן זיך צוביסלעך אויסגעגלייכט די ביינער און מען האָט אָנגעהויבן ווייטער גיין, מיטן פריערדיקן וועג. מיר האָבן אזוי געוואנדערט א גאנצע נאכט. גאנץ פרי זענען מיר אָנגעקומען אויף א הויף, א קליין שטיבעלע. דער פּויער איז געווען אויפן הויף. מיר האָבן

ביי אים געפרעגט: ווי אַזוי קאָנען מיר גיין קיין יאַשקאָוויץ אָדער רעכעוויץ? זאָגט ער: אז עס איז נאָך ווייט. — און דערפֿער זענען דאָ ערגעץ? — און דייטשן זענען דאָ אין די דערפֿער? איך ווייס נישט, מען דאַרף זיך היטן, מיר זענען אַוועק ווייטער.

מיר זענען אָנגעקומען אויף א גוטן פּלאַץ, א גוטער וואַלד. מיר זענען אריין אין וואַלד און האָבן געמאַכט אָפּרו, געמאַכט פייער, קאַרטאָפל איז נאָך דאָ, מען האָט אָפּגעגעסן און מען האָט זיך געלייגט אָפּרוען.

א ביסל זיך אויסגערוט און מען גייט ווייטער. מיר זענען אדורכגעגאַנגען א פּאָר קילאָמעטער, הערן מיר אין וואַלד א טומל, מ׳גייט. מיר הערן זיך צו: מ׳רעדט יידיש. מיר האָבן זיך צעזעצט און וואַרטן. עס גייט א פּאַרטיע אונדזערע מענטשן. אַ גרויסע פרייד איז געווען. זיי דערציילן פון זיך און מיר דערציילן אונדזערע גליקן. מען קאָן זיך אויסגלייכן. ביי אַלע זענען גוטע געשעפטן. ביי זיי איז געווען בנימין סטראַבינסקי, בועז רובינשטיין, משה גאַלינסאַן, א קראַנקער, קוים וואָס ער גייט, יודל רובינשטיין, דער לערער און די איבעריקע געדענק איך נישט.

איך בין צוגעגאַנגען צו בנימינען און אים געבעטן, אז איך וויל גיין מיט אים. פאַרוואָס נישט, — דער וואַלד איז דען קליין? איר קענט גיין מיט אונדז. איך האָב אים דערציילט, ווי מ׳האָט מיך געשלאָגן און געזידלט, האָט זיך משה גאַ־לינסאָן אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אויף זיי שרייען און אויף בנימין דאָס זעלבע. צום סוף האָב איך פאַרלאָזט מיין פריערדיקע פּאַרטיע; מען האָט זיך דעררעדט, גישט אַלע צוזאַמען צו גיין, איינע פון דער צווייטער מיט א שעה שפּעטער.

ס׳איז שוין געווען באַלד נאַכט (מיר זענען געגאַנגען א גאַנצע נאַכט). עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק. זענען מיר ארויס אויף א גרויס פעלד פון גראָז. דאָ שטייט א פויער און שאַרט היי. מיר פרעגן אים, ווהין צו גיין, האָט ער גע־זאָגט: אז מיר זענען אַדורכגעגאַנגען אַ באַן־ליניע פון אַ שמאָלער קאָלייקע און נישט ווייט פון א דאָרף. מיר זענען צוגעקומען צו דער באַן־ליניע. פון דער ווייטנס זעען מיר גיין צוויי מענטשן. רופט זיך אָן בנימין און בועז: איר גייט אריבער די באַן־ליניע און וואַרט אויף אונדז. מיר זענען אַוועקגעגאַנגען א 500 מעטער און מיר וואַרטן אויף זיי און מיר האָבן זיך דערוואַרט.

מיר הערן, אז מען שיסט. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן. פריער האָבן צוויי געשאָסן, נאָכדעם פיל מער און עטלעכע הינט בילן און לויפן נאָך אונדז. איך בין געלאָפן נאָך יודלען רובינשטיינען, זאָג איך צו אים: לויף גיכער. זאָגט ער: איך קאָן מער נישט, איך מוז זיך זעצן. איך לויף אויך מיט די לעצטע כוחות. מיין זון נעבן מיר. איך הער, אַז די הינט זענען שוין נעבן מיר. איך קוק נישט אויף הינטן. מיר לויפן און די שיסעריי איז וואָס מער און מער און דער וואלד איז א געדיכטער. עס איז שווער צו לויפן. מיר זענען אדורך דעם וואלד און אַרויס אויף א פּאַלאנקע, דאָרטן איז שוין געווען גרינגער צו לויפן. איך הער, אז די הינט זענען שוין ווייט פון אונדז, זיי האָבן זיך פארבומען מיט די אַנדערע. מיר האלטן נאָך אין איין לויפן. מען הערט שוין די שיסעריי פון זייער ווייט און די הינט הערט מען שוין שטילער. די, וואָס לויפן פאר מיר, לויפן אָן אויפהער. איך האָב אָנגעהויבן מאכן מיט דער האנט צו זיי. זיי האָבן געוואַרט אויף מיר. איך זע אַז די יינגלעך זענען אויך דאָ. איך וויל עפּעס רעדן. אָבער איך קען נישט. אַזוי איז מיר געווען פאַרקלעמט דאָס האַרץ. מיר גייען גיך. מיר זענען אַריין טיף אין וואלד און האָבן זיך געזעצט אָפּרוען.

אין דאָרף כווארעסטאָוו נישט ווייט פון אונדזער שטעטעלע לעבין האָט גע־ווינט דער לערער פלאָטקין מיט זיין פאמיליע. ביי אים איז געווען א יינגל פון א יאָר זעכצן אָדער 17. ער איז געווען פריער מיט בנימינען, איצט איז ער מיט מיר. איך האָב יענע פיר יינגלעך און אויך דעם בחורל פלאָטקין, זייער א פאר־שטענדיק יינגל. זאָגט ער צו מיר: ר׳ מרדכי, האָט נישט קיין מורא, מיר וועלן זיך שוין ווי עס איז ארויסקריגן אין אונדזער געגנט.

עס איז שוין באלד נאכט, קיין קארטאָפל איז נישטאָ, קיין יאגדעס זעט מען נישט, נישטאָ מיט וואָס צו דערכאפן זיך דאָס הארץ. די קינדער האָבן נעבעך, פארשמאכטע ליפּן, זיי שוויגן. ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, זאָג איך צו זיי: לאָמיר ווייטער נישט גיין, מיר קענען נאָך פארקריכן ווו מען דארף נישט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף א טרוקענעם פלאַץ, זיך צעזעצט, מיין יינגל זיצט נעבן מיר אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף מיין אקסל; איך זע, אז באלד שלאָפט ער איין. אויך אלע אנדערע ווערן אנטשלאָפן. איך קעמף מיט אלע כוחות נישט צו

שלאָפן. איך זיץ און די געדאַנקען מאַטערן מיך וועגן מיין פרוי און מיינע יונגע קינדער. עס איז דאָ וואָס צו טראַכטן.

א ביסל שפּעטער האָב איך אויפגעוועקט פלאַטקינען און זאָג אים: זיץ דו א ביסל, איך וועל זיך צושפּאַרן. — גוט. איך בין תיכף אנטשלאָפן געוואָרן אָבער נישט אויף לאַנג. איך האָב זיך באַלד אויפגעכאַפּט, זע איך, ווי מיין פלאַטקין שלאָפט זייער געשמאַק. איך האָב אים שוין נישט געטשעפּעט.

עס איז געוואָרן א ביסל ליכטיק, האָב איך אויפגעוועקט די יינגלעך, זיי האָבן אויסגעריבן די אויגן, עס וואָלט נישט געשאַדט א ביסל איבעררייבן די ציין, אָבער מיר בלייבן ביים חשק. מען דאַרף גיין ווייטער. אַוועק איבערן וואַלד און אַרויס פון וואַלד. מיר זענען פעלדער מיט קאָרן. מיר האָבן א לויף געטאָן אין א זייט. יאָ, עס איז דאָ קאַרטאָפל. מיר האָבן אָנגעקליבן א ביסל און אַוועק שנעל פון דאַנען, מ'זאָל אונדז נישט פאַרהאַלטן. מיר זענען אַריין אין וואַלד און גע־מאַכט א פייער. ביי מיר איז גראָד געווען שוועבעלעך נאָך פון האַנצאָוויטש. באַלד האָט מען אָנגעבאַקן א ביסל קאַרטאָפל. אַלע צוזאַמען געגעסן. עס איז אונדז געוואָרן א ביסעלע פריילעכער. עס איז שוין נישט ווייט צו באַכט. ,

מיר זענען אַרויס פון וואַלד. אַ גרויס פעלד מיט אָפּגעשניטן גראָז. עס שטייען סטויגן היי. מיר זענען צוגעקומען צו אַ טייך. דאָס איז געווען די לאַנע (נישט קיין ברייטער טייך באַר טיף). איצט האָב איך שוין פיל ווייניק געוווּסט, וווּ איך בין. מיר זעען פון ווייטנס צוויי מענטשן אין א לאָדקע. ווער ווייסט, ווער זיי זענען? קיין דייטשן וועלן דאָ נישט פאָרן. מיר האָבן צוגעוואַרט, זיי זענען צוגעשוווּמען נענטער. זדראַסטוווּיטיע! זאָג איך. זיי האָבן געענטפערט. פרעגט איינער, וווהין גייט איר, האָב איך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת און אַז מיר ווילן אָנקומען אין אונדזער געגנט. זאָגן זיי: איר דאַרפט אַריבער די לאַנע וועט איר קומען צום הריצין. דער הריצין איז זייער גרויס (איר קאָנט אַריין און אַרומקריכן א וואָך צייט און איר וועט נישט קענען פון אים אַרויס). און דאַן זאָלט איר זוכן די טעלעפאָן־סלופן, וועט איר גיין ווייטער, ביז איר וועט קומען קיין רעצינעוויץ. קומט אין לאָדקע וועלן מיר אייך אַריבערפירן. זיי האָבן אונדז אַריבערגעפירט. זיי זאָגן אונדז ווייטער. איר וועט איצט אַריין אין הריצין

וועט איר אין דער פינצטער נישט טרעפן. נעכטיקט דאָ איבער און מאָרגן פרי וועט אָפּזוכן די טעלעפאָן־סלופּן.

זיי זענען געפאָרן כאפן פיש. מיר האָבן זיי באַדאַנקט און אוועק.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן א סטויג היי און דאָרט גענעכטיקט. אין היי איז געווען זייער גוט און קיינער וועט אהער נישט קומען. קאַרטאָפל האָבן מיר, אָבער דאָ איז נישט דאָס אָרט צו מאכן א פייער. מיר לייגן זיך שלאָפן.

איך האָב זיך אויפגעכאפּט איז נאָך געווען פינצטער. עס איז וואַרעם אין דעם היי. איך שלאָף ווייטער. צום צווייטן מאָל ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט איז שוין געווען טאָג. איך האָב א וועק געטאָן מיינע יונגע לייט. זיי האָבן זיך אלע אויפגעהויבן. מיר האָבן זיך גוט אויסגערוט פאַר דער גאַנצער צייט. מיר זענען אוועק קיין הריצין. געגומען זוכן די טעלעפאָן־סלופּן, ביז זיי ענדלעך געפונען. מיר זענען אוועק אין א שמאָלן וועג, וווּ איין מענטש קאָן נאָר אדורכ־גיין, א ביסל איז טרוקן, א ביסל בלאָטע, א ביסל שטעכט אין די פיס און מיר זענען אלע באָרוועס. מיר האָבן אָנגעהויבן גיין פאַמעלעך. עס איז פּשוט נישטאָ קיין כוחות, שוין דער צווייטער טאָג נישט געגעסן: קאַרטאָפל האָבן מיר ביי זיך, נאָר נישטאָ וווּ זיי צו באַקן.

עס הויבט אָן ווערן נאכט, נישט גוט, נישטאָ קיין אָרט וווּ זיך צו זעצן איבער־נעכטיקן. מיר זענען ווייטער געגאַנגען, גאָט איז איין גוטער. מיר זענען ארויס אויף א פעלד מיט אָפּגעשניטענעם היי. עס שטייען סטויגן היי און א פּאָר ביידלעך, וואָס די פּויערים האָבן געמאכט צוליבן רעגן. מיר האָבן זיך אריינגעקליבן אין די צימערן אָן שליסל־געלט. איך האָב געפונען אין א בודקעלע א שטיקל פּאַפּיר גע־שריבן אויף יידיש. זאָג איך צו מיינע יינגלעך: דאָ זענען שוין געווען יידן. מיר האָבן א ביסל איבערגעוואָרפן דאָס היי עס זאָל שמעקן גוט, עסן איז נישטאָ, זאָל כאָטש אונדז צושמעקן.

קיין פייער האָט מען נישט מיט וואָס צו מאכן. מיין יונגער פלאַטקין איז ארויס אויפן פּלאַץ עפּעס זוכן האָט ער געפונען א ביסל טאבאק, האָט ער מיר דאָס אריינגעבראכט מיט שמחה. ער האָט געטאָן א מצווה. פּאַפּיר אין קעשענע איז געווען. איך האָב גלייך פאַרויכערט. איך בין אָבער געווען הונגעריק איז מיר געוואָרן שלעכט. מיין זון האָט אָנגעהויבן וויינען. עס האָט געדויערט א

ביסל, איז מיר בעסער געוואָרן. איך בין ארויס אויף דער לופט, עס שמעקט דער היי, א גוט ווארעם ווינטעלע. איך האָב זיך א ביסל דורכשפאצירט, איז מיר לייכטער געוואָרן.

גוטהארציקע פויערים

אויפמאָרגן פרי זענען מיר ווייטער געגאנגען מיט דעם זעלבן וועג. זעען מיר פון ווייטן צוויי מענטשן. וואָס טוט מען? מיר ווייסן נישט, ווער זיי זענען. די יינגלעך זאָגן, זיי טראָגן ביקסן, אָבער איך זאָג זיי: ניין, קיין ביקסן טראָגט מען נישט אויפן אקסל. דאָס זענען צוויי פויערים מיט קאָסעס. מיר גייען זיי אנטקעגן און זיי גייען צו אונדז מיט דעם זעלבן וועג. זיי זענען טאקע געווען מיט קאָסעס, אָבער ווער ווייסט, וואָס פארא מענטשן דאָס זענען? מיר זענען זיך אנטקעגנגעקומען. דזיען דאָברי (גוט־מאָרגן) — אן עלטערער פון א יאָר פופציק און דער צווייטער פון א יאָר אכצן. — ווער זענט איר? דערצייל איך אים. זאָגט ער: — בעכטן זענען דאָ אויך דורכגעגאנגען לעבינער יידן, וואָס זענען אנטלאָפן פון האנצאָוויטש. קומט מיט אונדז, נישט ווייט פון דאנען, וועט איר קריגן עפעס צו עסן און פון דאַנען זאָלט איר זיך ציען אין רעכעוויץ, מאָריץ, נאָר נישט אין כוואַרעסטאָוו. דאָרטן געפינט זיך פאָליציי און אויך דייטשן. ווייטער זאָלט איר גיין צו סטאראבין. דאָרטן וועט איר טרעפן פארטיזאנער און מען וועט אייך צונעמען. פרעג איך אים: דאָ אין אייערע כאטעס איז רואיק? יאָ, עס איז רואיק. עס טרעפט אמאָל, וואָס זיי קומען צופאָרן עפעס נעמען. איך האָב אים זייער באַדאנקט און ער פרעגט נאָך: מסתמא זענט איר הונגעריק. זאָג איך אים, אז פון האנצאָוויטש האָבן מיר נישט געזען קיין ברויט, האָט ער ארויסגענומען פון טאָרבע א גרויס שטיק ברויט, מער ווי א קילאָ מיט א האלב גלאָז פוטער און אונדז געגעבן און ער זאָגט נאָך צום צווייטן: גיב זיי דאָס עסן, וואָס דו האָסט. זאָגט יענער: און וואָס וועל איך עסן א גאנצן טאָג? ענטפערט ער אים: „ניע זדאָכניעש". (דו וועסט נישט פגרן). ער האָט ארויסגענומען עטלעכע פלעצלעך און א שטיק קעז. מיר האָבן זיך אָורעקגעזעצט און געמאכט א סעודה. זיי האָבן זיך געזעגנט און

אַוועק. מיר האָבן געגעסן אזוי לאנג ביז מיר האָבן אלץ פאַרטיק געמאכט. איך רעכן, אז עס וואָלט געווען נאָך א פּאָר פלעצלעך, וואָלט אויך געווען דורכגעגאַנגען אָן א צענזור און בכלל האָט ער אונדז צוגעגעבן מוט. איך האָב איצט געמאכט מיר א גוטן פּאַפּיראָס און פאַרויכערט. עס האָט מיר שוין נישט פאַרשאַדט ווי נעכטן.

מיר זענען אַוועק צו די חוטאַרס, אַריין אין ערשטן חוטאָר אין א שטוב. דער פויער איז נישט געווען. כ׳האָב געבעטן די פויערטע עפּעס עסן, זאָגט זי מיר, אַז זי האָט נישט קיין ברויט, נאָר זיסע און געזאַלצענע אוגערקעס. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן געפרעגט דעם וועג נאָך רעכעוויץ און זענען אַוועק. מיר זענען אַריין אין אַ וועלדל. די זון וואַרעמט זייער גוט. מיר זענען נישט קיין הונגעריקע, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט און געכאַפּט א דרעמל.

מיר גייען ווייטער און זעען איבערן וואַלד א חוטאָר. די טיר איז פאַרמאַכט און אויפן הויף זע איך אַן אָפּגענעם שייער און מ׳דרעשעט. עס שטייען צוויי פויערים, איינעם פון זיי האָב איך גלייך דערקענט. ער פלעגט אַריינקומען צו מיין ברודער. ער האָט מיך אויך דערקענט. מען זאָגט א גלייכוואָרט: די קלעזמער שפּילן און דעם חתן ליגט אין זינען זיינס — מיר ליגט אין זינען עפּעס עסן. נישט אזוי פאַר מיר ווי פאַר די יונגע קינדער, אויסגעמאַטערטע. איך פרעג אים וועגן עפּעס עסן. יאָ, איר וועט קריגן, באַלד וועט קומען מיין פרוי, וועט זי אייך געבן.

די פרוי איז געקומען פון פעלד, זי פרעגט דעם מאַן, וואָס איז דאָס פאַראַ מענטשן? ענטפערט ער: דו זעסט נישט, אַז דאָס זענען אונדזערע לעבינער יידן. דו האָסט נישט דערקענט קראַוויעצעס ברודער. דאָס שלעפּן זיי זיך פון האַנצאַוויטש. הייץ איין און מאַך עסן פאַר זיי. באַלד זענען געקומען זיינע צוויי זין פון דער אַרבעט. עס איז געוואָרן נאַכט. ער האָט פאַרמאַכט דעם שייער. דער צווייטער פויער, וואָס האָט מיט אים געאַרבעט איז געווען זיין ברודער, אָבער א שטומער. מיר זענען אלע אַריין אין שטוב. ער האָט אונדז געגעבן שטולן צו זיצן. ער האָט געהייסן זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן פאַרהענגען די פענצטער.

מיר האָבן געוואַשן די הענט און מען האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט א שיסל קאַרטאָפל, געשיילטע, פּוטער, קעז, מילך, אוגערקעס, וואָס דאָס האַרץ

גלוסט. מיר האָבן אָפּגעגעסן, האָט ער געהייסן די זין, אַז זיי זאָלן אַריינטראָגן שטרוי אין שטוב. זאָג איך אים, אַז מיר וועלן גיין אין שייער שלאָפן. רופט ער זיך אָן: איר וועט נאָך שלאָפן נישט איין נאכט אויף דער גאַס. זיי האָבן אונדז זייער שיין אויסגעבעטן און ער זאָגט נאָך צו זיינע זין, אַז זיי זאָלן שוין נעמען און אויספלעכטן פאַר אַלעמען לאַפּטשעס, ווייל מיר זענען געווען באָרוועס. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

גאַנץ פרי זענען מיר אויפגעשטאַנען איז שוין געווען פאַרטיק דאָס עסן. די זין האָבן געמאַכט פאַר אונדז לאַפּטשעס. איצט מיינע ליבע קענט איר גיין אין אייער וועג, ווייל איר ווייסט דאָך, אַז די היינט וועלן זיך אָפּרייסן וועט פאַר אונדז און פאַר אייך זיין שלעכט. מען האָט אונדז מיטגעגעבן אַ לעבל ברויט און אַ גוטן קעז און ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט ער אונדז באַגלייט און געוויזן דעם וועג. מיר האָבן באַדאַנקט פאַר אַלעם און אַוועק.

מיר זענען אַוועק ווייטער איבער די וועלדער און געקומען צו אַ כוטאָר, ווי דער גוטער פויער צובאַ (אַזוי האָט ער געהייסן) האָט אונדז געזאָגט, אַז מען זאָל נישט מורא האָבן דאָרט אַריינצוגיין. מיר זענען אַריין אין אַ שטוב, זענען דאָרט געווען דריי קינדער. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר אונדז. איך האָב אָנגעהויבן רעדן צו זיי. איך האָב זיי באַרואיקט. דאָס עלטערע קינד איז געווען אַ יאָר 8־9.

איך האָב אים געפרעגט, וווּ איז דער טאַטע און די מאַמע? זיי זענען אַוועק שאַרן היי, ווייס איך שוין, אַז ביז נאַכט וועלן זיי נישט זיין צוריק, האָבן מיר נישט וואָס צו זיצן און די קינדער טרייסלען זיך פון שרעק. גוטע צייטן, אַז מען האָט שוין מורא פאַר אונדז. איך זאָג צו מיין חברה אויף רוסיש: „פּאַידיאָם כלאָפּצי". ווען איך זאָג דאָס אויף יידיש וואָלטן זיי זיך נאָך מער דערשראָקן. מיר זענען אַוועק.

א באגעגעניש מיט פארטיזאנער

מיר גייען און אין די פיס איז גוט, נאָר אין דעם קאָפּ שטעכט פון טראַכטן, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם. עס העלפט אָבער גאָרנישט דאָס טראַכטן.

מען דאַרף גיין ווייטער. מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו א קאַנאַווע. מיר ווייסן נישט צי מיר דאַרפן אַריבער די קאַנאַווע אָדער גיין לענגאויס. פון אלע צרות זאָג איך צו די יינגלעך: מיר וועלן זיך אָפּרוען, ווער עס וויל קען עפּעס עסן. מיין חברה לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן און מען האָט זיך גענומען צום לעבל ברויט מיט קעז.

פּלוצים זעען מיר, ווי עס דערנענטערן זיך צו אונדז מענטשן. מיר האָבן געוואָלט לויפן, נאָר עס איז שוין צו שפּעט. זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי א געשריי געטאָן: סטאָי! און זיי האָבן אראָפּגעכאַפּט די ביקסן פון די אַקסלען און

א גרופּע פּאַרטיזאַנער פון לענין, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די רוצחים

גייען צו צו אונדז. איך זע, אז דאָס איז נישט קיין פּאָליצייַ און נישט קיין דייטשן, מסתמא פּאַרטיזאַנער. אַזוי איז טאַקע געווען. דערווייל האָט אונדז גוט געקלאַפּט דאָס האַרץ און זיי האַלטן די אויטאָמאַטן גלייך צו שיסן. זיי זענען געווען אכט פּערזאָן.

ווער זענט איר? פרעגן זיי. יידן, מיר זענען אַנטלאָפן פון האַנצאַוויטש, פון לאַגער. איז וווּ גייט איר? מיר זוכן פּאַרטיזאַנער. איר האָט דאָך נישט קיין ביקסן. איך האָב אים נישט וואָס צו ענטפערן. — איר ווייסט, אז מען טאָר זיך

נישט ארומשלעפן איבער די וועלדער, מיר האָבן רעכט אייך צו שיסן. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און איך האָב אים געזאָגט: די דייטשן הרגענען אונדז, זענען מיר אנטלאָפן פון זיי צו אייך, ווילט איר אונדז אויך הרגענען? איך האָב געזען, אז צווישן זיי איז דאָ א ייד, אָבער ער האָט געשוויגן. איך האָב געזען, ווי ער איז געשטאנען א צעקאָכטער, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן. איז וואָס זאָלן מיר איצט טאָן? סיידן זיך אריינוואָרפן אין דער קאנאווע. פאר אונדז איז נישטאָ מער קיין אָרט, אין ערגעץ נישט. די לעצטע ווערטער זיינע זענען געווען, אז זיי האָבן נישט קיין רעכט צו נעמען מענטשן אָן דעם קאָמאנ־דיר. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אז מיר זאָלן זיצן דאָ ביז מאָרגן, זיי וועלן איבער־געבן זייער קאָמאנדיר און מאָרגן, וועלן זיי קומען נאָך אונדז. זיי זענען אוועק פון אונדז איבער א גרויסער בלאָטע (דאָס גראָז איז אויך געווען א טרוקענע בלאָטע).

מיר איז איינגעפאלן א געדאנק, אז מיר זאָלן ווארטן ביז זיי וועלן שוין זיין פון אונדז ווייט, דאן זאָל מען זיי נאָכגיין, ווייל ס'קאָן זיין, אז זיי וועלן נישט קומען נאָך אונדז, ווי דער פויער האָט אונדז געזאָגט, אז די פארטיזאנער געפינען זיך נעבן סטאראבין, קאָנען זיי נישט צוריקקומען מאָרגן, ווייל גיין אהין צופוס, דארף מען אייניקע טעג. זיי האָבן פשוט געוואָלט זיך אָפּטשעפּען פון אונדז. מיר זענען אַוועק נאָך זיי, מיר זענען געגאנגען אפשר א קילאָמעטער און זיי קוקן כסדר, צי מיר גייען זיי נאָך. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך אויך אָפּגעשטעלט. מיר זעען, אז איינער פון זיי גייט צוריק צו אונדז. מיר ווארטן, איך זע, אז עס גייט דער ייד. זייער גוט, איך וועל זיך מיט אים דורכ־שמועסן. ער איז צוגעגאנגען נענטער און האָט אָנגעהויבן רעדן יידיש. אז מיר זאָלן זיך אומקערן, ווייל אויב מיר וועלן זיי נאָכגיין וועלן זיי אונדז שיסן. זאָג איך צו אים, איז וואָס זאָלן מיר טאָן, גיין צוריק צו די מערדער איז שוין אלץ איינס, זאָלן זיי אונדז דאָ שיסן, וועט מען זיך כאָטש אויפהערן צו מאטערן. איך זע, אז דער ייד זוכט א טיכעלע פון קעשענע אָפּצווישן די טרערן. איך האָב אויך נישט געזשאלעוועט קיין טרערן און די יינגלעך האָבן אויך זיך צעוויינט. זאָגט ער צו מיר: פאָלגט מיך, קערט זיך אום, דאָרטן שטייט א סטויג היי און נעכטיקט איבער און מאָרגן זאָלט איר גיין מיט דעם זעלבן וועג איבער דער בלאָטע און

איר וועט קומען קיין רעכעוויץ און דאָרטן וועט איר פרעגן ווייטער. איך בין אייך נישט קיין שונא און ער איז אוועק.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צום סטויג היי, געמאכט א ביסל פייער, זיך אנגעוואַרעמט. עס איז געווען א קילער טאָג. קיין קארטאָפל איז אָבער נישטאָ. מיינע יינגלעך האָט זיך פארוואַלט עסן, ברויט מיט קעז איז נאָך געווען, האָבן מיר איבערגעביסן און זיך געלייגט שלאָפן.

דער יונגערמאן איז געווען א סטאראבינער (נאָך געווען דאן א בחור). אין דעם זעלבן באטאליאָן איז געווען אויך לובא חיהס ראבינאָוויטש טאָכטער. זיי האָבן זיך נאָך דער מלחמה באזעצט צוזאמען אין מיקאשעוויץ און לעבן זיך זייער גוט. ער ארבעט אלס מעכאניק.

ביינאכט האָב איך זיך אויפגעכאפט. איך האָב זיך אוועקגעזעצט און הער זיך צו. ארום איז שטיל, פון דערווייטנס רוישט דער וואלד, א גרויסער ווינט. עס איז מיר אדורך א שוידער איבערן לייב. איך בין נישט אליין, אָבער פאַרט יינג־לעך. איך האָב נישט מיט וועמען זיך א ביסל אדורכצורעדן. עס ווערט וואָס אמאָל קעלטער. איך בין צוגעגאנגען צום סטויג היי, אָנגענומען א סך היי און איך האָב זיי אלעמען צוגעדעקט און געפרוווט אנטשלאָפן ווערן, אָבער עס נעמט נישט קיין שלאָף, פשוט פון שרעק. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק האָב איך אויפגעוועקט די יינגלעך. עס איז זיי קאלט, האָבן מיר געמאכט א פייער. מיר האָבן זיך גוט אויסגעוואַרעמט. מען דאַרף זיך לאָזן אין וועג.

מיר זענען אוועק מיטן זעלבן וועג, וואָס מיר האָבן זיך נעכטן אומגעקערט. מיר גייען איבער דער גרויסער בלאָטע הונגעריקע. עס דויערט א פאָר שעה, ביז וואנען מיר זענען אריין אין וואלד. עס איז אָבער שווער צו געפינען דעם וועג, מיט וועלכן די פארטיזאנער זענען אַוועק.

סוף סוף זענען מיר ארויס פון וואלד אויף א פעלד מיט קארטאָפל. עס איז געוואָרן א פרייד. מ׳האָט זיך גענומען צו דער ארבעט, געמאכט א פייער און מען באקט שוין. אָפגעגעסן און אוועק ווייטער. עס האָט נישט לאנג געדויערט זענען מיר צוגעקומען צו א כוטאר. א הונט אויפן הויף. מיר האָבן נישט מורא פארן הונט, אָבער ווער ווייסט, ווער ס׳איז אין שטוב, מיר זענען צו נענטער, איז ארויס אַ פרוי און זאָגט: לעלינסקיע יעווּרעיטשיקי, קומט אַריין.

מיר זענען אַריין אין שטוב. זי דערציילט אונדז, אז נעכטן זענען אויך געווען א סך ביי איר און זיי זענען אַוועק נאָך יאסקאוויץ און דאָ איז רעכעוויץ. זי האָט אונדז געגעבן א קריגל מילך, א לעבל ברויט און אוגערקעס און זאָגט צו אונדז: נעמט דאָס און גייט אין וואלד און אויב איר ווילט איז דאָ נישט ווייט פאראן קארטאָפל, קענט איר אויסגראָבן און באקן. דאָ אין שטוב איז נישט זיכער, ווייל עס טרעפט, אז עס קומען פּאָליציי מיט דייטשן. פאַרנאַכט ברענגט צוריק דאָס קריגל, וועל איך אייך ווידער געבן מילך.

מיר זענען אריין אין וואלד און מען מאכט א סעודה. איך בין די נאכט ווינציק געשלאָפן, האָב איך זיך תיכף געלייגט אָפּרוען און די יינגלעך האָב איך פאַרזאָגט, אַז זיי זאָלן גוט אַכטונג געבן. איך כאַפּ באַלד אַ דרימל און אַז איך האָב זיך אויפגעכאפּט זע איך, אז מיינע יינגלעך גיבן גוט אכטונג, מען כראָפּעט, אז א רויך גייט.

פארנאכט האָב איך געהייסן די יינגלעך אויסקאָפּן קארטאָפל און איך בין אַוועק צו דער פויערטע. איר פאמיליע איז קארביציכא. זי איז אַוועק אין שטאל מעלקן די בהמות און זי האָט מיר ווידער דערלאנגט א קרוג מילך און צוגעגעבן ברויט. פארטאָג האָבן מיר ווידער באקומען אזא פּאַרציע. מיר האָבן אָפּגעגעסן און אוועקגעטראָגן דאָס קריגל און איר געדאנקט. זאָגט זי צו מיר, אז זי האָט געהערט, אז די פארטיזאנער געפינען זיך נעבן דעם דאָרף האדיקא. עס איז נישט ווייט פון סטאראבין. זי האָט אונדז געוויזן דעם וועג נאָך יאסקאוויץ, עס איז נאָך גענוג ווייט; און מיר זענען אַוועק.

מיר גייען שוין ווידער דורך וועלדער, איבער בלאָטעס און די לאָפּטשעס, וואָס מיר האָבן באקומען אין רעצינעוויץ ענדיקן זיך שוין כמעט. מיר זענען ווידער אָנגעקומען צו א כוטאר. מיר זענען אריין און מיר טרעפן א פויערטע. זי זאָגט אונדז, אז דאָ איז שוין יאסקאוויץ. אויך וועגן האדיקי, אז דאָרטן זענען דאָ פּארטיזאנער. איך בעט איר עפּעס עסן. זי האָט אונדז געגעבן א האלב ברויט מיט אוגערקעס, מיר זענען באלד אוועק אין וואלד, מיר דארפן א ביסל איבעררייבן די ציינער און ווייטער אוועק נאָך מאָריץ. מיר זענען ווידער אריין אין א שטוב און ווידער געבעטן עסן, געוואָרן א גוטער בעטלער... זי האָט געגעבן עפּעס,

מיר פארלירן נישט קיין צייט, מיר ווילן וואָס גיכער זיך אריבערכאפּן איבער דעם סלוץ. עס איז נישט וויט דער טייך. ער איז ברייט און טיף. וואָס טוט מען? מיר האָבן געזען א פויער, איך בין צו אים צוגעגאנגען און בעט אים, אז ער זאָל אונדז אריבערפירן מיט א שיפל. זאָגט ער, אז ער האָט נישט קיין שיפל. איך פרעג אים אן עצה, וואָס צו טאָן. מיר זענען דאָך אין א סכנה. זאָגט ער: איך ווייס אלץ, וואָס מען האָט געמאכט פון אייער שטעטל לעניז, אויב איר פילט זיך גוט, צו גיין מיטן ברעג, וועט איר טרעפן אויפן טייך פליטן, וועט איר דורך זיי אריי־בערגיין. מיר זענען תיכף געגאנגען זוכן און מיר האָבן באמת געפונען. מיר זענען ארויף, אויף די פליטן און ביז צו יענער זייט איז נאָר א פּאָר מעטער. מען דאַרף שפּרינגען. די ייִנגלעך האָבן מורא. זאָג איך זיי. איך וועל שפּרינגען, אָבער איר זאָלט נאָך מיר אויך דאָס טאָן. מיר זענען אלע אַריבער בשלום. מיר האָבן זיך אָבער פארנעצט און דאָס ברויט אויך. קיין שכל נישט געהאט אריבער־צוווארפן דאָס ברויט, אָבער פון טומל און שרעק איז לייכט צו פארגעסן. עס איז נאַס, דאָס וואסער רינט פון אונדז. מיר זענען אוועק איבער דעם גראָז־פעלד אין וואלד אריין. באלד געמאכט א פייער, אויסגעטריקנט די זאכן און דאָס ברויט. און דאָ געבליבן נעכטיקן.

קיין היי האָבן מיר דאָ נישט געהאט, נאָר ווי עס איז, זענען מיר דאָ איבער־געקומען די נאכט. מיר האָבן אויך געהאט מזל, וואָס כאָטש ס׳איז געווען הארבסט האָט נאָך נישט גערעגנט. די גאנצע צייט איז געווען וואַרעם. מיר ציען איצט צום דאָרף קאפּעצי. מיר זענען געגאַנגען א גאנצן טאָג. קוים פארנאכט זענען מיר אָנגעקומען אין דעם דאָרף.

מיר זענען אריין אין דער ערשטער שטוב, פרעגט דער פויער, וואָס וועט איר זאָגן. ביי אונדז איז געווען איין ענטפער: עסן. זאָגט ער: נעכטן זענען אויך געווען דאָ יידן און געבעטן עסן. מיר האָבן אליין נישט קיין איבעריקס. זאָג איך צו אים: אויב איר האָט נישט, דארף מען נישט און מיר פארנעמען זיך אוועקצו־גיין. זאָגט ער, אז איר זענט שוין דאָ, וועלן מיר אייך עפּעס געבן. און מיר האָבן דאָרט איבערגעביסן. מיר האָבן באדאנקט און זענען ווייטער אַוועק. דער פויער האָט אונדז אויך געזאָגט, אז מיר זאָלן גיין צו כאדיקא, אָבער פריער דארפן מיר

זיין אין דאָרף דאלהע. מיר גייען איבער דעם דאָרף קאפעצי, דאָס דאָרף איז גרויס און מיר גייען אין מיטן גאס. צייט איז דאָ. מיר ווילן פּראָבירן אריינגיין אין נאָך א שטוב. שיינע געפּארבטע פענצטער. עס זיצט א פרוי און פרעגט, וואָס וועט איר זאָגן? נאָך ווייט צו דאלהי? א וויאָרסט צוועלף. מיר זענען געזעסן עטלעכע מינוט און זענען אַוועק. וואָס רייכער אלץ מער קארג, טראכט איך זיך. זי האָט נישט געפרעגט צי מיר זענען הונגעריק און איך האָב אויך נישט געבעטן.

מיר זענען ווייטער געגאנגען א דריי ביז פיר קילאָמעטער, הער איך, אז מען זאָגט: ר׳ מרדכי. איך גיב זיך א קער צוריק. איך זע קיינעם נישט. קלער איך, אז עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט. מיר גייען ווייטער. איך הער ווייטער א קול. איך קוק אין אלע זייטן, דאן זע איך: עס זיצן אונדזערע לעלינער יידן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן מיין פרייד, אָבער ביי יענע איז נישט געווען קיין פרייד, זיי האָבן גראָד געוואָלט אונדז אויסמיידן. אין זייער פּארטיע זענען געווען לאַזעווער ביקס צוויי זין, מרדכי זייציק, היינט איז ער דאָ אין לאנד, דער אינזשיניער יעקב גינזבורג. ער איז אויך דאָ אין לאנד און אנדערע, וועלכע איך געדענק נישט. דאָס איז געווען אין 42־טן יאָר; עס איז שוין אדורך צוואנציק יאָר, קאָן מען א ביסל פארגעסן.

יעקב גינזבורג איז אמאָל געווען מיין שכן. מיר האָבן זיך איצט אוועקגע־זעצט און דערציילט, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט.

זיי האָבן געפרעגט, צי מיר ווילן עסן. אויף אזא זאך זאָגט מען זיך נישט אָפּ. ביי זיי האָט קיין עסן נישט געפעלט. זיי האָבן געהאט א סך ברויט. מיר האָבן גוט אָפּגעגעסן און זיי האָבן אונדז צעטיילט אויף צוויי גרופּן. צו אונדז איז צוגע־גאַנגען דער זעלבער יעקב גינזבורג מיט נאָך עטלעכע יונגע־לייט. ביי יעקבן איז שוין געווען א שטיקל ביקס. מען האָט באַשלאָסן זיך לאָזן אין וועג. יענע פּאַר־טיע איז אַוועק פריער און מיט א האלבער שעה שפּעטער זענען מיר אַוועק. עס איז שוין נאַכט געוואָרן, מיר גייען מיטן וועג, הערן מיר אן אויטאָ פאָרט אנט־קעגן. מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און גלייך זיך אריינגעלאָזט אין וואלד. דער אויטאָ פאָרט פארביי און מיר ליגן, בערך א 25 מעטער פון וועג. דער וואלד

איז געדיכט און הויך גראָז, אין אים, אַז מען באַמערקט אונדז נישט. עס איז אַריבער אַ היפשע צייט, ביז ס׳איז געוואָרן שטיל, אָבער גיין האָט מען מורא, מיר האָבן באַשלאָסן דאָ איבערצוזיצן די נאַכט.

אויפצומאָרגנס, ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען באַשלאָסן גיין ווייטער. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמעטער, עס זעט זיך דאָס דאָרף דאלהע. מיר זענען אַריין אין דאָרף און הערן שוין ווייטער, אַן אויטאָ פּאָרט. מען האָט זיך געלאָזט לויפן. נישט ווייט פון אונדז שטייען פּויערים און לאַכן, זיי זאָגן צו אונדז: לויפט נישט. דאָס איז נישט קיין אויטאָ. די פּויערים זענען געשטאַנען נעבן אַ גרויסן שייער און געמאָלן קאָרן. זיי האָבן געלאָזט דעם מאָטאָר און מיר האָבן געהאַט אומזיסטע שרעק.

מיר גייען איבערן דאָרף, פּויערטעס זענען ארויס פון די הייזער און מען קוקט אויף אונדז, ווי מיר שלעפּן זיך אָפּגעריסענע, ווער באָרוועס און ווער אין לאַפּטשעס. זיי שטייען און וויינען און ברעכן די הענט, אַ טייל האָבן ארויסגעטראָגן אַ ביסל עסן. מיר האָבן געפרעגט, צי ס׳איז נאָך ווייט צו דעם דאָרף האַדיקאַ. נישט זייער ווייט, מיר גייען ווייטער, עס פאָרט ווער אונדז אנטקעגן. דער וועג איז געווען, נישט קיין גלייכער. עס זעט זיך שוין דייטלעך אַ פיר, פינף פורן מיט מענטשן מיט ביקסן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ווער זענט איר, מסתמא פון האנצעוויטש? יאָ, דאָ אין דאָרף זענען שוין דאָ אַ סך, וואָס זענען אַנטלאָפן פון האַנצאָוויטש, אָבער אונדזער קאָמאַנדיר נעמט נישט צו אָן אַ ביקס. איר וועט פון דאַן זיך דאַרפן ציען קיין ליבאַן. דאָס איז נעבן סלוצק, דאָרטן איז פאַראַן אַ סך מיליטער־אָפּטיילונגען און זיי נעמען צו אַלע. רופט זיך אָן יעקב גינזבורג: איך האָב אַ ביקס. וועט מען אייך צונעמען. ווען איר האָט אַ שניידער. זאָג איך אים, אַז איך בין אַ שניידער. גוט, וועט מען אייך אויך צונעמען, גייט אין דאָרף וועט איר אַלץ זען. עס איז שוין נישט ווייט. מיר זענען אָנגעקומען קיין האַדיקאַ. דעם נאָמען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. דאָס דאָרף איז אַ קליינס, עפּעס אַ 10 הייזער. מיר האָבן טאַקע געטראָפן נאָך אונדזערע יידן נעבן דאָרף, דער באַטאַליאָן איז געווען אַ פיר קילאָמעטער פון דעם דאָרף. מיר האָבן דאָ געמאַכט פייער און געגעכטיקט.

אויפצומאַרגנס פרי, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען ווילט זיך זייער עסן. מיר זענען אַריין אין דערפל, פיל מענטשן דרייען זיך דאָרטן ארום. אַלע זענען הונגעריק און קאַרטאָפל גראָבן האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרוועֶרט. איך בין אַריין אין אַ שטוב האָט מען מיר געגעבן ברויט מיט צוויי אוגערקעס און די פויערטע זאָגט, אז עס וואָלט גלייכער געווען, ווען אין יעדער שטוב זאָלן זיין צוויי מענטשן, וואָלט מען ווי ס׳איז געגעבן צו עסן אָבער מען גייט אריין און אַרויס איז שווער אויסצוהאַלטן אַלע. זי איז גערעכט, אָבער מיר ווילן עסן. איך האָב אַריינגעלייגט דאָס שטיקל ברויט אין קעשענע און איך בין אַריין אין אַ צווייטער שטוב. די פויערטע האָט זיך צעשריגן: וואָס ווילט איר פון מיר! שוין געווען היינט דריי מענטשן. איך האָב נישט וואָס צו געבן. איך בין צוריק אַרויס. באַלד האָט זי אויפגעעפנט די טיר און רופט מיך צוריק: איך זע, אַז דו ביסט אַן עלטערער מענטש, וועל איך דיר געבן עפּעס עסן און זי הייסט מיר זיך זעצן צום טיש אויף וועלכן זי האָט גלייך אַרויפגעשטעלט געקאָכטע קאַרטאָפל מיט ברויט און מילך. זאָג איך צו איר: איך וועל דאָס נעמען מיט מיר, ווייל איך האָב דאָ נישט ווייט מיין זון פון פערצן יאָר. זי האָט אָנגעהויבן אויספרעגן און איך האָב איר אַלץ דערציילט. די פויערטע האָט אָנגעהויבן וויינען און הייסט מיך עסן. זי האָט אויך צוגעגרייט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פוטער און אַ פּאָר אוגערקעס פאַר מיין זון און זאָגט: פאַרנאַכט זאָלסטו ווידער קומען. פון ווייטן זע איך שוין מיין זון, ווי ער קוקט מיך אויס. זייער אַ צופרידענער פון עסן און אַנדערע האָבן נאָך אויך באַקומען פון דעם. אַ סך פון אונדזערע יידן זענען אַוועק ווייטער, אין לובאַנער ראַיאָן.

פאַרנאַכט בין איך אריין אין דאָרף מיט יעקב גינזבורג, שוין ווינציק אונ־דזערע יידן דאָרט. איך בין צו, צו מיין פריערדיקער פויערטע, וואָס זי האָט געהייסן מיך קומען. זי האָט מיר ווידער געגעבן עסן און איר מאַן איז אויך געווען אין שטוב. זי האָט מיר איצט נישט געגעבן פאַר מיין זון, ס׳קאָן זיין צוליב דעם, וואָס דער מאַן איז געווען. איך גיי און קלער, וואָס טוט מען, ער וועט זיך דאָך לייגן אַ הונגעריקער.

איך האָב באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אַ צווייטער שטוב. אַ יונגע פויערטע

שטייט נעבן אויוון און באַקט לאַטקעס. האָב איך אַ פרעג געטאָן, אפשר װעסטו געבן עפּעס צו עסן. זי איז צו, צום טיש און האָט אַראָפּגענומען דריי לאַטקעס און אַ ביסל מילך. אין דער צייט זענען אַרויף אויפן הויף די בהמות. זאָגט זי: עס, איך װעל גיין אויסמעלקן די בהמות. זייער גוט פאַר מיר. איך האָב גלייך אַריינ־געלייגט די צוויי לאַטקעס אין קעשענע און איינע האָב איך אַ כאַפּ געטאָן פון טיש. כ׳האָב שוין צוזאַמען דריי לאַטקעס אין קעשענע פאַרן זון. זי איז אַריין און פרעגט: דו האָסט געגעסן. יאָ, איך האָב געגעסן, אָבער איך האָב דאָ מיין ייִנגל, אפשר װאָלסטו מיר געגעבן אויך פאַר אים. זי גיט מיר פאַר מיין זון נאָך דריי לאַטקעס און א פאַר געזאַלצענע אוגערקעס. איך האָב נישט װוּ צו לייגן, די קעשענעס זענען פול מיט דער גניבה. איך בעט איר א טעלער. איך װעל איר גלייך צוריקברענגען. זי זאָגט: דו קאָנסט דאָס ברענגען מאָרגן. איך בין געקומען צו אונדזער אָרט. דער זון װאַרט אויף מיר. איך האָב אָנגעהויבן שלעפּן פון אַלע קעשענעס. ער לאַכט און נעמט זיך צום עסן.

אויפצומאָרגנס פרי האָב איך אַריינגעפירט מיין זון אויפן אָרט, װוּ איך האָב געגנבעט די לאַטקעס און איר געבראַכט דעם טעלער. איך האָב אים דאָ געלאָזט און איך בין אַװעק צו אַ צװייטער. כ׳האָב דאָרט אָפּגעגעסן און זי האָט מיר געגעבן פאַרן זון אויך. איך האָב געװאַרט אויף מיין געצעלע, ער זאָל צוריק־קומען. דו האָסט געגעסן? יאָ, זייער גוט. ער האָט באַקומען קאַרטאָפל און זי האָט צוגעפּרעגלט פלייש און זופּ מיט שװעמלעך. אויפן װעג זאָגט מיין זון: איך האָב שוין געפילט, טאַטע, אז איך פאַל פון די פיס. איך פלעג גיין מיט מיינע לעצטע כוחות. גוט צו הערן אַזעלכע װערטער. ברויט מיט פּוטער האָב איך געבראַכט און צוויי לאַטקעס זענען נאָך פאַראַן פון נעכטן. מיר האָבן שוין אַ רעזערװ און קאָנען זיך שוין לייגן שלאָפן. עס פלעגט זיך אַזוי גוט שלאָפן, װאָס בעסער קאָן נישט זיין.

מיר גייען צו די פּאַרטיזאַנער

איך קלער ביי זיך, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם. עס גייט צו ווינטער, מ׳איז הויל און באָרוועס. עס איז ווייטער אַריבער אַ טאָג, פאַרנאַכט הערן מיר, עס שפּילט א הארמאָשקע. מיר זענען אין אונדזער אכסניה, נאָך נישטאָ די איבעריקע יינגלעך, מ׳זוכט עסן. עס איז פינצטער געוואָרן, איך הער, ווי די יינגלעך קומען און שרייען צו מיר: ר׳ מרדכי גייט. עס זוכט אייך ריהאר בעבלאך. זיי האָבן אים געזען אין גאַס און ער האָט געהייסן, איך זאָל קומען צו אים דאָרט, ווו מען



מרדכי קראַוויעץ מיט זיין זון געצל
(מיט אויסצייכענונגען פאַרן קאַמף קעגן די היטלעריסטן)

שפּילט. כ׳בין גלייך אַוועק. עס שפּילט א האַרמאָניע און א פולע שטוב מיט יינגלעך און מיידלעך. איך שעם זיך אריינצוגיין אין שטוב מיט מיין הולך. אָבער עס העלפט נישט. מען מוז אַריינגיין. ער האָט מיך דערזען פון דערווייטנס און זיך געוואָרפן צו מיר און געקושט. ער נעמט מיך אונטער דער האַנט און פירט מיך אויבנאָן און דערציילט אַלע, וואָס די מערדער האָבן אָפּגעטאָן מיט אונדזער שטעטל. ער זאָגט מיר, אז מאָרגן קומט ער מיך נעמען, אַז ער איז שוין לאַנג אין באַטאַליאָן. זאָג איך אים, אַז איך האָב אַ יינגל און אַז אַן אים וועל איך נישט גיין. כ׳האָב זיך מיט אים דערעדט, אַז מאָרגן וועט ער קומען נאָך אונדז און איך בין אַוועק זוכן יעקב גינזבורג. איך האָב אים נישט געטראָפן.

אינדערפרי איז ריהאַר בעבלאָך געקומען נאָך אונדז. איך בין שוין גרייט, אָנטאָן זיך דאַרף מען נישט און וואַשן אויך נישט, נישטאָ קיין וואַסער. דער זון פרעגט מיך: מיר האָבן אַלץ געטומען. זאָג איך: יאָ און טאָמער איז דאָרטן פאַר־בליבן אַ ביסל שמוץ, טאָ זאָל עס בלייבן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַלע. מיר גייען שוין צום דאָרף און גינזבורג איז נאָך נישטאָ. איך לויף אין וואַלד. ער איז דאָ. מיר זענען געגאַנגען דורכן וואַלד. עס איז געווען פיר קילאָמעטער צו גיין. נישט ווייט פון באַטאַליאָן שטייט אַ פּאָסט. מיר הערן: סטאָי! דער וואָס גייט מיט אונדז, האָט אים געוויזן אַ פּראָפּוסק (דערלויבעניש). און מיר זענען אַריין אין באַטאַליאָן. עס שטייען בודקעלעך, איינע נעבן דער צווייטער. דאָרטן איז געווען פון הוואַרעסטאָוו אַ שוסטער מיט צוויי זין. ער הייסט אישיע טקאַטש. מען האָט מיך צוגעפירט צו אים. אָט דאָ וועט איר זיין, אַ שוסטער מיט אַ שניי־דער. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט.

די ערשטע זאַך זעט, אַז איר זאָלט האָבן אַן אָרט צום שלאָפן. עס איז נאָך פרי. זאָג איך צו מיין זון, מען דאַרף זיך מאַכן אַ בודקע אַזוי ווי ביי זיי. מיר האָבן גענומען אַ האַק ביים שוסטער און האָבן אויסגעהאַקט אַ פּאָר ביימלעך, געמאַכט צוויי סטאָלבעס. מיר האָבן אָנגעהויבן בויען און טאַקע נעבן דעם שוסטער. ביז נאָך האַלבן טאָג, זענען מיר אין אַ גוטער שעה אַריין אין דער נייער דירה, פּונקט אויף ראש השנה.

באַלד פאַרגייט יום־טוב, זייער גוט אויפן האַרצן פון אַלע זייטן. כ׳האָב געבראַכט אַ ביסעלע היי אונטער די זייטן, ס׳פעלט נאָר מיט עפּעס צו פאַרהענגען דעם אַריינגאַנג — זייער אַ גוטע וווינונג.

כ׳בין אַריין צו מיין שכן. קומט, זעט אונדזער וווינונג. זייער גוט, בעסער ווי ביי אונדז — זאָגט ער. איך פרעג אים, ווי איז דאָ מיטן עסן, מ׳גיט עפּעס צי נישט? לאַכט ער. ווען מען איך פאַרריכט די שיך, באַקום איך אַ שטיקל ברויט און אַמאָל עפּעס צום ברויט. וואָסזשע טו איך? איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט פאַרדינט, לאַכט ער ווידער און איז אַוועק.

איצט, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דעם געבוי האָבן מיר דערפילט, אַז מיר זענען הונגעריק. עס איז נאָך געווען צוויי לאַטקעס, וואָס איך האָב געגנבעט

ביי דער פויערטע. מיר האָבן זיך געגומען עסן. ביי מיין שכן זענען געווען צוויי זין. איך הער, אַז ער רופט זיי עסן.

דערווייל וועל איך אייך עפּעס דערציילן:

אַמאָל אין אַ דאָרף האָבן געלעבט אַ פּאָר יידן. עס איז געקומען יום־טוב. מען דאַרף מאַכן עירוב תבשילין. ווייסט נישט אַ ייד, וואָס צו מאַכן. זאָגט ער צו זיין פרוי: גיי צו טאַדרעסין ועסטו זען, ווי ער מאַכט עירוב תבשילין. זי איז אַוועק אין שטוב, זעט זי, אַז טאַדרעס גיט זיין פרוי גוטע קלעפּ. ווען זי איז אַהיימגעקומען, פרעגט דער מאַן, וואָס הערט זיך. שווייגט זי. ער פרעגט נאָך איין מאָל, זי שווייגט. וואָס ביסטו שטום געוואָרן! און ער האָט איר דערלאַנגט אַ פּאָר קולאַקעס אין קאָפּ. אויב אַזוי ווייסטו דאָך — זאָגט זי — טאָ וואָס האָסטו מיך געשיקט?

די זעלבע מעשה איז ביי מיר דאָן אויך געווען. ווען איך האָב געהערט, ווי ער רופט זיינע זין צום עסן, זאָג איך צו מיין געצלען, אַז ער זאָל אריין און בעטן א טשוועקל, מ׳זאָל קענען אויפהענגען דאָס לײדיקע זעקעלע. מיין זון וויל נישט גיין. ער זאָגט מיר, אַז זיי עסן איצט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב דווקא געוואָלט זען, וואָס זיי עסן. איך בין אַליין אַריין, זע איך, אַז אַלע דריי זיצן אויף דער ערד. עס שטייט אַ קריגעלע נעבן זיי און ברויט געגוג. מען נעמט פון קרוגעלע פוטער און מען עסט. איך האָב געבעטן אַ טשוואָק. ער האָט מיר געגעבן אויך א האַמער און איך בין אוועק. אָט האָב איך געזען, ווי מען מאַכט עירוב תבשילין, ווער עס האָט, עסט און דו האָסט נישט, טוט דיר דער קאָפּ וויי.

עס איז שוין באַלד נאַכט, עס נעמט אַ פרעסטל. וואָס טוט מען, ס׳וועט זיין קאַלט צו שלאָפן, נישטאָ מיט וואָס צו פאַרהענגען די טיר. איך בין אַוועק זוכן מיין ריהאַרן בעבלאַך. איך האָב אים באַלד געטראָפן, מיט אַ גרופּע. „זייער אַ גוטע בודקע”. ער פרעגט מיך, וואָס מען הערט ביי מיר. איך זאָג אים, אַז כ׳האָב נישט מיט וואָס צו פאַרהענגען. ער האָט באַלד עפּעס געפונען מיט וואָס צו פאַר־הענגען. און עסן האָט איר? איך האָב אים דערציילט פון די צוויי לאַטקעס. ער האָט באַלד אַרויסגענומען א גאַנץ ברויט און איבערגעשניטן אויף צוויי העלפטן, געגעבן מיר איין העלפט מיט א קרוגל פוטער.

אין גיכן וועט מען מאכן עסן פאר אלע. מיר האָבן שוין א קעסל אויך, אין אַ פּאָר טעג ארום וועט שוין זיין אין בעסטן אָרדענונג מיטן עסן, פלייש האָבן מיר, 50 בהמות גייען אויף פּאַשע.

איך בין אַוועק צו זיך און געבראַכט דאָס עסן אהיים, מיין זון איז גליקלעך. מיר האָבן איצט אָפּגעגעסן אַ יום־טובדיק אָונט־ברויט. עס איז געוואָרן נאַכט. עס פארגייט ראש השנה. מיר דערמאָנען די גאנצע משפחה. מיין געצעלע וויינט: וו איז די מאַמע, די שוועסטער, מיין ברודערל שמעונקע און אברהמל מיט טאַנען. מיר זענען אַזוי געלעגן, געוויינט און אַזוי אנטשלאָפן געוואָרן.

אך, ווי גוט זיך אויסגעשלאָפן, כאָטש עס איז געווען אַ ביסל קאַלט, דער זון האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געטוליעט צו מיר פון קעלט און מיר איז אויך נישט געווען וואַרעם, אָבער פאַרטיזאַנער זענען מיר. מען דאַרף זיין צו אַלעם גרייט. כ׳האָב געזען, אז עס ווערט ליכטיק, האָב איך זיך אויפגעהויבן. זייער אַ גוטע זאַך, מ׳דאַרף זיך נישט אויסטאָן און נישט אָנטאָן. ביי אונדזער שכן, נעבן זיין געביידע ברענט אַ פייער און עס קאָכט זיך עפּעס. אויפן גאס איז ווייס, עס איז געווען אַ ביסעלע שניי אַ נאַסער מיט אַ גוט פרעסטל. איך בין צוגעגאַנגען צום פייער און איך האָב זיי געזאָגט: שנה טובה. זיי קוקן מיך אָן, זיי האָבן גאָרנישט געוווסט, אז עס איז יום־טוב. דערווייל האָב איך זיך אָנגעוואַרעמט אַ ביסל, איך האָב אויפגעוועקט מיין זון, ער זאָל זיך אויך אַ ביסל אָנוואַרעמען. מיר שטייען נעבן פייער, רופט זיך אָן דער שוסטער: אָט גייט דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן מיט נאָך איינעם. ער איז צוגעקומען צו אונדז: דאָס זענען פרישע מענטשן? זאָגט דער שוסטער: יאָ, ער איז א שניידער? פרעגט ער מיך: כאַראַשי פּאָרט־נאָי? — דאָ, כאַראַשי. דו קענסט נייען וועש? איך קען. וויפל קענסטו מאַכן אַ טאָג? פיר ביז פינף. גוט. ער איז אַוועק. באַלד איז געקומען דער עלטסטער (סטארשינא) און זאָגט צו מיר: זאָל גיין דיין זון פּאַשען די בהמות. זייער גוט, אָבער ער האָט נישט וואָס צו עסן. זאָגט ער: זאָל ער גיין, מיר וועלן אים געבן ברויט און מילך וועט ער האָבן.

מיין זון, דעם שוסטערס זון און אַ קריסט זענען אַוועק. דעם טאָג בין איך נאָך געווען פריי. דער טאָג איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ יאָר אָן מיין זון. מיט

גאַטס הילף פאַרנאַכט זענען זיי געקומען. איך פרעג, ווי אזוי איז געווען די אַרבעט? זאָגט ער: זייער גוט, מיר האָבן געמאכט אַ פייער, קיין פאַשע פאַר די בהמות האָט נישט געפעלט. פרעג איך אים: און וואָס האָסטו געגעסן? יענע האָבן געהאט קעסעלעך, האָבן זיי געמאָלקן מילך און געגעסן מיט ברויט. זיי האָבן אים אויך געגעבן נאָר עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער האָט אַ קעסעלע. איך האָב באַקומען פון ריהאַרן אַ קעסעלע. זאָגט מיין זון: איצט וועל איך אַליין מעלקן און דיר אויך ברענגען. ער דערציילט מיר, אַז זיי האָבן געטריבן די בהמות נישט ווייט פון באַטאַליאָן, איז פאַרצוימט אַ גרויסער פּלאַץ אין וואַלד.

אויפצומאָרגנס פרי איז מיין זון אויפגעשטאַנען, מ׳האָט געמאַכט פייער און געוואַרעמט אַ ביסל קיפּיאַטאָק (געקאָכט וואַסער) ער האָט איבערגעביסן און אַוועק צו דער אַרבעט. באַלד איז געקומען צו מיר דער סטאַרשינא (עלטסטער) און ער רופט מיך. איך בין אַוועק מיט אים. עס איז געווען ביי אים אַ שטיקל מאַגאַזין און ער זאָגט: אַט האָסטו אַ מאַשין אויף נייען און נעם דעם פאַרעשוט און מאַך וועש. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַשין. א פאַרזשאווערטע, געלעגן ערגעץ אין וואַסער און נאָך מיט די לאַנגע טשאָלנאַקעס, אַ מאַשין פון יעקאַטערינעס צייטן. רוף איך זיך אָן: חבר, די מאַשין וועט נישט נייען. זאָגט ער: איך ווייס, איך האָב געזאָגט דעם קאָמאַנדיר, אז די מאַשין וועט נישט נייען, האָט ער מיר געזאָגט, אויב ער איז אַ שניידער וועט זי נייען.

איך האָב גענומען די מאַשין, געבראַכט צו מיר אין ביידל און אַוועקגענומען דעם פאַראשוט. יאָ, צו אַט דער מאַשין און נאָך דערצו מיט זייד איז עס ווי געמאָסטן. כ׳האָב זי גענומען באַוועגן, זי קלערט אבסאָלוט גאָרנישט אַנצוהויבן נייען. איך האָב זי פאַנאַנדערגענומען, נישטאָ מיט וואָס אויסצושמירן. איך האָב געפונען אַ ביסל פעטקייט, וואָס מען שמירט די ביקסן. עס העלפט איר גאָרנישט. און נאָך אַ צרה, איך האָב זי נישט ווי אַוועקצושטעלן. נישטאָ קיין טיש. ביטער ווי דער טויט. אין דרויסן איז געווען אַ פּיען, וואָס מען האָט אָפּגעשניטן אַ בוים, אָבער אַ נידעריקער פון דער ערד אַ האַלבער מעטער נישט און צום אומגליק נישט קיין גלייכער. אויף איין זייט העכער, איך האָב גענומען אַ גראָב שטיקל האָלץ אונטערגעלייגט, ווי ס׳איז, זי שטייט שוין, ווי איך וויל זי א דריי טאָן, פאַרט זי און איך אַליין שטיי אויף די קני.

איך נעם דעם פּאראשוט, מ׳קען נישט דערגיין קיין טאַלק. פון בלויז שטיק־לעך און קיין שער האָב איך אויך נישט. איך בין אַוועק צום עלטסטן, האָט מיר זיין פרוי געגעבן עפּעס א טעמפּ שערל און זאָגט מיר, איך זאָל עס אָנשאַרפן. איך האָב גענומען מיט דער שער שניידן, ווי ס׳איז האָב איך אָנגעשניטן אַ פּאָר וועש אויף דער ערד. קיין טיש איז נישטאָ. איך האָב זיך גענומען צו דער מאַשין, זי נייט נישט און דער טאָג שטייט נישט. איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך וועל מאַכן ביז פינף פּאָר א טאָג.

איך האָב ווידער צענומען די מאשין, זי וואָלט שוין אפשר אַ ביסל גענייט, ווען כ׳האָב א טיש, אָבער די מאשין שטייט אויפן קרומען פּיען און איך שטיי אויף די קני. איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ אַרבעט דאָס איז געווען, ווען מיין זון וואָלט כאָטש געווען, וואָלט ער די מאשין געדרייט און אַזוי דריי איך מיט איין האנט און מיט דער צווייטער מוז איך זי צוהאַלטן, אז זי זאָל מיר נישט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. פעלט מיר נאָר א דריטע האנט צו פירן די מאשין. איך פיל, אז איך וועל דאָס נישט אויסהאלטן. איך האָב גענומען נייען מיט די הענט, איך האָב זיך געוואָרפן אויף אלע זייטן מיט די הענט אויפן דריידל און נישט באַוויזן צו מאכן דורכן טאָג קיין איין פּאָר.

פון הארץ־ווייטיק האָב איך נישט געגעסן. עס ווערט שוין נאַכט, דער זון איז געקומען און געבראכט אַ קעסעלע מילך. מיר האָבן אָפּגעגעסן און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. עס איז כאָטש געווען מיט וואָס זיך צוצודעקן (מיטן פּאראַשוט).

מיר זענען אויפגעשטאַנען פרי, האָב איך זיך גענומען גלייך צו דער אַרבעט. עס האָט נישט געדויערט לאנג, דער קאָמאנדיר גייט. ער איז צוגעקומען און פרעגט מיך, וויפל פּאָר וועש איך האָב געמאכט. איך האָב אים געזאָגט דעם אמת. ענטפערט ער: גאַוונאָ טאַקי פּאָרטנאָי. איך האָב אים אָנגעהויבן זאָגן, אז די מאשין נייט נישט און זי האָט נישט ווו צו שטיין, ער וויל נישט הערן, מיין שכן דער שוסטער איז צוגעקומען און זאָגט צו אים: אַ יאַ זדיעלאל 5 פּאַר. זאָגט ער צו אים: איך וויים, אז דו ביסט א געראָטענער און דעם שיינעם שניידער דאַרף מען אַוועק־טרייבן פונעם באַטאַליאָן. א גוטע בשורה האָט ער מיר געזאָגט. איך האָב פאַר־געוואָרפן מיין שכן, וואָס ער האָט זיך אריינגעמישט. ער האָט דאָך אים נישט

געפרעגט, ווען ער וואָלט דארפן נייען אויף אזא מאשין וואָלט ער נישט געווען אזאַ העלד.

ס׳איז אָנגעקומען דער סטאַרשינא (זיין פאמיליע איז געווען וואָלקאָוו), א וואזשנער קריסט און זיין פרוי איז געווען נאָך בעסער. איך האָב אים דערציילט אַלץ, ווי איך מאַטער זיך, ער אָבער קען מיר גאָרנישט העלפן. דער קאָמאַנדיר איז א שלעכטער מענטש. אפשר ווילט איר וויסן, ווער דאָס איז געווען דער גרויסער העלד? ער איז געווען פון דאָרף כוואָרעסטאָוו, נישט ווייט פון אונדזער שטעטעלע לעניו. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק מיט די סאָוויעטן און דערנאָך פלעגט ער קומען פון יענער זייט גרענעץ אַהער אין פוילן עפּעס אויפטאָן.

איינמאָל האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּשטעלן א באַן, וואָס איז געגאַנגען פון גאָמעל. אין דער באַן איז געפאָרן אונדזער לעניוער בנימין סטאַרעבינסקי, עקיבא לאַטוכא און מיין שוועסטער חנה. זי לעבט דאָ אין ישראל. האָט מען אָפּגעשטעלט די באַן און ער איז געגאַנגען איבער די וואַגאָנען און ביי וועמען עס איז געווען גוטע אָנצוגן, האָט מען אויסגעטאָן, ביי וועמען גאָלד אראָפּגענומען און פון געלט איז דאָך קיין רייד נישטאָ. בנימין האָט אים דערקענט, האָט ער אים געזאָגט: וואָסיל, וואָס טוסטו דאָ? האָט ער אים געשאָסן און שווער פאַרוווּנדעט. אָט דאָס איז געווען דער וואָסיל קאָרש, איצט איז ער א גענעראַל, „גערויַ סאָוויעטסקאָווֹאָ סאָיוזא" (העלד פון ראטנפאַרבאַנד). דאָס האָט ער פאַרדינט דעם נאָמען פאַר דער צייט פון פאַרטיזאַנער. ער האָט עס פיל אויפגעטאָן מיט זיין קאָפּ. איך וועל נאָך פון אים שרייבן און דערווייל דאַרף מען זיך נעמען צו די ווערש.

מיר אַנטלויפן אַנדערשווו

פּלוצלונג איז געוואָרן א טרעוואָגע. דער סטאַרשינא לויפט און שרייט, אַז מען זאָל זיך צוגרייטן. איך האָב נישט וואָס צו גרייטן זיך, איך גיב נאָר א פרעג דעם סטאַרשינא, וואָס צו טאָן מיט דער ניי־מאשין און מיטן פאראשוט. זאָגט ער:

איך זאָל עס אָװעקטראָגן צום לאַגער (אַבאָז). איך האָב דאָס גלייך געטאָן. קיינער ווייסט נישט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מ׳רופט אַלע אין שטוב. עס האָבן זיך באַוויזן ביז הונדערט און פופציק מאַן. אַ סך זענען געווען אָן געווער און אַ טייל מיט געווער. עס איז אַרויס אונדזער קאָמאַנדיר וואַסיל קאָמאַראָוו. (ער האָט פאַרביטן זיין פאַמיליע פון קאַרש אויף קאָמאַראָוו) און האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיין גרייט, עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן דאַרפן פון דאַנען אַוועק. איך האָב אַ צרה, וואָס מיין זון איז נאָך נישטאָ. איך זאָג וועגן דעם מיין שכן, וואָס וועט זיין מיט די קינדער? ער איז אַוועק צום סטאַרשינאַ, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט שוין באַשטעלט דריי מענטשן, אויב מיר וועלן אַוועק, וועלן די מענטשן גיין צו זיי און וועלן צונויפטרייבן די בהמות און מען וועט זיי זאָגן וווהין.

איצט בין איך שוין רואיק וועגן זון, איך בין אויך רואיק פון מיין שייַנער אַרבעט, וואָס איך וועל דערווייל פּטור ווערן. פון דער צווייטער זייט אָבער, ווער ווייסט, וואָס דער טאַראַראַם איז, מסתמא הערט מען עפּעס וועגן די מערדער, וואָס קענען אַהערקומען. נישט גוט, שוין בעסער צו האָבן צו טאָן מיט דער שניידעריי, איידער מיט די מערדער.

אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען געקומען צו רייטן צוויי מענטשן אויף פערד, גלייך צום שטאַב. מען האָט אַלע פאַרזאַמלט. עס איז אַרויס דער קאָמאַנדיר מיטן קאָמיסאַר. זיי האָבן זיך געזעצט אויף פערד און מיר זענען אַוועק. מיר זענען געגאַנגען אַ פּאָר שעה. עס איז שוין נאַכט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זעען מיר פון דעם געגנט פון וואַנען מיר זענען אַוועק, אַ גרויס פייער. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן אַ פּאָר יונגע מענטשן אַרויפקריכן אויף הויכעביימער און זאָלן זעען אין וואָס פאַראַ געגנט עס ברענט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דאָס דאָרף ראַדיקאַ.

די דייטשן האָבן דאָרט אויפגעריסן און צעשאָסן פון גרויס ביז קליין און מען האָט פאַרברענט דאָס דאָרף. פון דעם דאָרף, וואָס מיר זענען אַוועק האָט מען איבערגעלאָזט 2 אויסשפּירער מיט פערד, אַז זיי זאָלן זיך געפינען נישט ווייט פון דאָרף און זאָלן ברענגען ידיעות. אזוי איז טאַקע געווען. זיי זענען טאַקע געקומען און איבערגעגעבן, אַז די דייטשן זענען אַוועק קיין סטאַראָבין.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען אַ פּאָר שעה און מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אי־בערנעכטיקן אָבער מיר גייט גאָרנישט איין, אַז מיין זון איז נישטאָ. דער קאָמאַנ־דיר האָט דערלויבט מאַכן פייער, נישט קיין גרויסן, מען האָט צעשטעלט פון אַלע וואַך־פּאָסטנס און מען איז אַזוי איבערגעקומען די נאכט.

אויפצומאָרגנס פרי גייען מיר ווייטער. אין וואלד האָט מען אָנגעטראָפן אויף

ישראל סלוצקי ז״ל געראטעוועט זיך פון לאגער האנצעוויטש
(זיין פרוי חיה איז אומגעקומען אין לעני׳נער געטאָ)

סטאַדעס מיט בהמות און איך האָב דערזען מיין זון. מיט זיי זענען געווען דריי מענטשן מיט ביקסן. זיי האָבן גענעכטיקט אין וואַלד. דער קאָמאַנדיר האָט זיי גע־הייסן דאָ זיך אויפהאַלטן און מיר זענען אַוועק ווייטער.

ביי טאָג האָט מען זיך אָפּגערוט, ווער עס האָט געהאַט וואָס צו עסן, האָט געגעסן און ווער ס׳האָט נישט געהאַט, האָט דער סטארשינא אים געגעבן ברויט. מען איז ווידער געגאַנגען ביז נאכט און אויפמאָרגנס ווייטער ביז נאָך האלבן טאָג. דאַן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט צו בלייבן דערווייל. דאָס איז געווען אַ פינף קילאָמעטער פון כוואַראַסטאָוו. ביינאכט זענען אָנגעקומען די פאַסטוכער. מען

האָט זיי באַפרייט פון די בהמות איבערנאַכט. אויפצומאָרגנס האָט מען געהייסן מאַכןביידלעך אויף ווינטער און אויך אַ קיך.

אויפצומאָרגנס איז שוין געווען וואַרעמס, פלייש איז געווען גענוג און ברויט האָט מען אויך געבראַכט. מען האָט צעשיקט אין אַלע דערפער פורן און מען האָט אָנגעבראַכט גרויפּן, קאַרטאָפל און ברויט. דריי מאָל אין טאָג האָט מען געקאָכט. מען איז נישט געווען הונגעריק, מיין זון אַרבעט נעבן די בהמות.

איך האָב אויסגערעכנט, אַז מאָרגן איז יום־כיפור. עס איז שוין באַלד נאַכט. מען האָט פאַרפאַסט און געלייגט זיך שלאָפן. איך ליג און טראַכט, אַז אויף דער וועלט, ווו היטלערס באַנדעס זענען נישטאָ, זאָגט מען איצט כל־נדרי. אויפן האַרצן זייער שווער. איך בין אַוועק פון דער היים, האָב איך מיטגענומען די תפילין מיט אַ סידורל. פלעג איך עס האַלטן אונטער אַ בעלקע אין לאַגער און פון גרויס טומל פאַרן אַוועקלויפן האָב איך עס פאַרגעסן. ווען ס'זאָל געווען ליגן מיט די תפילין אַ שטיקל ברויט, וואָלט איך עס נישט פאַרגעסן.

אויפצומאָרגנס פרי, מיין זון איז אַוועק צו זיין אַרבעט און איך בין אַוועק זוכן, וואָס טוען. עס איז מיט מיר געווען יענקל גינזבורג (ער איז היינט דאָ אין ישראל). יודקע ציקליק (ער איז אויך דאָ אין ישראל) און וועלוול זאַווין, מאַניסעס זון, וואָס זיינע ביינער ליגן אין אַ בלאָטע. עס זענען געווען סטאַראַבינער עטלעכע יידן, זענען זיי אַנטלאָפן פון זייער געטאָ. איינער פון זיי, דאָמביץ איז אַנטלאָפן מיט זיין פרוי. זיי געפינען זיך איצט אין פינסק. ער איז אַ שניידער. עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן, נאָר אַז זיי זענען אַדורכגעגאַנגען אַ דאָרף האָט מען זיי פאַרהאַלטן, געוואָלט פירן הרגענען, אָבער עס איז געווען שפּעט, האָט מען זיי אַריינגעפירט אין אַ שטיבל, וואָס די פענצטער זענען געווען פאַר־קלאַפּט מיט ברעטער. מען האָט זיי דאָרט פאַרשלאָסן און די מערדער זענען אַוועק.

זיי זענען געזעסן אַ פאָר שעה, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצוגיין. דער דיל איז געווען אַ שוואַכער, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ פאָר ברעטער נעבן וואַנט און גענומען גראָבן אַ גרוב מיט די הענט. זיי זענען אַזוי אַרום צו, צו די סטאַנדאַרן און האָבן צוביסלעך אַרויסגעשלעפּט איין סטאַנדאַר, דערנאָך אַ צווייטן, ווייטער געגראָבן ביז זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. ער איז געווען אַ דיקער און זיין פרוי אַ קליינע. מיט גאָטס הילף זענען זיי שוין ביידע

אויף דער גאס. זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין וואלד. זיי האָבן געוווסט, אז נעבן ראדיקא זענען פאראן פארטיזאנער. בקיצור, ביז נאכט זענען זיי געווען מיט די פארטיזאנער.

איך בין פארבייגעגאנגען דעם באטאליאָן, האָב איך געזען, אז אלע יידן שטייען און אַרבעטן נעבן די געביידעס. איך האָב זיי גאָרנישט געזאָגט, אז היינט איז יום־כיפור. איך האָב געוווסט, אז עס וועט גאָרנישט העלפן, אלע מוזן אַרבעטן. איך בין געגאַנגען צוריק, זאָגט מיר מיין שכן, אַז דאָ איז געווען דער סטארשינא און האָט געזאָגט, אז מיר וועלן מאָרגן פאָרן אויף א הוטאר נייען. דערווייל בין איך שוין היינט פריי פון דער ארבעט.

אין דעם זע איך, אז דער סטארשינא גייט צוריק, איך האָב אים אָפּגעשטעלט און דערמאָנט וועגן מיין מאשין. ענטפערט ער מיר, אז היינט פרי איז אַוועקגעפאָרן אַ פאַרטיע פאַרטיזאַנער אויף אַן אויפגאבע ברענגען פראָדוקטן. האָב איך זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן זעען א מאשין פאר דיר. זייער גוט. דערווייל איז אריבער א טאָג און איך האָב נישט געארבעט און נישט געגעסן, געדאווענט וויפל איך האָב געקענט אָן א סידור. פאַרנאַכט איז געקומען מיין זון. מיר האָבן אָפּגעגעסן און זיך געלייגט שלאָפן.

אויפצומאָרגנס פרי איז געקומען דער סטארשינא און רופט אונדז אין קיך. ער האָט אונדז געגעבן פלייש, קאַרטאָפל מיט גרויפּן און ברויט. נעמט דאָס — זאָגט ער — באַלד וועט צופאָרן אַ פור, וועט איר זיך אויפזעצן און דאָרטן ווו איר וועט זיין, וועט אויך זיין אונדזער סקאָט (בהמות). דאָרטן זענען פאַראַן גרויסע שטאַלן. וויטער גוט, דער שוסטער ווייסט אַפילו ווי דער פויער רופט זיך, ווייל ער איז פון דעם דאָרף כווארעסטאָוו. מיר האָבן זיך פאַרקליבן, די פור איז צוגעפאָרן, מיר זענען אַוועק. עס איז געווען נישט מער ווי א פאָר קילאָמעטער פון באַטאַליאָן.

מיר זענען געקומען אויפן פלאַץ. עס איז זיי נישט אַזוי געפעלן, אָבער ווער פרעגט זיי. ווען מיר האָבן געגעבן די פויערטע אונדזערע פראָדוקטן, עס זאָל זיין פאר אונדז און פאר זיי, האָט זי זיך דערפרייט. הונגעריקע זענען זיי געווען. זיי האָבן געהאט א טאָכטער א שטומע פון א יאָר אכט. זי האָט נישט קיין סך געקלערט און שוין געהייצט דעם אויוון. איך זע נישט ווייט פון שטוב גרויסע שטאַלן,

מסתמא דאָ וועלן שטיין אונדזערע בהמות. ס'איז פּאַרטיק געוואָרן דאָס עסן, האָט די פּויערטע געלייגט אַ ווייס טישטוך מיט טעלערע הילצערנע לעפל און גאָפּלען. איך זאָג איר, זי זאָל אַראָפּנעמען פאַר צוויי מענטשן, וואָס וועלן שפּעטער קומען מיט די בהמות. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. אַלע האָבן גוט אָפּגעגעסן, דער שוסטער האָט געהאַט נעבן זיך דעם קלענערן זון. עס האָט געגוגנד פאַר אַלע.

עס איז שוין געוואָרן נאַכט, ווען די יינגלעך זענען געקומען מיט דער טשע־רעדע, זיי זענען פריער געווען אין באַטאַליאָן, האָט מען דאָרטן אויסגעמאָלקן די קי. איך האָב געזאָגט אונדזער פּויערטע, זי זאָל אויך אויסמעלקן אַ ביסל מילך. זי האָט געבראַכט אַ האַלבן עמער .אונדזערע יינגלעך האָבן אָפּגעגעסן אַ גוטן אָוונט־ברויט. אַלע זענען צופרידן און דער עיקר דער בעל־הבית. ער איז אַוועק און געבראַכט אַ סך שטרוי, דעם טיש אַרויסגעשטעלט אין דרויסן און האָט פאַרשפּרייט פאַר אונדז ריינע ליילעכער מיט קישנס און געזאָגט: אויב איר האָט ריינע וועש בייט איבער וועל איך מאָרגן אויסוואַשן. אַזוי איז געווען און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

אויפצומאָרגנס פרי איז די פּויערטע אויפגעשטאַנען זייער באַגינען און גע־מאַכט פאַר אַלע עסן און דערנאָך האָב איך זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. און די מאַשין, כאָטש גיב איר אַכצן מכות וויל נישט נייען.

ביים פּויער איוואַן איז געווען אַ ביסל נאַפט, האָב איך די מאַשין גוט אויסגע־שמירט און געלאָזט זי שטיין, דערווייל האָב איך זיך גענומען צוצענעמען דעם פאַ־ראַשוט. איך האָב טעקלא צוגעזאָגט אויף אַ קליידל פאַר דער טאָכטער און זי זאָל מיר צוהעלפן. מיר האָבן זיך גענומען אַלע דריי אים צעטרענען. איך זע אין פענצטער, עס פאָרט אַ פור, עס זעט אויס ווי פון באַטאַליאָן. אויפן וואָגן ליגט אַ מאַשין. איך האָב מיך זייער דערפרייט. איך האָב זי אַראָפּגענומען. זייער אַ גוטע מאַשין. נאָך ווינציק גענוצט. איך פרעג דעם פּאַרטיזאַנער, ווו האָט איר עס געפּאַקט? זאָגט ער, אז ביי זיינעם אַ שכן איז געווען אַ יידישע מאַשין. איך האָב זי אויפגעשטעלט, זי נייט זייער גוט. אין דער צייט האָבן מיינע בעלי־הבתים צענומען דעם פאַראַשוט. איך האָב באַלד צוגעשניטן פינף פאַר וועש און ביז נאַכט האָב איך זי געמאַכט. טעקלא האָט געמאַכט אַ גוטן וואַרעמעס. זי האָט גע־זאָגט, אז זי האָט אמאָל געדינט ביי אַ פּריץ, קאָן זי קאָכן און טאַקע נישט שלעכט.

אינדערפרי האָב איך גענומען די וועש און מיטגענומען דעם שכנס זון און מיר זענען אַוועק אין באַטאַליאָן. מיר האָבן שוין געדאַרפט פלייש און ברויט. איך בין געקומען צום סטאַרשינא און גיב אים די וועש און זאָג אים, אַז די מאַשין איז זייער א גוטע. ער איז אויך צופרידן, נישט קיין שלעכטער מענטש געווען. ער האָט מיך געשיקט אין קיך נעמען וואָס איך דאַרף. אין קיך ליגט פלייש און ברויט.

איך האָב אַלץ געבראַכט דער בעל־הביתטע. זי איז צופרידן.

מיר האָבן אָפּגעגעסן וואַרעמעס, דאַן האָט די פויערטע זיך גענומען צו אונדזער וועש. זי האָט נעהאָט א קעסעלע אויסצוקאָכן די וועש. זי האָט אונדז אַרויסגערופן אויפן גאַס און געוויזן אונדז, וואָס עס טוט זיך אין דעם קעסעלע, וואָס מען זעט נישט דאָס וואַסער פון שמוץ. אַזויפיל איז געווען אויף אונדז און מיר האָבן שוין נישט געפילט, אָבער עס איז נישט געווען קיין הילף אַפילו, ווען מיר האָבן געביטן די וועש. עס איז געווען געגנוג א חוץ די וועש...

אויפצומאָרגנס האָט זי פון אונדז אַראָפּגעשלעפּט די הויזן מיט די העמדער אויסצוואַשן. זי האָט אַלץ געמאַכט ריין. מיר זענען דאָרט געווען בערך אַ פיר ביז פינף וואָכן.

עס איז שוין געוואָרן גוט ווינטער. די קי שטייען שוין אין די שטאַלן און די יינגלעך אונדזערע גיבן זיי עסן און וואַסער. היי פלעגט מען אַלע טאָג ברענגען א פּאָר וואָגנס פון באַטאַליאָן. די פרויען פלעגן קומען מעלקן איין מאָל אין טאָג. פּאָר אונדז האָט אויך נישט געפעלט קיין מילך. אין דער צייט, וואָס מיר זענען דאָ געווען האָט זיך געביטן דער באַטאַליאָן און מען האָט געמאַכט נישט ווייט א פּלי־פּלאַץ. עס פלעגן קומען פון מאָסקווע עראָפּלאַנען און פלעגן ברענגען געווער, קוילן, מינעס און מ׳פלעגט צונעמען שווערע קראַנקע, פאַרווונדעטע און זיי פלעגן ברענגען מעדיקאַמענטן. אַ דאָקטאָר איז געווען ביי אונדז א פוילישער ייד.

איינמאָל בייטאָג הערן מיר אַ גרויסע שיסעריי, אַן אויפהער. מיר האָבן זיך דערשראָקן. דאָס איז געווען נישט ווייט פון אונדז. די שיסעריי האָט אַזוי געדויערט אפשר א שעה צייט, מיר זענען אַוועק צו דער באַן־ליניע און מען האָט אונטער־געלייגט אַ פּאָר מינעס. עס איז געפאָרן אַ באַן מיט אַלערליי געווערן צום פראָנט (קוילן, באָמבעס, מינעס), א פּאָר וואַגאָנען, ווי אויך א וואַגאָן מיט מעל. דער לאָקאָמאָטיוו איז אַרויף אויף די מינעס און איז אויפגעריסן געוואָרן. עס איז אויסגע־

בראָכן א פייער און די פּאַרטיזאַנער זענען געשטאַנען נישט ווייט אין וואַלד און זיי האָבן נאָך געעפנט אהינצו א פייער מיט ברענקוילן. עס האָבן געברענט אַלע וואַגאָנען. (די וואַגאָנען ליגן נאָך ביז היינט צו טאָג ביי די שינעס).

די פויערים פון סינקאָוויטש האָבן זיך דאַן אָנגענומען מיט מעל. ענדע מלחמה האָט די פויערטע געהערט, אז איך לעב, זענען זיי טאַקע געקומען צו מיר מיט דער שטומער טאָכטער קיין מיקאַשעוויטש. זיי זענען געווען ביי מיר צוויי טעג און האָבן נאָר באַדויערט, וואָס זיי האָבן נישט געטראָפן מיין זון געצלען. ער איז דאַן געלעגן אין שפּיטאַל, א פאַרוווּנדעטער. איך האָב זיי אויפגענומען אויפן שענסטן אופן. א צווייט מאָל האָבן זיי מיין זון אויך געטראָפן.

מיר זענען שוין אין באַטאַליאָן. פון אונדזער דערפל איז דורך דער צייט געוואָרן א שטאָט, מיט פיל מער מענטשן, ווי פריער.

עס זענען שוין דאָ צוויי שטאַלן מיט בערך א הונדערט גוטע פערד. איך מיט דעם שוסטער האָבן באַקומען א באַזונדערן קאַבינעט. איך האָב מיר צעלייגט מיין וואַרשטאַט. עס איז געוואָרן א סך אַרבעט, דעם א פּאָר לאַטקעס אויף די הויזן, דעם צווייטן עפּעס אַנדערש. ביים קאָמאַנדיר איז געווען אַ ראַדיאָ־סטאַנציע, פלעגט ער הערן יעדן טאָג, וואָס עס טוט זיך אויפן פראָנט. אינדערפרי פלעגט אַרויסקומען זיין שרייבער, אַלע פלעגן זיך פאַרזאַמלען און ער פלעגט לייענען די נייעס פון טאָג. איך בין דאָך געווען נייגעריק אַלץ צו הערן. איך הער, אז מען האָט אָפּגעגעבן כאַרקאָוו, קיעוו. עס ווערט גוט אויפן האַרצן... יעדן טאָג פלעגן זייערע עראָפּלאַנען אַראָפּוואַרפן אויפרופן, געשריבן אין רוסיש: „וואָס זיצט איר אין די וועלדער, ווען הערט איר, די זשידעס? גייט אהיים אויף אייערע ערטער און לעבט א גוטן טאָג, מיר וועלן אייך גאָרנישט טאָן, באַלד וועלן מיר פאַרנעמען מאָסקווע און סטאַלינגראַד און מיר וועלן פאַרענדיקן די מלחמה און די קאָלכאָזן וועט איר מער נישט זען. הערט נישט די זשידעס, וואָס האָבן אייך דאָס גאַנצע לעבן געגנאַרט און לאָזט אייך נישט ווידער פון זיי נאַרן".

זיי האָבן אַלץ געוווּסט די מערדער, ווו אַלע פאַרטיזאַנער שטייען, פון דאָרף כוואַרעסטאָוו איז געווען א סך פּאָליציי, צי האָבן זיי דען נישט געוווּסט, ווו אונדזער באַטאַליאָן שטייט? עס זענען געווען אַזעלכע פאַלן, אז איין ברודער איז געווען א פּאַרטיזאַנער און דער צווייטער אין פּאָליציי. און וואָס א טאָג ווייטער

איז געווען פאַר די מערדער ערגער. פון אלע באטאליאָנען, פלעגט מען גיין צו דער ליניע. אַפילו פון ליבאבער ראַיאָן פון נעבן סלוצק און מ׳האָט זיי געגעבן גוט צו שמעקן די דייטשן.

מיין זון געצל איז נאָך אַלץ געווען דאָרט אויפן זעלבן פלאַץ נעבן די בהמות. איך פלעג אים זען יעדע פאַר טעג, ווען זיי פלעגן קומען נעמען עסן. פון אונדזער באַטאַליאָן האָט מען געהאַלטן אין אַלע דערפער עטלעכע אויסשפירער מיט פערד. יעדן טאָג פלעגט איינער קומען איבערגעבן אלע ידיעות פון לענין, סטאראבין און האַנצאָוויטש. אָט אַזוי זענען מיר אָפּגעשטאַנען אויף דעם אָרט ביז פורים.

איינמאָל בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי און ארויס פון דער בודע זיך אַ ביסל אָפּוואשן. איך זע, אז אן אויסשפירער פון אונדזער געגנט לעניז לויפט מיטן פערד. דאָס פערד איז נאַס און גלייך צום שטאַב. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צום קלאַפּן. עפּעס איז געשען. באַלד זענען געקומען די אנדערע צוויי צו רייטן. עס האָט נישט געדויערט קיין 10 מינוט, א טומל אין לאגער. דער קאָמי־סאַר איז אַרויס און געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פערד זאָלן ווערן געשפּאַנט. דער סטאַרשינא איז געקומען צולויפן, אַז מיר זאָלן גיין נעמען א פור און אויפלאָדן. איך פרעג אים, וואָס וועט זיין מיט די פאסטוכער, זאָגט ער מיר, עס איז שוין אַוועק א פור נאָך זיי. זיי זענען טאָקע באַלד אָנגעקומען. איך האָב באַקומען אַ געשפּאַנטן פערד מיט געגנוג היי, אַ זעקל מיט האָבער און איך זאָל ארויפלייגן די מאשין מיט אלע אַנדערע זאכן. אַלע זענען באַלד גרייט. וואָס איז געשען ? פון די צוויי שטעטלעך איז ארויס מיט אן אַבלאווע אויף אונדז, פון אלע דריי זייטן אַ פאַר טויזנט דייטשן. דער קאָמיסאַר און דער קאָמאנדיר האָט אַלע צוגערופן צו זיך און האָט דערקלערט ווי די לאגע זעט אויס און האָט אָנגעזאָגט, אז עס זאָל זיין שטיל אין וועג און באַוואָרענען די פערד, זיי זאָלן זיין גוט געשפּאַנט און טאָמער וועט זיך א פערד אויסשפּאַנען, זאָל מען אים אָפּלאָזן און נישט פארלירן קיין צייט. מען זאָל קיינעם נישט אויפנעמען פון פרעמדע באטאליאָנען, אָדער די, וועלכע מיר וועלן טרעפן איבער די וועלדער. קיינעם נישט.

עס הייבט אָן ווערן נאכט. אַלע אויף די ערטער. עס זענען געווען צוואנציק אויסשפירער אויף פערד. צען פאָרויס און צען פון הינטן. דער קאָמאנדיר האָט זיך ארייַנגעזעצט אין א גוטן פיאקער מיט אַ פאָר גוטע פערד און אין א גוטער

שעה. מען איז אַוועקגעפֿאָרן. דער פּראָסט איז געווען נישט צו פֿאַרזינדיקן מיט אַ גוטן ווינט און שניי.

מיר זענען געפֿאָרן איבער אַ גרויסן וואַלד, זייער שטיל געפֿאָרן. דערנאָך איז מען אַרויס אויף אַ וועג. דאָ זענען מיר געפֿאָרן שנעל. עס איז אַ גרויסער ווינט און אַ שניי אין פּנים. ביי איינעם האָט זיך דערווייל עפּעס געטראָפֿן, ער שטייט שוין אין דער זייט. מיר האָבן אים אויסגעמיטן און ווייטער געפֿאָרן. איך טראַכט ביי זיך, ס'זאָל נאָר ביי אונדז גאָרנישט טרעפֿן.

דער פֿורמאַן איז מיין זון געצל, ער זיצט נעבן פֿערד און ער טרייבט אים און איך זיץ אַזוי אויבנאָן, ווי פּסח צום סדר־אָוונט. איך זע, פֿאַרבייגיין צוויי מענטשן, איך קוק זיך צו, דאכט זיך מיר, באַקאַנטע יידן. איך האָב אַ פֿרעג געטאָן: לייזער, עלע. יאָ, דאָס זענען זיי. זיי האָבן זיך געכאַפּט מיך קושן. זיי ווילן מיט אונדז מיטפֿאָרן, דערצייל איך זיי דעם אָנזאָג פֿון אונדזער קאָמאַנדיר. זאָגן זיי: אַז אויב אַזוי וועלן זיי בעסער אַוועקגיין. און דער לאַגער גייט ווייטער, שטיל, איך האָב נאָך באַוויזן פֿרעגן אַ פּאָר ווערטער און מען איז אַוועקגעפֿאָרן און זיי זענען געבליבן פֿון הינטן. עס איז אַדורך אַ ביסל צייט, האָבן זיי אונדז ווידער אָנגעיאָגט, מען האָט ווידער געכאַפּט אַ שמועס. איך האָב געוואָלט וויסן פֿון וואַנען זיי קומען דאָ. איך ווייס, אַז אין האַנצאָוויטש אין לאַגער זענען זיי נישט געווען. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זענען געווען אין אַ באַטאַליאָן, דער קאָ־מאַנדיר האָט געהייסן מישקין און מען האָט זיי נישט מיטגענומען און מען האָט זיי געהייסן גיין. איך האָב זיי מער נישט געזען, אָדער די דייטשן האָבן זיי גע־כאַפּט אָדער אונדזערע. זיי האָבן אויך געקענט די מלאכה.

איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן די צוויי יידן: לייזער און עלע.

דער דאָזיקער לייזער גאָלוב, אבנר חנהס אַ ברודער און עלע ציקליק, וואָס האָט דאָ אין ישראל אַ ברודער (מרדכי ציקליק). ווען איך בין נאָך געווען אין געטאָ ביי אונדז אין שטעטל, האָט מען דאַן געבויט אַ מיל אין מאָריץ, אַ פּאָר און דרייסיק קילאָמעטער פֿון לענין. מען האָט געדאַרפֿט דאָרט צוויי סטאָלאַרעס, האָט זיי דער יודן־ראַט אַוועקגעשיקט און עס איז זיי דאָרטן זייער גוט געווען. זיי פֿלעגן שיקן אהיים ברויט און אויך צום ברויט עפּעס. מען האָט אויסגעהרגעט אונדזערע

יידן האָט מען זיך דערמאָנט, אז אין מאָריץ געפינען זיך נאָך צוויי יידן, האָבן צוויי פּאָליציי־לייט געלאָפן פון דאָרט. מען זאָל, חלילה, נישט פארשפּעטיקן און צום סוף האָבן זיי פארשפּעטיקט. האָט דער שיינער קאָמענדאנט געהייסן זיי פירן הרגענען. מען האָט זיי געגעבן ביידע לאָפּאטעס און געהייסן זיי זאָלן גראָבן פאר זיך א קבר. איז געקומען צו לויפן מאקס, אנדערע זאָגן, אז זיין איידעם אָל־שעווסקי האָט נישט געלאָזט זיי הרגענען. (באשערט געווען זיי זיך צו מאטערן נאָך פיר חדשים). ווען איך דערמאָן זיך וועגן די צוויי יידן, שניידט מיר דאָס הארץ. איך האָב געדארפט אפשר ריזיקירן און זיי מיטנעמען מיט זיך, נאָר ווען איך בעם זיי מיט, וואָלטן מיר געווען נישט זיכער מיטן לעבן. גלייך מיט זיי, ווייל נישט איינמאָל פלעגט דער קאָמאנדיר רעווידירן ביי די יידן.

אָט אַזוי זענען מיר געפאָרן א גאנצע נאָכט. אינדערפרי האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט געהייסן געבן די פערד האָבער. ביי אונדז איז נאָך אויך געווען א שטיקל ברויט. דער לאגער האָט זיך געצויגן א פּאָר קילאָמעטער. מען איז געשטאַנען אַ פּאָר שעה. אין דער צייט האָב איך גוט באטראכט דאָס פערד, אז ער זאָל זיך, חלילה, נישט אויסשפּאנען אין וועג, א ייד פעלט נישט מער. מיר זענען ווייטער געפאָרן א טאָג, ווו? און וואָס? ווייסט קיינער נישט א חוץ דער שטאב.

עס זענען אַריבער עטלעכע טעג, ביינאכט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אין דער צייט גיבן מיר דעם פערד א ביסל היי, ער זאָל נישט אָפּשטיין. אַז מען האָט גע־רירט פון אָרט מוז מען לויפן. מען האָט קוים געקאָנט דעריאָגן די ערשטע. זאָג איך שטיל צו מיין געצלען, ער זאָל דערלאנגען די פערד איבער די פיס וועט ער לויפן. ער האָט אַזוי געטאָן און מיר זענען אַוועק גיכער. מיר זענען אָנגעקומען צו א באַן־ליניע. עס שטייען דאָרט צוויי פּארטיזאנער אויף פערד און שרייען שטיל: סקאָרעי! (שנעלער). דאָס איז געווען אַ דורכפאָר נעבן א שטוב, ווו ס׳איז געווען א היטער. מען האָט געזאָגט, אז מען האָט אים דערשטיקט, אַז מען זאָל נישט וויסן, אז דאָ זענען אדורך אַזויפיל פּאַרטיזאנער. אַלע זענען אַדורך, זייער גוט.

מ׳האָלט אין איין פאָרן. נאָך א צען טעג איז מען אָנגעקומען צום אָרט, ווו מען דאַרף אַריבערפאָרן. דער קאָמאנדיר האָט געהייסן די לעצטע, א הונדערט מענטשן

זאָלן זיך אָפּשטעלן און גיין פון הינטן א פּאָר הונדערט מעטער, כדי די דייטשן זאָלן נישט זעען די צייכנס פון פערד און גראָד איז קיין שני נישט געווען.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן. די אויסשפּירער פלעגן נישט שלאָפן. זיי פלעגן יעדן טאָג ברענגען ריכטיקע ידיעות, ווו די דייטשן קערן זיך. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א גאנצן טאָג און מען האָט געקאָכט וואַרעמעס. פלייש האָט מען געפירט צוויי פורן און פּראָדוקטן איז אויך געווען. מען האָט גוט אָפּגעגעסן און מען האָט נאָך געגעבן צו גוטע שטיקער פלייש און די פערד האָבן זיך גוט אויסגערוט. אין דרויסן איז געווען וואַרעם, עס איז געווען פאַר פורים. מען איז געפאָרן א גאנצע נאכט און אינדערפרי האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז געשען? מען איז צוגעקומען צו א שטעטעלע סווענטעוואלע. דער לאגער איז נאָך געווען ווייט פון שטעטל, אָבער די אויסשפּירער האָבן שוין דערשמעקט, אַז דאָרטן געפינט זיך א פּאָליציי־פּאָסטן און דייטשן שטייען אויפן וועג ווו מיר דארפן אדורכגיין, אָבער זיי האָבן פון אונדז נישט געוווסט. מיר האָבן באשלאָסן עפענען א פייער. האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן אַהין, אָבער זיי האָבן געהאט א בונ־קער, זענען זיי געלעגן אין אים און שיסן פון ביקסן און אויטאָמאַטן.

די שיסעריי האָט געדויערט אפשר דריי שעה. אין דער צייט זענען אָנגעקומען ביז א פּאָר הונדערט דייטשן מיט מאשין־געווער און זיי האָבן אָנגעהויבן אונדז אַרומרינגלען פון אלע זייטן. נישט גוט, א שרעק איז אָנגעפאלן אויף אַלע. דער קאָמאנדיר אונדזערער קאָמאָראָוו האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז דער לאַגער זאָל זיך נעמען אין איין זייט. אַזוי איז געשען. מיר האָבן זיך פארנומען לינקס אין וואַלד. מ׳האָט געעפנט אויף אונדז אַ פייער, מ׳טרייבט די פערד. מיר האָבן זיך ארויסגעריסן פון וואלד, אַ פעלד נישט קיין גרויס. פאר מיר פאָרט א סטאראבינער ייד מיט א וואָגן פלייש און קלאָפּט דאָס פערד און די רעדער קריכן שטארק אין זאמד. איך זע, אז דער ייד איז שוין אראָפּגעפאלן טויט. (א מענטש פון א יאָר 45), דעם יידן פלעגט מען רופן מיט א צונאָמען „גאָט״. זיין פערד איז געבליבן שטיין.

מיין זון געצל האָט זיך אראָפּגעכאפּט פון שליטן און גענומען אונדזער פערד ביים צוים און אומגעקערט אין א זייט, אז מיר זאָלן קענען גיכער אַדורכפאָרן. מיין זון פירט דאָס פערד פאר דער מאָרדע. מיט גאָטס הילף זענען מיר שוין נעבן וואלד, מען קאָן אָבער נישט אריינפאָרן אין וואלד, ווייל ער איז זייער גע־

דיכט, די האַלאַביעס האָבן זיך אריינגעשניטן אין ביימלעך און מען קאָן נישט גיין ווייטער. מיר שטייען ביידע און ווילן ארויסשלעפן די ביימלעך, וואָס פאַר־האַלטן דאָס פערד, מען קאָן נישט. איך זע, אז א סך פערד שטייען אַזוי און קיינער איז נעבן זיי נישטאָ און דאָס פייער איז גרויס, די קוילן פליען ווי האָגל.

מיר זענען אריין א ביסל טיפער אין וואלד, זע איך, אז דאָרטן שטייען פיל אונדזערע פאַרטיזאנער און דער קאָמאנדיר אויך. ער האָט מיך דערזען פרעגט ער, ווו איז מיין פערד? זאָג איך אים, אז מען קאָן נישט אריינפאָרן. האָט ער עפעס געערדט אונטער דער נאָז, איך ווייס נישט וואָס. מיר זענען אויף יענער זייט וואלד, נישט ווייט פון אונדז לויפן די דייטשן און ווילן אונדז ארומרינגלען, אָבער איינער פון אונדזערע (געווען ווייזט אויס א קאָמאנדיר), אַן אָפיציר, האָט געהאלטן אַן אויטאָמאט און אָנגעהויבן שרייען: חברים, ווער עס האָט געווער, צו מיר! ווער עס וועט נישט גיין שיס איך גלייך. און דער קאָמאנדיר שטייט אַ דערשראָ־קענער. כאָטש מעלק אים אויס. באַלד האָבן זיך באַוויזן א סך פאַרטיזאנער מיט געווער און מ'האָט געעפנט א פייער פון ביקסן, האַרמאטן און אויטאָמאטן. אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דאָס שיסעריי זענען די אנדערע, וואָס האָבן נישט געהאט קיין געווער, אַוועק.

פון לאגער האָט מען ארויסגענומען צוויי פורן, דעם קאָמאנדירס בריטשקע און דעם סטארשינאָס. ביי אים איז געווען א קליין קינד פון א פאָר חדשים, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין וואלד. מיר זענען נאָך געשטאנען נעבן כווארעסטאָוו. און גייען אַזוי מיטן וואלד און מיר הערן, אז דער קאמף גייט אָן אויפהער. עס ווערט שוין נאַכט. שפעטער איז געוואָרן שטיל די שיסעריי. עס האָט געדויערט א פאָר שעה זענען זיי אָנגעקומען צו אונדז.

עס זענען דאָרטן געפאלן ביז צוואנציק מענטשן. די פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין, זענען דאָרט געבליבן, צווישן די געפאַלענע זענען געווען צוויי יידן. עס איז געווען נאָך א בחור פון סטאראבין, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט צעריסן אויף זיך דאָס העמד און האָט זיך פארבונדן די ווונדן. אָבער ער האָט נישט געקאָנט גיין ווייטער. ער האָט געוווסט, אז די מערדער וועלן באַלד קומען אין וואלד. וואָס האָט ער געטאָן? עס ווילט זיך נישט אריינפאלן צו די מערדער אין די הענט א לעבעדיקער, ווייל זיי פלעגן שניידן שטיקער פון א פאַרטיזאנער

און ספּעציעל פון א יידן. איז ער לאַנגזאַם אַרויפגעקראָכן אויף א בוים הויך און ער האָט געזען, ווי זיי האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן לאַגער. ער איז דאָרטן געזעסן א גאַנצע באַכט און צומאָרגנס ביז א האַלבן טאָג. פאַרנאַכט איז ער לאַנגזאַם אַראָפּ און געגאַנגען נאָך אונדזערע שפּורן ביז ער האָט אָנגעטראָפן א כוטאָר מיט גוטע מענטשן און ער איז דאָרט געווען עטלעכע טעג, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אַנדערן באַטאַליאָן.

מיר זענען דערווייל געלאָפן ווייטער הונגעריקע. וואָס האָט געטאָן דער קאָמאַנדיר? ער האָט געגעבן אַ פערד און מ׳האָט עס געקוילעט און ווער ס׳האָט געוואָלט האָט געשניטן שטיקלעך, געבאַקן און געגעסן. מיין זון זאָגט צו מיר: מען דאַרף אויך נעמען אַ שטיקל פלייש. זאָג איך אים: איך וועל דאָך נישט עסן. זאָגט ער: דו האָסט מורא, אַז מען טאָר נישט. ניין, איך האָב דאָך נישט קיין צייט מיט וואָס צו עסן. איך בין פונדעסטוועגן אַוועק און געבראַכט א שטיקל פלייש. ער האָט געשניטן קליינע שטיקלעך און געבאַקן אויפן פייער. מיר זענען געבליבן דאָ בעכטיקן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. מען הערט, ווי ביים סטאַרשינאַ וויינט דאָס קינד און בייַנאַכט הערט מען נאָך דייטלעכער. איז אַרויס דער קאָמענדאַנט קאָמאַראָוו און האָט געזאָגט וואָלקאָוון, ס׳זאָל ווערן שטיל, אַז מען זאָל מער נישט הערן דעם געוויין פון קינד. מיינט איר, אַז עס איז נישט געוואָרן שטיל? זיי האָבן פאַרבונדן דאָס מויל דעם קינד ביז עס איז דערשטיקט געוואָרן.

אויפצומאָרגנס פרי איז מען ווידער אַוועק. מיר זענען געקומען פאַרנאַכט אין א דאָרף. איך געדענק נישט, ווי עס האָט געהייסן. מיר זענען דאָרט געבליבן נעכטיקן. מיר זענען געשלאָפן אין א שטוב און האָבן עפּעס געגעסן. מיר זענען דאָ געשטאַנען עטלעכע טעג און מ׳האָט שוין געהערט, אַז די אַבלאַווע האָט זיך געענדיקט. די מערדער זענען שוין אַוועק אויף זייערע ערטער. עס האָט געדויערט דריי וואָכן און זיי האָבן גאָרנישט געמאַכט און ווען מיר וואָלטן נישט געווען גיין אויף דעם שטעטעלע סווענטעוואָלע, וואָלטן מיר אויך גאָרנישט געליטן. אַז מיר זענען אַוועק פון כוואָרעסטאָוו איז פון אונדזער באַטאַליאָן אַ גרופּע פון 25 מענטשן אַוועקגעפאָרן נאָך סלוצק וועגן פּראָדוקטן. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן

די אַבלאָווע זענען זיי פאַרבליבן דאָרטן און איצט האָט מען געהערט, אַז זיי לעבן אַלע און זיי קלערן נישט אַהערצוקומען. זיי זענען געבליבן אויף דעם זעלבן אָרט ווו מיר זענען געשטאַנען פריער. וואָס האָט איצט פּלאַנירט דער קאָמענדאַנט? אַז מען דאַרף זיי שיקן עטלעכע מענטשן. האָט ער באַשטימט צוואַנציק מענטשן און מיך מיט מיין זון אויך. ווען כ'האָב דאָס דערהערט איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב געוואָלט גיין בעטן ביים קאָמאַנדיר, אָבער איך האָב מורא אריין צו אים. איך שטיי אויף דער גאַס, אפשר וועט ער אַרויס. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ער איז אַרויס. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און איך האָב נאָר געעפנט דאָס מויל אָנצוהויבן רעדן, אַזוי האָט ער שוין געמאַכט אַ געשריי: דיר געפעלט נישט מיין באַפעל, וועל איך דיר באַלד געבן אַן אַנדערן באַפעל — אַ קויל אין קאָפּ. איך האָב זיך אָפּגערוקט אויף הינטן און אַוועק. איך בין געקומען צום זון און דערציילט אים, אַז מען דאַרף גיין אין וועג.

ער האָט גענומען אַכט פורן און האָט באַשטימט איינעם אַן עלטערן; דאָס איז געווען אַ קאַפּיטאַן, אַ פאַרווונדעטער, וואָס איז אַנטלאָפן פון די דייטשן. מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט נעבן שטאַב און מען האָט געבראַכט די פערד. איך האָב אויך באַקומען אַ פערד. מיט מיר איז געווען נאָך אַ ייד, דאַכט זיך, אַז יענקל גינזבורג. מיר זענען אַוועקגעפאָרן. עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. מיר פאָרן ביז נאַכט, עס איז שוין פינצטער. צוגעקומען צו אַ שליאַך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער עלטערער, וואָס איז געווען מיט אונדז האָט געזאָגט, מיר זאָלן דאָ שטיין און ער האָט גענומען צען מענטשן מיט זיך און אַוועק. דאָס איז געווען נישט ווייט פון דער באַן־ליניע, וואָס מען האָט געדאַרפט אַדורכפאָרן. עס האָט געדויערט אפשר אַ שעה. מיר הערן ווי מען שיסט, אָבער פון אַ ביקס, דריי שאָסן און עס איז געוואָרן שטיל. באַלד זענען זיי צוריקגעקומען צולויפן, פאַרקירעוועט די פערד און ער האָט געזאָגט, אַז מיר פאָרן צוריק אין באַטאַליאָן. מיר וועלן זאָגן דעם קאָמאַנדיר, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט אריבער דעם פערעיזד (אַדורכפאָר). אַלע פאָרן מיר מיט שמחה צוריק. אונדזער פור איז געווען די לעצטע.

עס איז געוואָרן ליכטיק. מיר זענען שוין געווען נישט ווייט פון באַטאַליאָן. דאָ שטייען צוויי פאַרטיזאַנער. זיי פרעגן, ווער מיר זענען און פון וואַנען פאָרט

מען. די ערשטע האָבן זיי אַלץ דערציילט, זיי הייסן זיי אַדורכפאָרן, אָבער ווען עס איז געקומען צו אונדזער פור, לאָזן זיי אונדז נישט אדורך. כ׳האָב אָנגעהויבן רעדן און בעטן, עס העלפט גאָרנישט. זיי זאָגן, אַז דער קאָמאַנדיר האָט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אונדז נישט לאָזן אין באַטאַליאָן צוריק. זיי זאָגן נאָך, אַז באַלד וועט מען קומען זיי בייטן, וועלן זיי איבערגעבן וועגן אונדז און צווייטנס גייט היינט אַוועק דער באַטאַליאָן פון דאַנען. נישט גוט.

נישט ווייט פון דעם אָרט, איז געשטאַנען א שטוב. מיר זענען אריין. אַן עלטע־רע פויערטע זיצט. מיר האָבן געבעטן עפּעס עסן. זי האָט געהאַט א ביסל קאַלטע קאַרטאָפל. זי האָט אונדז געגעבן מיט שטיקלעך ברויט. מיר זיצן און עסן. זי זעט, אַז מיר זענען יידן, פרעגט זי, פון וואַנען מיר גייען? זאָג איך איר. זאָגט זי: אַז דאָ נישט ווייט ליגן אכט יידן געהרגעטע. ווער האָט זיי געהרגעט? ווער ווייסט, מסתמא אייערע פאַרטיזאַנער. די צוויי פאַרטיזאַנער זענען באַלד אַוועק און הייסן אונדז וואַרטן, ביז זיי וועלן קומען. קלער איך ביי מיר, אַז איך זאָל שוין זען אייערע פּלייצעס. מיר האָבן געזען, אַז זיי זענען שוין אַוועק ווייט, האָבן מיר פאַרקירעוועט דאָס פערד און פאַמעלעך אַוועקגעפאָרן. דער וואַלד איז געווען נישט גרויס. מיר זענען ארויס פון וואַלד. מען זעט דעם דאָרף, אָבער מען דאַרף אַריבערפאָרן אַ גרויסע בלאָטע אַ פאַרפרוירענע. מיר זענען זי אריבער. עס שטייט ווידער א מזיק און הויבט אָן ווידער פרעגן, פון וואַנען און וואָס. זאָג איך אים, אַז נישט לאַנג זענען דורכגעפאָרן זיבן פורן און אונדזער פערד איז אָפּגע־שטאַנען. עס זענען אָנגעקומען דערוויל צוויי פאַרטיזאַנער, האָט ער זיי אָנגעהויבן פרעגן וועגן דאָקומענטן און איך האָב א טרייב געטאָן דאָס פערד און מיר זענען אַוועקגעפאָרן. ער שרייט אונדז נאָך, אַז מיר זאָלן נישט פאָרן. זאָגט דער צווייטער: וואָס דאַרפסטו זיי, זאָלן זיי פאָרן. זייער גוט. מיר זענען שוין אין דאָרף. פאַרפירט דעם סטאַרשינאַן דאָס פערד און איך האָב אים דערציילט אַלץ חוץ דעם, אַז מען האָט אונדז פאַרהאַלטן.

מיר זענען געקומען נישט שפעט און קיין וואַרעמעס איז נישטאָ. איך האָב גע־בעטן ביי דער בעל־הביתטע פון שטוב, זי מאַכט זיך נישט הערן. איך בין ארויס אויפן דאָרף, איך הער, אַז מאָרגן גייט שוין אַוועק דער באַטאַליאָן פון דאַנען צוריק

אויף דעם אלטן אָרט צו כוואַרעסטאָוו. איך בין אריין אין א צווייטער שטוב. איך האָב באַקומען א שטיקל ברויט. מיר האָבן איבערגעביסן. עס איז געוואָרן נאַכט, און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

א יידישער פּאַרטיזאַנער-באַטאַליאָן

אויף מאָרגן פרי איז געקומען מיין עלטסטער מיט אַ נייעם באַפעל: היינט גייט אָוועק דער באַטאַליאָן, איז איך מיט מיין זון זאָלן נישט מיטגיין, פּאַרוואָס ווייסט ער נישט. אויב וויל איך וויסן, זאָל איך צוגיין צום קאָמאַנדיר. איך האָב מורא צו אים צו גיין. ער קאָן מיך אויך שיסן. איך ווער משוגע, איך קלער, וואָס וועל איך טאָן אַליין אין א פרעמדן געגנט. איך בין אָוועק צום סטאַרשינא. ער איז נישטאָ. זיין פרוי באַקט פּלעצלעך. איך דערצייל איר מיין לאַגע. זי באַקט די פּלעצלעך צום וועג און מאַכט פאַר מיר און מיין זון נאָך עטלעכע. באַלד איז געקומען דער סטאַרשינא. ער זאָגט, אז ער ווייסט פון אלץ, אָבער ער קאָן גאָרנישט העלפן, אָבער ער ווייסט, אז עס וועלן נאָך זיין אַזעלכע ווי מיר. איך בין געוואָרן ביי זיך מוטיקער. איך בין אָוועק דערציילן דאָס מיין זון. איך קוק אים אין זיין בלייכן דאָרן פּנים, ווי ער איז געוואָרן פריילעכער. איך האָב אים געגעבן די פּלעצלעך. ער האָט אָנגעהויבן עסן און איך אויך.

מיר זענען ארויס אויפן פּלאַץ, נישט ווייט פון שטאַב, איך זע פון ווייטן גייט יודקע ציקליק און וועלוול זאַווין. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אונדז און לאַכן. זיי זאָגן: מ׳האָט אייך אויך אָפּגעשטעלט, באַלד וועלן קומען נאָך.

איך ווייס גאָרנישט, וואָס צו טאָן פאַר פרייד, וואָס ווייזט זיך אַרויס? אַלע קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען האָבן זיך צונויפגערעדט, און זיי ווייסן, אז דאָ נישט ווייט געפינט זיך א גרופּע יידן ביז זעכציק מאָן, פּאַהאַסטער, וואָס זענען געווען אין האַנצאָוויטש. אַלזאָ שיקן זיי אונדז אַהינצו.

מיר יידן וועלן אַלזאָ מאַכן אַ יידישן באַטאַליאָן. באַלד איז צוגעקומען הערשל מאיר איסערס, אויך מיט אַ ביקס, יודל אַשעראַאָווסקי מיט א ביקס. אַ פּינסקער בחור קאַליזנער מיט א ביקס, פון באַראַנאָוויטש אַ פאַרפאָלק מיט אַ

קליין קינד; עס האָבן זיך צונויפגעקליבן, דאַכט זיך אַ צוואַנציק מענטשן. עס זענען געווען זעקס ביקסן. מיר האָבן שוין געהאַט אַ קלייבעם באַטאַליאָן.

מיר האָבן אַלע צוזאַמען געגעסן, זיך דורכגעשמועסט און געוואַרט ביז די באַטאַליאָנען זענען אַוועק און דאַן זיך אויך געלאָזט אין וועג. מיר האָבן באַלד געטראָפן אַ ייד מיט אַ פאַמיליע, וואָס זענען געווען מיט אונדז אין לאַגער. ער הייסט דאדע פון פאהאסט. ער איז געווען אין לאַגער מיט צוויי זין. מיר זענען אַוועק ווייטער.

מיכאל קירזשנער זיך געראַטעוועט פון האַנצעוויטשער לאַגער
(ער מיט זיין פאַמיליע געפינען זיך היינט אין ישראל)

דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. עס איז געווען נישט לאַנג צו פסח. מיר האָבן געדאַרפט אַדורכגיין אַ גרויסע בלאָטע, וואָס עס איז געווען באַגאָסן מיט וואַסער. צו דעם זענען מיר שוין געוווינט. מיר זענען אריבער די בלאָטע. נישט ווייט האָבן מיר זיי געפונען. אַ גרויסער באַרג, זיי האָבן זיך אונטערגעגראָבן, נישט אַלע אויף איין אָרט. זיי האָבן זיך דערפרייט און האָבן אונדז דערציילט זייערע איבער־לעבענישן און מיר זיי אויך. זיי האָבן אונדז געגעבן עסן און ערטער צום שלאָפן.

דערוויל זייער גוט. פון וואנען האבן זיי געהאט עסן? דא איז געווען בישט ווייט פון זייער שטעטל פאהאסט, איז טאקע זיי געווען באקאנט די גאנצע געגנט און אלע דערפער מיט אלע פויערים, פלעגן זיי גיין צו באקאנטע און מען האט זיי געגעבן עסן.

מיר זענען אבער צוגעקומען, איז שוין געוואָרן צופיל, — א גאסט, ווי מען זאגט, איז גוט א טאג אדער צוויי. — וויפל קאן מען זיין געסט? האט מען אנגעהויבן זיך בלאזן אויף אונדז. איז געווען איינער א בחור פון צוצעוויטש, יודל אשעראווסקי, האט ער אונדז אוועקגערופן און געזאגט: וואס ווען מיר דא אויסזיצן. מיר שטערן זיי מיט דעם עסן און עס פעלט פאר אונדז אויך. ווער איז מסכים מיט מיר צו גיין. כמעט אלע זענען מיר מסכים, מער נישט ווי יודקע ציטליק און וועלוול זאווין זענען פארבליבן. מיר האבן זיך אויפגעהויבן און אוועק (אכצן מענטשן). אלע מענער מיט צוויי ביקסן. מיר זענען אפגעגאנגען פון זיי אייניקע קילאמעטער און מיר האבן פארנומען א פלאץ זיך צו באזעצן.

זייער א גוטער פלאץ — א טיפער וואלד און בישט ווייט א גרויסע קאנאווע מיט גוט וואסער צום טרינקען. אין דרויסן איז ווארעם און צו דעם ברענט א פייער. זייער גוט, אבער עסן ווילט זיך. אונדזער יודל אשעראווסקי רופט זיך אן, אז פארנאכט וועלן מיר גיין אויף און אויפגאבע וועגן עסן. קיינער וועט אונדז נישט ברענגען און ער זאגט, אז איין מענטש וועט דא זיין, כדי צו היטן אונדזערע פעקלעך. מ׳האט טאקע געדארפט זיי היטן, ווייל די פעקלעך האבן געקענט אליין אוועקגיין...

עס רופט זיך אן הערשל מאיר, אז מ׳דארף דא לאזן ר׳ מרדכי. ער איז אן עלטערער מענטש, זאל ער זיצן אויף א פלאץ. רוף איך זיך אן: איך קאן מיטגיין, איך וועל נישט אפשטיין פון די יונגע. חוץ דעם, ווי קאן א מענטש אליין בלייבן אין אזא טיפן וואלד? יודל אשעראווסקי האט מיר געגעבן גערעכט און געלאזן מיט מיר א בחור פון א יאר זעכצן, שלאמקע דאלגעפיאטי. עס איז געווארן פארנאכט. זיי זענען אוועק אין א גוטער שעה. מיין זון געצל איז אויך מיט זיי. ער איז טאקע געווען דער יינגסטער פון אלע, אבער ער איז דאן געווען העכער פון אלע. איך האב זיי צוגעווונטשן א גוטן וועג און אלע זאלן קומען געזונטע צוריק.

עס הויבט אָן ווערן פינצטער. אויפן האַרצן זייער שווער און ביטער. עס איז מיר געקומען אויף די געדאַנקען מיין אומגליקלעכע פאַמיליע. איך גיב זיך אַ קער, מיין באַגלייטער שלאָפט שוין נעבן פייער. דאָס פייערל ווערט קלענער. איך האָב מורא צוצולייגן נאָך האָלץ, בייַנאַכט זעט מען אַלץ דייטלעך. עס איז טאַקע אַ געדיכטער וואַלד, נאָר ס'זאָגט זיך אַ גלייכוואַרט: פאַר אַ געשלאָגענעם הונט ווייזט מען נישט קיין שטעקן. און איך בין שוין גוט דערשלאָגן און מיין שלאָמקע שלאָפט. איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. איך האָב געשמאַק געדאַוונט, קיינער שלאָגט נישט איבער און קיינער הערט נישט, אָבער גאָט האָט געהערט מיין דאַווענען און געזען מיינע בלוטיקע טרערן. נאָכדעם האָב איך צונויפגענומען אַלע פעקלעך, אַוועקגעלייגט זיי, נישט ווייט פון פייערל.

איך האָב אַזוי געלאָזט שלאָפן מיין שלומקען אפשר אַ שעה אָדער מער. דערנאָך האָב איך אים אָנגעהויבן וועקן פאַמעלעך. אַ נעכטיקער טאָג. ער הערט מיך ווי דעם קאָטער. ער טוט זיינס. מער נישט ווי ער קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און כראָפּעט, אַז איך דערשרעק זיך. איך האָב אים געוואָלט אויפוועקן, פשוט, צוליב דעם, אַז עס זאָל זיין אַ ביסל פריילעכער. ער שלאָפט נאָך אַ פּאָר שעה, איך זיץ ביים פייער. איך וואַרף אונטער עטלעכע שטיקלעך האָלץ. אין דעם איז געוואָרן אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ גרויסער כמאַרע, דער וואַלד האָט אָנגעהויבן פייפן. די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט אויפן קאָפּ.

עס איז שוין שפּעט נאַכט. איך האָב ווידער אָנגעהויבן וועקן שלומקען. איך האָב אים אָנגעהויבן שלעפּן פאַר די הענט. סוף סוף האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. וואָס ווילט איר — פרעגט ער מיך. זיץ אַ ביסל, מיר וועלן אַ ביסל פאַרברענגען. וואָס זענט איר אַ מיידל. — אַז דו וועסט בלייבן לעבן, וועסטו טראַכטן וועגן מיידלעך. איך וויל זיך אַ ביסל צולייגן און דו וועסט אַ ביסל היטן. — וואָס וועל איך היטן, דאָס פייער מיט די לייט? פונדעסטוועגן איז ער געקומען צו זיך און ער זאָגט מיר: — לייגט אייך צו אַ ביסל און איך וועל זיצן. איך האָב זיך צוגעלייגט און טראַכטנדיק וועגן די אַוועקגעגאַנגענע בין איך פאַמעלעך אנטשלאָפן געוואָרן.

איך בין געשלאָפן אפשר אַ שעה. מער קען איך נישט און שלומקע לאָזט זיך נישט בעטן. ער ווערט ווידער אנטשלאָפן. עס איז געוועזן גאַנץ וואַרעם, לויט דעם צעגאַנגענעם שניי דאַרף זיין פאַר פסח. גענוי ווייס איך נישט.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. איך בין געוואָרן מוטיקער. באַלד וועט קומען אונדזער פּאַרטיע. איך האָב גענומען אַ בלאַט פון בוים, אַ טריקן געטאָן, צעריבן אין די הענט, געמאַכט אַ גוטן פּאַפּיראָס און פאַררויכערט. איך האָב זיך אַ ביסל פאַרהוסט און האָב אים אַוועקגעוואָרפן. איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג, ווו זיי זענען אַוועק. איך הער זיך צו, מ'הערט גאָרנישט. בלויז הער ווינט בושעוועט. איך גיי צוריק. עס האַכט זיך מיר, מען גייט, אָבער ווער, ווייס איך נישט. איך האָב געזאָגט שלומקען: לאָמיר זיין גרייט. מיר האָבן זיך פאַרשטעלט היִנטער גראָבעביימער און איך קוק אַהין, פון וואַנען מען גייט. דער וואַלד איז זייער אַ געדיכטער, אָבער איך הער שוין גוט, אַז מען גייט און נישט ווייט פון אונדז. ענדלעך האָב איך דערלעבט צו זען, אַז אונדזערע גייען. מיט גרויס פרייד זענען מיר זיי אַנטקעגנגעלאָפן. יאָ, מען טראָגט גרויסע פּעק אויף זיך און מען פירט צווײ בהמות. איך זע, ווי מען פירט אַ פערד און אויפן פערד גרויסע פּעק פון ביידע זייטן. איך זוך מיין זון. ער גייט אויך מיט אַ גרויסן פּאַק אויף דער פּלייצע און אַלע לאַכן. מיר טראָגן עסן, זאָגן זיי. איך זע, אַז מיינע יונגעץ זענען נאַסע, כמעט ביזן גאַרטל. איך און שלומקע האָבן געמאַכט אַ גרויס פייער. זיי האָבן אַראָפּגענומען די פּעק פון זיך און גלייך צו צום פייער. עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, זענען אַלע געווען טרוקענע. אַלע זייער צופרידענע. די ערשטע זאַך האָט מיר מיין זון געבראַכט טאַבאַק, ברויט זייער אַ סך, אַלערליי גרויפּן, אַ קעסל אויף קאָכן פון פיר עמערס מיט אַ צודעק, פּוטער, אַ ביסל קעז און פּעטס, עטלעכע עמערס, כלים, שיסלעך מיט לעפל פאַר יעדן און וואָדקע (סאַמאָגאָן) מיט גלעזלעך.

די בהמות האָט מען צוגעבונדן נעבן גוטן גראָז און אויך דאָס פערד. נו, איצט דאַרף מען איבערבייסן. מען איז אַוועק צו דער קאַנאַווע. מען האָט זיך אָפּגעוואַשן און מען האָט זיך געזעצט צו דער סעודה. מען האָט אָנגעשניטן ברויט און סאַדלע (פּעטס). עס איז געווען נאָר עטלעכע גלעזלעך, האָט מען מיך דאָס ערשטע מכבד געווען מיט אַ ביסל בראַנפן. איך האָב געטרונקען לחיים און אַלע געווונטשן, אַז מיר זאָלן איבערקומען אונדזערע גרויסע צרות, וואָס מיר ליידן שוין אריבער צוויי יאָר און אונדזער בלוט איז פאַרגאָסן אומעטום. מיר האָבן אַלע געווייִנט. מיר האָבן גוט אָפּגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן. זיי זענען געווען אַ

גאַנצע נאַכט אויף די פיס און געשלעפּט אַזעלכע גרויסע פּעק. מיר מיט שלומקען האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אכטונג געבן אויף די בהמות מיטן פערד.

עס איז אַדורכגעגאַנגען א שעה אָדער מער. איך הער, ווי מ׳גייט. איך הער נישט וואָס פאַרא געשפּרעך צוליבן ווינט. איך בין אויף די קני צוגעקראָכן צו יודלען און וועק אים. ער קלערט זיך נישט אויפצוהייבן, בין איך צוגעקראָכן צו הערשלען, אויך דאָס זעלבע און איך הער שוין, אַז מען רעדט רוסיש. איך זע צוויי פּויערים גיין מיט א קליין ייִנגל פון א יאָר צען. נישט ווייט פון אונדז האָבן זיי זיך אַ קער געטאָן אין אַ זייט און אַוועק. איך גיב אַכטונג, וווּ זיי קערן זיך, אָבער דער וואַלד איז פאַרוואַקסן און איך האָב זיי פאַרלוירן פון אויג.

איך בין צוגעלאָפן צו יודלען און א פעסטן שלעפּ געטאָן. וואָס ווילט איר? עס גייען אַרום דאָ צוויי פּויערים — זאָג איך. ער האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט און א טאָרע געטאָן הערשל מאירן. זיי האָבן געכאַפּט די ביקסן און מיר האָבן געזוכט און גאָרנישט געטראָפן. מיר זענען צוריק און אויפגעוועקט אַלע. מען האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. מ׳האָט באַלד אַרויפגעלייגט אַלץ, וואָס מען האָט געבראַכט און מיר זענען אַריבער די קאַנאַווע. אויפן פערד האָט מען אַרויפגעלייגט צוויי זעק ברויט און ער איז אריין אין א טיפער בלאָטע און וואַסער. דאָס פערד איז נישט אַזוי אַ שאָד, ווי דאָס ברויט. תיכף האָבן אַלע א כאַפּ געטאָן דאָס פערד און מען האָט אים אויפגעהויבן און מ׳האָט אראָפּגענומען פון אים דאָס ברויט און אַריבערגעפירט איבער דער בלאָטע. די בהמות זענען אויך געווען שווערע, מיט גרויס מי האָט מען זיי אַריבערגעפירט.

מען איז אַוועק מיטן וואַלד. מ׳איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטערס און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זייער א גוט און טרוקן אָרט. מען האָט געמאַכט אַ גוט פייער כדי זיך אויסצוטריקענען. רופט זיך איינער אָן: מיר דאַרפן איצט מאַכן וואַרעמעס. מ׳דאַרף קוילן אַ בהמה. אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט געהייסן צוגרייטן דאָס קעסל מיט וואַסער. אַלע האָבן גענומען אָנטייל און מיך האָט מען געמאַכט פאַר אַ קוכער. איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט. איך האָב נישט געקלערט וועגן מיין קישקע זאָל זיין זאַט, איך בין דאָן געווען אַריבער פופציק יאָר און איך האָב אין מיין לעבן זייער א סך דורכגעמאַכט.

יודל האָט געקוילעט די בהמה. ער איז געווען א׳קצב; ער האָט איר ארומגע־

קוקט פון אלע זייטן און ער האָט געמאכט כשר. דעם קעסל האָט מען שוין אויפ־געהאָנגען, וואסער האָט מען אויך געבראכט. איך האָב גלייך איינגעווייקט דאָס פלייש אין אן עמער. איך האָב נאָך געוואָלט זאלצן איז געווען ווייניק זאלץ. מען האָט מיר געמאכט א גוטע לאָפּאטקע צום מישן און געבראכט אַ גוטע קוואָרט און ארויפגעזעצט דאָס אויף אַ גרויסן שטעקן. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן נעבן

בעניע טאפּצ׳יק אנטלאָפן פון האנצעוויטשער לאגער אין די וועלדער אריין (היינט אין ישראל)

דער קיך. דאָס פלייש האָט מען אויפגעהאָנגען אויף א בוים און צוגעדעקט מיט וויעטקעס. עס איז שוין איינס אזייגער. עס קאָכט זיך זייער גוט.

עס איז אַריבער אַנדערטהאַלבן שעה. איך האָב א קוק געטאָן, וואָס הערט זיך מיטן פלייש, שוין כמעט פּארטיק צום עסן. אין דער צייט האָב איך צוגע־גרייט אַ ביסל הירש, איבערגעוואשן. עס איז אַריבער נאָך אַ האַלבע שעה, פאַר־

זוכט, זייער גוט. איך בין אַוועק זען, וואָס מיינע העלדן מאַכן. מ׳שלאָפט. איך האָב אויפגעוועקט אונדזער פירער יודלען. מיר האָבן אַרויסגענומען דאָס פלייש אין צוויי עמערס און ער האָט אַלע געמאַכט פּאַרציעס, נישט צו פאַרזינדיקן. איך האָב אויפגעוועקט אַלע. מען האָט אָפּגעגעסן צו דער זעט און פאַרטריקען מיט אַ ביסל בראָנפן. איצט דאַרף מען מאַכן ערטער צום שלאָפן און פאַרן רעגן פאַרמאַכן די קיך. (דאָס האָט מען נאָך געמאַכט ביז נאַכט — פיר ווענטלעך. דער ווינט זאָל נישט אַנטרייבן קיין זאַמד אין קעסל). מיר האָבן באַשטימט מענטשן זיך צו בייטן אַלע דריי שעה איבער דער נאַכט מיט אַ ביקס און ס׳זאָל נישט זיין קיין גרויס פייער און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן.

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך גענומען צו דער קיך. מען האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך גענומען בויען בודקעס. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן בעסטן אופן קעגן רעגנס.

עס זענען אַריבער פינף אָדער זעקס טעג, האָבן יענע פּאַהאַסטער פּאַרטיע געשיקט צו אונדז אַ דעלעגאַציע פון דריי מענטשן, אַז מיר זאָלן אַריבערגיין צו זיי צוזאַמענלעבן. זיי האָבן ווייזט אויס, געהערט אין דעם דאָרף, אַז מיר האָבן זאַפּאַסן עסן. מיר האָבן אויך אַהין געשיקט דריי מענטשן, כדי מען זאָל זיך אַדורכרעדן. עס זענען אַוועק: יודל אַשעראָווסקי, הירשל מאיר איסערס און אַ פינסקער בחור קאַליזנער (ער איז דאָ אין ישראל).

זיי זענען אַוועק אינדערפרי און זיי זענען זענען געקומען שוין נאָכן האַלבן טאָג. מען האָט דאָרטן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אַריבער צו זיי און מען וועט מאַכן אַ באַטאַליאָן אויפן נאָמען קאַהאַנאָוויטש. מיר זענען נאָך פאַרבליבן דאָ נעכטיקן. איך האָב נאָך אינדערפרי געקאָכט עסן. מיר האָבן אָפּגעגעסן און מיר זענען אַוועק. עס איז נאָך געווען אַ ביסל פלייש פון דער ערשטער בהמה, וואָס מ׳האָט נאָך געקאָנט נוצן. מיר זענען אַהין געקומען און מען האָט אונדז אויפגענומען אַזוי ווי גוטע געסט. אַזוי איז עס, אַ רייכן פעטער האָט מען ליב.

מיר האָבן זיי איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געבראַכט, נאָר דאָס קריגעלע פוטער האָב איך נישט געגעבן. איך האָב נאָך געוואָלט מאַכן דערפון אָונט־ברויט. ביי זיי איז אויך געווען אַן עלטערער ייד, נאָך עלטער פון מיר איז ער אויך געווען ביי זיי אַ קוכער און ער איז פאַרבליבן אויף ווייטער ביים פאַך.

אויפצומאַרגנס פרי האָבן מיר זיך אַלע צוזאַמענגענומען און מען האָט אויסגע־קליבן אַ קאָמאַנדיר, אַ געהילף, אַ קאָמיסאַר, אַ באַטשאַלניק, אַן אויסשפּירער און אַ פּאָר אונטער־קאָמאַנדירן. דער קאָמאַנדיר איז געוואָרן אַ פּאַהאַסטער יונגערמאַן, געווען מיט אַ פרוי און מיט אַ קינד פון צוויי יאָר. ער האָט געהייסן דוד באָבראָוו. ער איז געווען זייער אַן איידעלער. ער האָט אין פּוילן געענדיקט גימנאַזיע (זיין פאַך איז געווען אַ בראַקער אין וואַלד). מיט אים איז נאָך געווען זיין פאָטער פון אַ יאָר זיבעציק. ער האָט זיך זייער גוט געהאַלטן אין וואַלד. וווּ ער איז היינט, ווייס איך נישט, נאָר פון וואַלד איז ער אַרויס אַ לעבעדיקער. ער האָט נאָך געהאַט צוויי ברידער, יינגערע פון זיך, לייבל און אַברהם, אויך לייטישע בחורים, זיי זענען דאַכט זיך, אין אַמעריקע.

דער געהילף פון קאָמאַנדיר אויך פון פּאַהאַסט. דער קאָמיסאַר איז געווען אַ פּליט פון פּוילן. ער האָט געלעבט אין באַראַנאַוויטש מיט אַ פרוי און קינד. דער באַטשאַלניק־אויסשפּירער. ער איז געווען פון אונדזער שטעטל לענין, הירשל מאיר איסערס. ער איז דאַן געווען ביי צוואַנציק יאָר אַלט, זייער אַ געראַטענער און אַ פאַרשטענדיקער. ענדע מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין מינסק און האָט געאַרבעט און זיך געלערנט. ער האָט געענדיקט אַלס יוריסט און דאָ אין ישראל אַרבעט ער אויך אַלס יוריסט.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. עסן איז דאָ גענוג. ביים באַטאַליאָן פּלעגן שטיין צוויי פּאָסטנס. עס איז געשטאַנען אַ פּאַהאַסטער יינגל פון אַ יאָר אַכצן, זייער אַ לייטישער בחור. עס איז געווען נישט ווייט פון וועג, איז אָנגעפאַרן פּאָליציי, אַז ער האָט זיי דערזען, האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן, האָט מען געעפנט אויף אים אַ פייער און ער איז דאָרטן פאַרבליבן טויט. דער קאָמיסאַר אונדזערער איז אין דער זעלבער צייט אויך אַרויס צו דעם וועג. אַז ער האָט דערהערט, אַז מען שיסט האָט ער אויך געמאַכט פּליטה. האָט מען אויך אויף אים געעפנט אַ פייער. האָט מען אים פאַרוווּנדעט אין די פיס. ער איז אַנידערגעפאַלן אָבער ער איז פּאַמעלעך צוגעקראָכן צו אונדז. באַלד איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אונדזער קאָמאַנדיר מיטן אויסשפּירער האָבן גענומען זייערע ביקסן און זענען אַוועק זען, וווּ דער בחור איז. זיי האָבן אים געפונען אַ טויטן. מען האָט גענומען אַ פּאָר לאָפּאַטעס און מ׳האָט אים דאָרטן קובר געווען, מען האָט

געמאכט א טראָג־בעטל פארן קאָמיסאר. ער האָט נישט געקאָנט גיין און מיר האָבן גענומען דעם וועג פון דאָרטן.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען ביי א פינף קילאָמעטער און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונדזער קאָמאַנדיר האָט דאָרטן געקאָנט אַלע וועלדער. ער פלעגט דאָרטן ארבעטן. באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן בויען ביידלעך און די קיך. איך פון גרויס טומל האָב פארגעסן מיין קריגעלע פוטער. אָבער ווער וועט זיך דען אומקערן, ביז איצט האָב איך געלעבט אָן פוטער, וועט זיין גוט ווייטער. פאַרנאַכט זענען אַוועק אַלע אונדזערע נאטשאלניקעס באטראכטן, ווו מען דארף שטעלן פּאָסטנס. פון איין זייט איז געווען א טרוקענער אריינגאנג און אומעטום זענען געווען גרויסע בלאָטעס און וואַסער. פאר אונדז איז דאָס נישט געווען שלעכט, עס פלעגט אַפילו טרעפן ערטער מיט וואסער ביז צום גארטל.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר זיך בעסער איינגעאָרדנט. אויפן צווייטן טאָג האָט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר געשיקט א גרופּע נאָך פּראָדוקטן און ער האָט געזאָגט, אז אויב עס וועט זיך מאכן א בהמה מיט מילך זאָל מען זי ברענגען, עס זאָל זיין פאַר די קליינע קינדער א ביסל מילך. זיי זענען אַוועק. דער עלטערער פון זיי איז געווען יודל אָשעראָווסקי, מיט אים זענען נאָך געווען אַ פופצן מענטשן. זיי זענען אַוועק פארנאכט און ביז טאָג זענען זיי געקומען און טאקע געבראכט א בהמה מיט מילך. אויך ברויט מיט אַלערליי פּראָדוקטן, דער עיקר איז געווען זייער שווער מיט זאלץ, אָבער זיי האָבן געבראכט. זיי האָבן אויך געבראכט א וועק־זייגער און מען האָט אים אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים און אַלע זאָלן וויסן די צייט. אַלע זענען כמעט געשלאָפן, צייט איז דאָ גענוג. דער קוכער האָט שוין געקאָכט דאָס וואַרעמעס. איך בין צו צום קוכער, מיר רעדן און מיר הערן א שיסעריי נישט ווייט. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו מיין ביידל. מיין זון געצל שלאָפט גע־שמאַק. איך האָב אים א שלעפּ געטאָן, שטיי אויף, מען שיסט. איך לויף ארויס. מ׳לויפט. דער קאָמאַנדיר לויפט אין די אונטערשטע וועש. אין איין האַנט די ביקס אין דער צווייטער האלט ער זיינע זאכן און זיין פרוי שיינדל לויפט מיטן קינד. ער לויפט אָפּ א ביסל און שטעלט זיך אָפּ. מיר לויפן ווייטער. מיר זענען אָפּגעלאָפן א פּאָר קילאָמעטערס. עס איז געוואָרן שטילער דאן. מען הערט ווידער א שאָס, אָבער זייער ווייט. עס זענען געבליבן אויף דער פּאָסט צוויי מענטשן. דער קאָ־

מאנדירס ברודער און א פאהאסטער יינגל פון א יאָר פופצן, וואָס האָט געהאַט אָפּגעפּרווירענע פינגער פון די פיס. ער האָט נישט געקאָנט לויפן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָמאנדיר האָט געזאָגט צו הערשל מאַריז, אז מען דאַרף מאַכן אַן אויסשפּיר, וואָס עס הערט זיך דאָרטן, צי עס לעבן די צוויי מענטשן.

עס איז אַוועק הערשל מאיר מיט נאָך צוויי. עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט, ערשט זיי גייען מיט אברהמען מיט דעם, וואָס איז געשטאַנען דאָרטן אויף דער וואַך. ווען ער האָט געזען גיין, האָט ער געוואָלט אנטלויפן צו אונדז אָבער זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף אים. ער איז געפאַלן אינעם גראָז און צום גליק איז דאָס גראָז געווען גרויס און ער איז געבליבן ליגן. ער האָט זיי גוט געזען און אַפילו זיי איבערגעציילט, אַז עס זענען געווען דרייסיק דייטשן. יענער מיט די געפּרווירענע פיס איז אויך געבליבן לעבן. מ׳האָט אַראָפּגעלייגט דעם קאָמיסאַר פון דעם טראָג־בעטל און מען איז אַוועק ברענגען דעם יאַט.

וואָס האָט אָנגעמאַכט די שרעק? די בהמה מיט דער מילך. דער פויער איז אַוועק צו די דייטשן און דערציילט, אַז מען האָט אים צוגענומען די לעצטע בהמה און ער ווייסט, ווו זי איז. אַ פויער איז ווי א הונט. ער איז געגאַנגען מיטן צייכן פון די פיס, ביז ער האָט זיי געבראַכט צו דער בהמה. זי איז געשטאַנען א צוגעבונ־דענע צו א בוים. אויפן בוים איז געווען דער זייגער, האָט מען אים נישט באַ־מערקט, אינעם קעסל האָט זיך געקאָכט וואַרעמעס, האָבן זיי אויך נישט געטשע־פּעט, ברויט איז געלעגן אויך נישט גערירט, מער נישט ווי צוגענומען די בהמה און זענען אַוועק. מיר האָבן דאָס עסן אויסגעגאָסן, מיר האָבן מורא געהאַט, אפשר האָבן זיי עס געסמט און מיר זענען אַוועק.

פאַרנאַכט זענען מיר צוגעקומען צו די פינסקער בלאָטעס. אויפצומאַרגנס ווידער געמאַכט ביידלעך. מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס מען הערט אויפן פראָנט. מיר ווילן עפּעס טאָן, נישט סתם זיצן און עסן. מען האָט באַשטימט צוואַנציק מענטשן, מ׳זאָל גיין צו דער באַן־ליניע שניידן סטאָלבעס. א פּאָר זעגן זענען געווען און פיר מענטשן מיט ביקסן. די באַן־ליניע איז געווען נישט ווייט. מיין זון איז אויך געווען צווישן זיי. זיי האָבן זיך געטראָפן מיט נאָך פּאַרטיזאַנער, וואָס יענע זענען אויך געגאַנגען צו דער באַן־ליניע מיט דינאַמיט און מיט מינעס.

ס׳איז שוין שפּעט, ס׳בלאָזט אַ ווינט. איך הער אַ שיסעריי. מיר האָבן געוווּסט, אַז

דאָס שיסט מען נעבן דער באַן־ליניע. מיין האַרץ טוט מיר וויי. אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן און מיר נעמט נישט קיין שלאָף. איך זע. עס איז 1 אַזייגער. איך בין סוף סוף אנטשלאָפן געוואָרן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, עס הויבט אָן ווערן ליכטיק. איך בין ארויס צום זייגער. עס איז שוין פיר. איך גיב אַ קוק. זיי גייען. אַלע אדאנק גאָט. מיין זון לאַכט. וואָס הערט זיך? גוט. מיר האָבן אָפּגעשניטן אכצן סטאָלבעס. עס איז געוואָרן פריילעך אין באַטאַליאָן. דער קאָמאַנדיר איז אויך זייער צופרידן. דער זון האָט מיר דערציילט, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן מיט נאָך גרופּעס, האָט מען זיי געפרעגט, פון א וואָסער באַטאַליאָן זענט איר, האָבן זיי געזאָגט „קאַגאַנאָוויטש". זיי האָבן דאָרטן געהערט, אז היטלער האָט באַקומען א קלאַפּ נעבן סטאַלינגראַד און מאָסקווע.

אונדזער קאָמיסאַר, וואָס איז געווען פּאַרוואונדעט איז שוין געזונט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיטן קאָמאַנדיר. דער פלעגט זאָגן טאָג און דער צווייטער נאַכט. עס איז געוואָרן זייער נישט גוט. דער קאָמאַנדיר האָט געשיקט אין הויפּט־שטאַב צו קאָמאַראָוון פינף אָדער זעקס מענטשן און געבעטן, אז ער זאָל געבן עפּעס געווער. מסתמא האָט יענער עפּעס אָנגעשריבן אויפן קאָמיסאַר. אונ־דזער לעבינער יודקע ציקליק און וועלוול זאַווין זענען אַוועק. זיי האָבן זיך גע־זוימט א טאָג זיבן אָדער אכט און געקומען צוריק מיט גאָרנישט. ער האָט צוגע־זאָגט, אז מען וועט שיקן פון מאָסקווע, וועט ער געבן. עס זענען אַדורכגעגאַנגען נאָך עטלעכע טעג, זענען געקומען פון שטאַב צוויי מענטשן און אריין צו אונדזער קאָמאַנדיר, געזעסן ביי אים א פּאָר שעה. מען האָט זיי געגעבן עסן. זיי האָבן גע־הייסן אריינרופן דעם קאָמיסאַר, זענען ווידער א ביסל געזעסן און זיי האָבן געזאָגט צום קאָמיסאַר: קום מיט אונדז א ביסל און זיי זענען אַוועק. מען האָט אים אָפּגע־פירט א פּאָר קילאָמעטער און האָבן אים דאָרט געשאָסן און די צוויי האָבן זיך נישט אומגעקערט צוריק. זיין פרוי האָט געוואַרט ביז נאַכט און זי וואַרט נאָך ביז איצט, וואָס איז געווען די סיבה ווייסט קיינער נישט.

אין א פּאָר וואָכן ארום, האָט זיך צו אונדז באַוויזן אַ יונגער מענטש פון א יאָר 35, אַ הויכער און א געזונטער. ער איז אריין אין באַטאַליאָן און פרעגט, ווו איז דער שטאַב. מ'האָט אים געוויזן. עס האָט געדויערט א פּאָר שעה איז ארויס אונדזער קאָמאַנדיר און געמאָלדן, אז דעם מענטש האָט מען געשיקט אלס א קאָמאַנדיר פון

הויפּט־שטאַב פון קאָמאַראָווען. מיר אַלע האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן אונדזער קאָ־מאַנדיר. נאָר צומאָרגנס האָט מען אַלע צוזאַמענגערופן און אונדזער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אַז דער מענטש האָט די ריכטיקע דאָקומענטן. ער שטאַמט פון סאַרבע. דוד, דער געוועזענער קאָמאַנדיר וועט זיין נאַטשאַלניק־אויסשפּירער און מען האָט געאַרבעט אַלע ווי פריער.

עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט, ווערט קראַנק דוד באַבראָוו, דער געוועזענער קאָמאַנדיר אויף אַ טיפוס. אַ סך זענען געלעגן אויף די דאָזיקע קרענק. עס איז געווען אַ דאָקטאָרין, אַ קריסטין און אַלס געהילף, אַלס קראַנקן־שוועסטער האָט געאַרבעט דעם קאָמיסאַרס פרוי און אַ פּאָר יידישע מיידלעך.

אַדורך צען טעג, די היץ איז שוין געהאַט געפאַלן. עס איז אים שוין געווען בעסער. פּלוצים, עס ווערט אַ טומל, דוד איז געשטאָרבן. דער פיין פון זיין פרוי און פון זיין אַלטן פאָטער און זיינע צוויי ברידער איז זיך נישט פאָרצושטעלן. דערנאָך איז קראַנק געוואָרן יודקע ציקליק, אויך אויף דער קרענק. ער איז שוין געלעגן פינף־זעקס טעג אין גרויסער היץ. איך בין דאַן געווען דיזשורנע אין לאַגער. בין איך ארומגעגאַנגען ביז שפּעט ביינאַכט. דאַן בין איך אַריין זען, וואָס ער מאַכט. עס זענען דאָרט געלעגן זעקס אָדער זיבן מענטשן, אַלע קראַנק. עס האָט געברענט ביי זיי אַן אייוועלע. ווי איך בין אַריין, האָט ער מיר גלייך דער־קענט. וואָס הערט זיך, ר' מרדכי? מיר וועלן אַמאָל איבערקומען? איר ווייסט, די ליידאַקעס ווילן ביי מיר צונעמען די ביקס. פרעג איך אים, ווער איז דאָס? זאָגט ער: דער שיינער קאָמאַנדיר, זאָל ער נאָר אַריינקומען, שיס איך אים גלייך. איך זע, אַז ער רעדט פון היץ, בין איך אַרויס. איך האָב אויפגעוועקט דעם, וואָס דאַרף מיך בייטן און בין אַריין אין מיין בודקע.

איך האָב נישט באַוויזן זיך צו לייגן, הער איך ווי מען שרייט: פּאָזשאַר! (אַ שריפה!) איך בין אַרויס, עס איז ליכטיק דער גאַנצער וואַלד. איך גיב זיך אַ קער, עס ברענט דאָסביידל פון די קראַנקע. מ'האָט אַלע שנעל אַרויסגעכאַפּט און זיי זענען באַקעט, נאָר אין די וועש. צוויי האָבן געכאַפּט יודקען אונטער די הענט און מ'וויל אים אַרויסטראָגן אָבער די ביקס לאָזט ער נישט אַרויס פון די הענט. קאָן מען אים נישט נעמען, איז וואָס מיינט איר? ער איז געגאַנגען באָרוועס אין אַ צווייטן ביידל. איין ביידל איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, דעם צווייטן האָט מען

אָפּגעראַטעוועט (יודקע איז היינט דאָ אין ישראל). ער איז געלאָפן א באַקעטער און א באַרוועסער און עס איז אים באַשערט געווען צו בלייבן לעבן.

אונדזער נייער קאָמאַנדיר, זיין נאָמען איז סאַרנע, ער איז געווען אַ שלעכ־טער טיפּ. ער האָט נאָר געהאלטן פון זיך. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט.

דער מחבר מיט עובדיה סלוצקי, פרוי און זון
(זייער גאַנצע משפחה איז אומגעקומען אין לענינער געטאָ)

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך מער פון אים געוווּסט, נאָר ער האָט קיינעם נישט געהערט. ער האָט אַלעמען אָפּגעוואָרפן.

איינמאָל איז געשטאַנען אויף דער פּאָסט אַן אייניקל פון אלטער פון יאַשקאָ־וויטש, אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן מיט א גראַנאַט. האָט ער דערזען פון ווייטן גייען צוויי מענטשן. די בלאָטע איז געווען שטאַרק פארוואַקסן מיט גרויסע גראָזן און קוסטעס און ביימלעך. זעט ער, ווי די צוויי גנבענען זיך צו אים. ער האָט זיי צוגע־לאָזן שוין נישט ווייט און פרעגט זיי אַ דערלויבעניש, זיי גייען ווייטער. ער האָט געוואָרפן אויף זיי דעם גראַנאַט, אָבער עס איז געווען א זומפּ, האָט ער זיך נישט

אויפגעריסן. דאָס זענען געווען פּאַרטיזאַנער. נישט ווייט פון אונדז. זיי זענען אריין צו אונדזער שייַנעם קאָמאַנדיר און אים דאָס דערציילט, אַז מען האָט אויף זיי געוואָרפן א גראַנאַט, אָבער זיי האָבן אים נישט געענטפערט וועגן אַ דערלויבעניש. דאָס האָבן זיי נישט דערציילט און דאָס, וואָס זיי האָבן זיך צוגעגנבעט צו אים, דאָס האָבן זיי אויך נישט געזאָגט. גלייך איז ארויס דער קאָמאַנדיר און נישט געפרעגט דאָס ייִנגל גאָרנישט. האָט ער אָנגעהויבן אים פּלוצלונג שלאָגן איבערן קאָפּ, ביז ער איז געפאַלן. דאָס ייִנגל איז געבליבן ליגן אַ האַלב טויטער. מען האָט אים אויף די הענט אַריינגעפירט אין דער בודקע. ער האָט נאָך אָנגעזאָגט, אַז דריי טעג זאָל מען אים נישט געבן עסן.

ווען עס האָט נאָך געלעבט דער קאָמאַנדיר באָבראָוו, איז אַמאָל געשטאַנען אויף דער פּאָסט יודקע ציקליק, נעבן אַ גרויסער בלאָטע, פאַרגאָסן מיט וואַסער. אויף דער צווייטער זייט פון דער בלאָטע איז געווען א סאָסנע־וואַלד. האָט ער דערזען, אַז אין יענעם וואַלד לויפן ארום דייטשן און זיי שרייען: איילט! האָט ער זיך דערשראָקן און געלאָפן זאָגן אין שטאַב. איך בין געשטאַנען אינדרויסן, איך זע יודקע לויפט אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער. וואָס איז יודקע? נישט גוט, אויף יענער זייט אין וואַלד זענען דאָ דייטשן, זיי האָבן עמעצן געיאָגט. ער איז אַוועקגעלאָפן צום קאָמאַנדיר און איך בין צוגעלאָפן, וו ער איז געשטאַנען, איך האָב זיך גוט צוגעקוקט, איך זע גאָרנישט. ער איז געקומען באַלד מיטן קאָמאַנדיר. דער פרעגט מיך, צי איך האָב עפּעס געזען. איך זאָג, אַז איך האָב גאָרנישט געזען, אָבער יודקע שווערט זיך, אַז דאָס זענען געווען דייטשן. דער קאָמאַנדיר האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן שוין זיין גרייט. עס איז אריבער צען מינוט און אַלע זענען גרייט חוץ די גרופּע, וואָס איז אַוועק נאָך עסן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. עס איז געווען פרילינג־צייט, נאָך צו ביסלעך אייז, אָבער מען מוז גיין. מיר זענען אריין אין וואַסער ביז די קני און דערנאָך ביזן גאַרטל, עס האָט געשניטן ביים האַרץ פון קעלט, אָבער מען איז אריבער. פון דער צווייטער זייט אַ געדיכטער וואַלד, דאָס וואַסער רינט פון יעדן, צו ווייַנען און צו לאַכן קוקנדיק איינער אויפן צווייטן. עס איז צווישן אונדז אויך געווען אַ פרוי מיט אַ מיידעלע פון פיר יאָר, האָט זי די מוטער געטראָגן אויף דער פּלייצע, אָבער אַז זי איז אריין טיף אין וואַסער האָט די קליינע פאַרנעצט די פיסלעך. זי האָט אָנגעהויבן

ווינען, אז עס איז איר קאַלט. די מוטער האָט איר געזאָגט, אז נישט ווייט זענען די דייטשן, איז זי אנטשוויגן געוואָרן אויס מורא.

דערווייל איז דער קאָמאַנדיר מיט נאָך עטלעכע, וואָס האָבן געהאַט ביקסן פאַרבליבן דאָרטן און זיי האָבן זיך דערוואַרט אויף די דייטשן. ווער זענען געווען די דייטשן? אונדזערע יינגלעך. זיי זענען געגאַנגען אהיים און זיי האָבן געפירט עטלעכע שטיקלעך רינדער, האָט זיך א בהמה ארויסגעריסן און אנטלאָפן, זענען זיי געלאָפן נאָך איר און געשריגן: האַלט און ביי יודקען איז ארויסגעקומען „איילט״. יודקע איז נישט שולדיק געווען, פון דער ווייטן האָט ער נישט גוט געהערט. מען האָט אונדז באַלד צוויסן געגעבן, אַז דאָס זענען אונדזערע יינגלעך. עס איז געוואָרן א גרויסע שמחה, אָבער מען דאַרף שוין ווידער גיין אין וואַסער. מיר זענען אריבער. באַלד האָט מען געמאַכט אַ גרויס פייער און מען איז געקומען צו זיך. דער קאָמאַנדיר האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אז טאָמער וועט עמעצער ערגעץ גיין, זאָל מען רעדן רוסיש, נישט יידיש, ווייל יידיש איז ענלעך צו דייטש.

דער בייער קאָמאַנדיר האָט געשיקט א גרופּע צו דער באַן־ליניע שניידן סטאָלבעס. זיי זענען אַוועק און עס האָט זיך זיי גוט איינגעגעבן און זיי האָבן איבערגעשניטן מער ווי צוואַנציק סטאָלבעס. זיי זענען געקומען זייער צופרידענע און אפילו, ווער עס איז נישט געגאַנגען איז אויך געווען צופרידן. דער קאָמאַנדיר האָט געשטאַנצט פאַר פרייד. מען האָט עפּעס אויפגעטאָן. זאָל מען נישט זאָגן, אז 106 יידן זיצן סתם, מ׳עסט און מ׳שלאָפט און מער גאָרנישט און דאָס איז געווען אַ גרויסע זאַך אָפּגעטאָן. ביז די מערדער וועלן דאָס צוריק אויפשטעלן איז דערווייל איבערגעריסן דער טעלעפאָן און אז עס איז נישטאָ קיין טעלעפאָן, קאָן מען נישט לאָזן קיין באַנען. אַז די גרופּע איז צוריקגעקומען האָבן זיי געהערט אין וועג, אז נישט ווייט פון לוליניעץ אין וואַלד לעבט אַ ייד מיט צוויי פרויען. זיי האָבן דאָס דערציילט דעם קאָמאַנדיר, האָט ער געהייסן זיי אויפזוכן און ברענגען. ער האָט באַשטימט פיר מענטשן און זיי זענען אַוועק. צווישן זיי אויך יודקע ציקליק. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג. מיר זעען, אז מען פירט די געסט. עס איז געווען זומער, נאָר ס׳איז געגאַנגען א גרויסער רעגן, זענען זיי געקומען נאַסע און הוילע.

דער ייד איז געווען פאַרוואַקסן, זיי זענען געווען אין וואַלד אַן אַנדערטהאַלבן יאָר, זיי זענען געווען פון דאָרף וואָלקע, נישט ווייט פון לוליניעץ. דאָס איז געווען

א פאַרפאַלק מיט זייערער א פלימעניצע, א מיידל פון א יאָר 22. דער ייד הייסט אברהם גולמאַן, זיין פרוי רבקה און די פלימעניצע רישע. (זיי זענען דאָ אין ישראל). זיי האָבן געהאַט פיר קינדער, וועלכע זענען פארבליבן אין געטאָ לודזש, דאָרט האָט מען זיי געהרגעט.

איך בין אָנגעקומען צו דעם גורל אין קיך און געזען אז עס ליגט א זאַק מיט עפעס, מיט ברויט און זיי האָבן זיך גענומען איבערבייסן. זיי האָבן עס גאַנץ שנעל אָפגערוימט. זיי האָבן מיר נאָכדעם דערציילט, ווער זיי זענען. ביי דעם אברהמען איז געווען אן עלטערער ברודער משה, איז ער געווען אן איידעם פון (לאטישקעס). די טאָכטער האָט געהייסן יענטל. זיי זענען אומגעקומען, נאָר איין טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט, זי הייסט כאשע. זי מיט איר מאַן שלמה און צוויי קינדער זענען היינט אין ישראל. ער איז א פייַנער יונגערמאַן, ענדע מלחמה פלעגט ער ביי אונדז דאַוונען אלע יום־טובים, זיין פרוי כאשע אויך א געראָטענע. זי איז א בוכהאַלטערין.

איך האָב זיך נאָך עפעס דערמאָנט, וואָס איך האָב געדאַרפט וועגן דעם א סך פריער שרייבן, (איין חסרון איז ביי מיר, וואָס איך געדענק נישט, וואָס עס האָט זיך פאַסירט פריער און וואָס שפעטער און די דאַטעס זענען מעגלעך נישט קיין פּינקטלעכע). עס איז אַוועק אַ גרופּע פּאַהאַסטער יונגע־לייט כדי צו ברענגען שפייז, זענען זיי געגאַנגען אין זייער געגנט, נישט ווייט פון פּאַהאָסט, איבער די כוטאָרס. זיי זענען צוגעקומען צו א כוטאָר, זענען זיי אַריין אין א שטוב, מסתמא האָבן זיי דאָרט איבערגעביסן. דער בעל־הבית פון כוטאָר איז געווען נאָך א יונגער מענטש. ער האָט זיי געגעבן עפעס מיט אויך. זיי זענען ארויס פון שטוב, שטייען זיי נעבן א קאַמער און רעדן, הערן זיי מיטאַמאָל א קול: שמואליק, עפן אַויף דעם שטאַל! ווער איז דאָרטן? ענטפערט מען פון שטאַל: רבקה פון פּאָהאַסט, די און די. זיי זענען צוריק אריין אין שטוב און פרעגן דעם פויער: ווער איז ביי דיר? קיינער נישט, — קום עפן אָדער גיב דעם שליסל. ער האָט נישט געגעבן דעם שליסל, אָבער זיי זענען געווען מיט א פּאָר ביקסן, האָבן זיי פּאַר אים נישט קיין מורא. ער האָט נישט געהאַט קיין אנדער ברירה, איז אוועק און געעפנט דעם שטאַל. רבקה איז ארויס מיט נאָך צוויי מיידלעך, איינע האָט געהייסן פייגל

לוצקא פון פאָהאסט און די צווייטע האָט געהייסן יהודית ציפּערשטיין (חפץ), זיי ביידע זענען היינט אין אמעריקע. פון וואנען נעמען זיי זיך די צוויי פּרויען, וועט איר באַלד הערן:

בעת מען האָט אויסגעהרגעט די פאהאסטער יידן, זענען די צוויי פרויען אויך געווען דאָרטן. מען האָט אלע דערהרגעט און אלע זענען שוין אין א גרויסן גרוב און עס איז שוין געוואָרן פינצטער, איז געבליבן ביי די מערדער, אַז פאַרשיטן דעם גרוב וועלן זיי מאָרגן, די טויטע וועלן שוין נישט אנטלויפן. זיי זענען אַוועק. אָט



רבקה יוסילבסקה, וועלכע האָט זיך ארויסבאקומען פון צווישן די דערשאָסענע פון גרוב (היינט אין ישראל מיט איר משפחה)

די רבקה האָט געהאט א מיידעלע פון א יאָר פינף. רבקה האָט דערפילט, אז זי לעבט, אָבער א סך מענטשן ליגן אויף איר, זי פּרובירט ארויס פון גרוב, עס גייט זייער שווער, אָבער צו ביסלעך איז זי ארויסגעקראָכן און די צווייטע אויך דאָס זעלבע, אָבער זיי זענען נאַקעט. די זאכן פון אלע געהרגעטע זענען געלעגן נישט ווייט פון גרוב, זענען זיי צוגעלאָפן און געכאפט אויף זיך עפּעס אָנצוטאָן. זיי האָבן גענומען לויפן און זענען געקומען צו דעם פויער. פארוואָס ער האָט זיי נישט געוואָלט ארויסגעבן ווייס איך נישט. די רבקה איז געווען פארוואונדעט אין קאָפּ און אויך די צווייטע. פון דער טאָכטער ווייסט רבקה גאָרנישט. ענדע מלחמה

האָט די רבקה געלעבט אין פינסק זי האָט געהייראַט און געקומען צו פאָרן נאָך ישראל. פון וואַנען האָב איך זיך דערוווּסט פון איר? איך בין געווען ביי מיין שוועסטער חנהן, איז געקומען צו רייד וועגן וואַלד און וועגן דער רבקה, איז געזעסן מיין שוועסטערס זון אברהם איציק זאָגט ער: פעטער, איך קען זי, זי וווינט מיט מיר אין איין קאָרידאָר. צומאָרגנס האָב איך זי געטראָפן ביי מיין פּלי־מעניק. איך האָב זי גלייך דערקענט און זי מיך אויך. (אָט די רבקה יוסילבסקה איז געשטאַנען פאַר אַן עדות ביי אייכמאַנס פּראָצעס).

עס איז געווען א באַפעל צו אלע באַטאַליאָנען, אז מען זאָל שיקן צו עטלעכע מענטשן אויף יעדער זייט דייטשן פראָנט צו אונדזערע נאָך געווער. דער פראָנט איז שוין געווען אויף דער זייט גאָמעל, האָט מען פון אונדזער באַטאַליאָן באַשטימט דריי מענטשן: יודלען אַשעראָווסקי, וועלוול זאַווין און קאַלישנער, א פּינסקער בחור. אַלע דריי זענען געווען קצבים. עס האָט זיך צונויפגעקליבן פון אלע באַ־טאַליאָנען ביז הונדערט און פופציק מענטשן.

מ׳האָט זיי באַשטימט אַן עלטערן און זיי זענען אַוועק. דאָס איז נישט געווען צום ערשטן מאָל, וואָס זיי זענען געגאַנגען און געקומען צוריק, דאָס מאָל האָט זיך נישט איינגעגעבן, זיי האָבן נישט געקענט אריבערגיין דעם פראָנט. מיר האָבן שוין געהערט, אז זיי גייען צוריק. פון אונדזערע דריי יידן איז נאָר צוריקגעקומען איינער, קאַלישנער. ווו איז יודל מיט וועלוועלען? ער שווייגט. צוביסלעך האָט ער אָנגעהויבן דערציילן.

ווען זיי זענען געקומען נישט ווייט פון די באַטאַליאָנען, זענען זיי זיך פאַר־באַנדערגעגאַנגען, ווייל נישט אלע באַטאַליאָנען זענען געשטאַנען אויף די זעלבע ערטער. זיי זענען שוין געווען אַ פינף אָדער זעקס קילאָמעטער פון אונדז, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אויף אַ כוטאָר און געבעטן עסן. האָבן זיי דערהערט, אַז אין שטאַל שטייט א קעלבל איז מען אריין אין שטאַל און צוגענומען דאָס קעלבל און זיי זענען אַוועק אויף א צווייטן כוטאָר. דאָרטן האָבן זיי עס געקוילעט און מען האָט געקאָכט און זיך גוט אָנגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן. יענער פּויער, דער אייגנטימער פון דעם קעלבל האָט זיי נאָכגעקוקט, ווו זיי גייען און מסתמא איז געווען נישט ווייט א דאָרף מיט דייטשן, האָט ער זיי איבערגעגעבן וועגן דעם אַלעם און גאַנץ פרי האָט מען זיי באַלאַגערט. זיי זענען ארויס דורך א פענצטער און

אנטלאָפֿן, יודל מיט װעלװלען אין איין זייט און דער קאַלישנער אין אַ צװייטער זייט. אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפֿן און יענע האָט מען געשאָסן און זיי זענען דאָרטן פֿאַרבליבן אין די בלאָטעס. זיי זענען געװען קלוגע און גראָטעסקע מענטשן. עס זענען געװען ערגערע צייטן, װאָס מ׳האָט צו עטלעכע טעג געהונגערט, אָבער מען האָט געהיטן דאָס לעבן, און זיי האָבן זיך באַנאַרישט און דערפֿאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

דער זומער גייט שוין אַוועק. מיר האָבן זיך דערװוּסט, אַז מאָרגן איז ערבֿ ראש־השנה. ביים קוכער איז געװען אַ סידור האָבן מיר זיך דערדעדט אין דרייען, איך, דער קוכער שלום און נאָך אַ ייִד, אַ פּאָהאָסטער, ער האָט געהייסן דאַדע. מיר זענען פֿאַרנאַכט אַוועקגעגאַנגען פֿאַרן באַטאַליאָן און מיר האָבן געדאַוונט „מנחה״ און „מעריבֿ״. אויפֿצומאָרגנס פֿרי, װען ער האָט צוגעגרייט די קיך זענען מיר אַוועק אין אַ זייט אין װאַלד און מיר האָבן אַלע דריי פֿון דעם סידור געשמאַק געדאַוונט און געװיינט. יענע צוויי זענען נישט געװען אַזוי געליטענע, װי איך. דאַדע איז געװען מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע און שלום האָט געהאַט פֿינף פּלימע־ניקעס נעבן זיך. איך האָב באַטראַכט מיין לאַגע פֿון דער צייט, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן גיסן אונדזער בלוט, איז שוין דאָס דריטע יאָר און װער װייסט, װען װעט קומען די גוטע שעה, אַז מען זאָל פּטור װערן פֿון דעם שרעקלעכן לעבן.

עס זענען אַריבער צען טעג. ערבֿ יום־כּיפּור. מיר האָבן פֿאַרפֿאַסט, קיין מחזור צו די תּפֿילות האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר געדאַוונט „מעריבֿ״ און מיר זענען געגאַנגען שלאָפֿן. צומאָרגנס האָט דער אַלטער שלום נישט געװאָלט קאָכן, אָבער צוליב דער רוסישער דאָקטאָרין האָט מען געמוזט הייצן, האָבן זיינע פּלי־מעניקעס אַלץ פֿאַר אים געמאַכט. מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געפֿאַסט און מיר האָבן זיך געװוּנטשן, אַז איבעראַיאָר זאָלן מיר זיין פֿריי, װי אַלע נאָרמאַלע מענטשן און נישט, װי מיר לעבן דאָ אין װאַלד, װי די חיות.

דער װינטער קומט אָן

עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט, נאָך סוכּות. עס איז געװאָרן שטאַרק קאַלט מיט גרויסע װינטן און שנייען. דאָס איז געװען פֿאַר אונדז זייער שלעכט דער

ווינטער. זומער פלעגט מען זיך קענען איינאָרדענען בעסער און מיר זענען געווען מער פארזיכערט מיטן לעבן און ווינטער קענען די מערדער אונדז נעמען פון אלע זייטן. אָבער מיר זענען שוין געווינט צו די צרות.

אין א שיינעם טאָג זענען געקומען אונדזערע אויסשפירער און געמאָלדן, אז דער באטשאלניק־אויסשפירער איז געשטאָרבן. אויף זיין אָרט איז ווידער הערשל מאיר איסערס. זיי האָבן געבראכט א גוטע בשורה, אַז די דייטשן גייען אויף דער

ג.

נחמה־שרה איסערס ז"ל מיט אירע קינדער אומגעקומען אין לענינער געטאָ

געגנט מאכן אן אָבלאווע. באלד איז ארויס א באַפעל, אַז מען זאָל זיין גרייט און מיין זון געצל איז נישטאָ. ער שטייט ערגעץ אויף א פאָסטן.

עס זענען געווען צוויי פורן ביי אונדז. מען האָט ארויפגעלייגט פון קיך אלץ; עס איז געווען א סך געקאָכט פלייש, האָט מען אלע געגעבן צו פאָר שטיקלעך מיט ברויט. איך האָב נאָך געהאט ביים קוכער א גוטע פראָטעקציע, האָט ער מיר געגעבן פיל מער פלייש און ברויט. איך האָב עס ארייַנגעוואָרפן אין א זעקעלע און באלד איז מען אוועק (אין א גוטער שעה). עס ווערט נאכט און מיין זון איז נישטאָ. איך האָב געפרעגט ביים קאָמאנדיר וועגן אים, זאָגט ער מיר, אז מיר גייען אין יענעם געגנט. מיר זענען טאקע אָפגעגאנגען א פאָר קילאָמעטער, האָב איך טאקע געטראָפן מיין זון.

דער פראָסט איז גרויס מיט א ווינט, זייער שווער צו גיין, אָבער עס העלפט גאָרנישט, מען מוז גיין. מען איז אָפּגעגאַנגען טעלעכע שעה, געבליבט צו גאָט, אז מען האָט זיך א ביסל אָפּגעשטעלט. עס איז ביי אונדז געווען דעם קאָמיסאַרס פרוי מיט א קליין קינד (אים האָט מען געשאָסן). דאָס איז געווען נעבן א דאָרף פּלאַטניצע, איז די פרוי אריינגעגאַנגען צו א פויערטע און זי האָט איר געזאָגט: נאַדיר מיין קינד און האָדעווע עס, ווען איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך דיר באַפרידיקן פאַר אלץ. און די פויערטע האָט צוגענומען דאָס קינד, וועלכעס איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען.

מיר זענען אַוועק ווייטער, ווידער געקומען אין א דאָרף, האָט מען זיך אָפּגע־שטעלט און מיר ווילן וויסן, צי די מערדער זענען דאָ נישטאָ. דערווייל איז מען אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן שניי. מען ליגט איינער אויפן אַנדערן. מיין זון האָט זיך אויך אַוועקגעלייגט. ער האָט געהאַט א וואַרעמען בגד, אָבער א קורצן. די פיס ליגן אויפן שניי. איך האָב זיך אוועקגעזעצט נעבן אים און איך האָב זיינע פיס אויף מיר אַרויפגעלייגט. מיינט איר, אז ביי מיר איז געווען וואַרעמע הויזן מיט וואַלינקעס, (פילצערנע שטיוול) דאָס נישט, אָבער איך בין דאָך זיין טאַטע, פון זעקס קינדער איז ער ביי מיר איינער און איך האַלט גוט אין זינען מיין פרויס אָנזאָג, אז איך וועל מיך טרעפן מיט מיינע קינדער, זאָל איך זיין פאַר זיי א טאַטע.

באַלד איז מען אוועק ווייטער. אזא שווערע נאכט אין שניי ביז די קני אָן א וועג. מיר זענען אזוי געגאַנגען ביז מיר זענען געקומען צו א כוטאָר. איין שטוב אין וואַלד און אויפן הויף שטייט א גרויסער שייער, א שטאַל מיט א האַלבן דאַך. דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אז מען קאָן גיין אין שטאַל זיך אָפּרוען. מילא, זאָל זיין אין שטאַל, אבי קומען א ביסל צו זיך. אין שטאַל איז דאָך דאָ א ביסל היי, אָבער דער ווינט איז גרויס. איך בין א נאַסער פון וועג, זאָג איך צו מיין זון: איך וועל אריינגיין אין שטוב זוכן אָן אָרט. איך האָב אויף אים אַרויפגעלייגט א ביסל היי און איך בין אַוועק אין שטוב.

איך האָב אויפגעעפנט די טיר, האָט מיר געגעבן א זעץ די וואַרעמע לופט, אזוי ווי אין א קליין שטעטל א שמייס־באָד. מען קאָן נישט אריין אין שטוב, עס ליגן מענטשן אויפן דיל, אזוי ווי הערינג אין א פעסל. איך האָב נישט וווּ צו שטעלן א פוס. וואָס פאַרא מענטשן דאָס זענען האָב איך אויך נישט געוווּסט, אָבער איך

קלער, אז דער קאָמאַנדיר ווייסט שוין וועד די מענטשן זענען. איך האָב איבער־געשטעלט די פיס און פאַרמאַכט די טיר. אָך, ווי גוט עס ברענט אַ קליין לעמפּעלע. עס וואָלט געווען גוט זיך צוצושפּאַרן אַ ביסל, אָבער עס איז נישטאָ ווו. דאָס צימערל איז קליין. איך זע, אַז אויפן אויוון ליגן עטלעכע מענטשן, איך האָב אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַריבערשפּרייזן דעם אויוון. (דער אויוון איז הויך און איך בין קליין). איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן, ווי מען זאָגט ביי אונדז: „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" און פון דאָרטן האָב איך דערלאַנגט צום אויוון. עס ליגן דאָרט דריי מענטשן, נישטאָ קיין אָרט פאַר מיר, אָבער איך האָב גאָרנישט גע־קוקט און זיך ווי ס'איז אַריינגעשפּאַרט אין מיטן. עס איז זיי געוואָרן ענג, דער אַהין און דער אַהער, איך ליג און דער אויוון גיט היץ, וואָס בעסער קען נישט זיין.

איך בין אַ ביסל אָפּגעלעגן, איך קען נישט מער אויסהאַלטן די היץ, וואָס גייט פון אויוון. איך ליג נאָך אַ ביסל. איך פיל, אַז עס ווערט מיר שלעכט. איך האָב געמוזט אַראָפּקריכן. עס איז ענג, אָבער איך האָב זיך אַריינגעשפּאַרט צווישן אַלע און אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַרטאָג האָט מען מיך אויפגעוועקט. איך האָב אַ קוק געטאָן, מיין זון שטייט נעבן מיר און קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער איז ממש געפרוירן געוואָרן אין שטאַל. עס איז שוין וויניקער מענטשן, ער האָט זיך געלייגט נעבן מיר און באַלד זענען געקומען אַנדערע פון שטאַל און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן.

צומאָרגנס זענען מיר אוועק ווייטער. מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמע־טער און זענען געקומען אין אַ וואַלד, וווּ עס איז קענטיק געשטאַנען אַ באַטאַליאָן. עס זענען געווען דאָרט זומערדיקע בודקעלעך. מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגעלייגט אַ פייער און געקאָכט וואַרעמעס; פליישׁ איז געווען אין שליטן. מען האָט אָפּגעגעסן, נישט ווייט זענען געשטאַנען סטויגן היי. מיר האָבן אָנגע־שלעפּט אַ סך היי פאַר די פערד און פאַר זיך אויף נאַכט. פאַרנאַכט האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט, אַז ער גייט צוריק אין כוטאָר שלאָפן און ער האָט מיט־גענומען דריי מענטשן, מען זאָל אים היטן, צווישן זיי מיין זון. דאָ האָט ער געהייסן שטעלן צוויי פּאָסטנס און איז אוועק. מיר זענען געזעסן נעבן די פייערן ביז שפּעט, דאַן האָבן מיר פאַרקלענערט דאָס פייער און זיך געלייגט שלאָפן. איך האָב

אַנגעלייגט געגנוג היי און עס האָט זיך זייער גוט געשלאָפן (אויף אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן).

אויפצומאָרגנס פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, און הער פּלוצלונג ווי מען שמועסט, איינמאָל און נאָכאמאָל. דער קאָמאַנדיר איז שוין דאָ און ער שרייט: דייטשן זענען דאָ, מען דאַרף אַנטלויפן און ער האָט א געשריי געטאָן: אַלע נאָך מיר. ער האָט אָנגעהויבן לויפן מיטן וואַלד, איך לויף נאָך אים, אויך אַלע איבע־ריקע. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אונדז איבערגעשראָקן. מיר זענען אָפּגעלאָפן פינף הונדערט מעטער, איז ער געבליבן שטיין. וואָס אַלע זענען דאָ? געוויס נישט. זיי שלאָפן, ווען דייטשן קומען אזוי באמת, וואָלט מען זיי אַלע גע־נומען לעבעדיקע. מיר האָבן זיך אומגעקערט און ער איז געגאַנגען אַלע וועקן. ער האָט זיי געגעבן א גוטן חלק און דאָסמאָל איז ער געווען געררעכט. ער האָט אונדז צוגעגעבן, אז מיר זאָלן זיין גרייט, מיר וועלן נאָך היינט גיין, ווו עס שטייען עטלעכע באַטאַליאָנען. דער פויער האָט אים אזוי געזאָגט. באַלד איז ער געקומען, מיין זון געצל אויך, מיר זענען אוועק.

נאָך א האַלבן טאָג גיין, זענען מיר געקומען אויף יענעם אָרט. עס זענען טאַקע געווען נישט ווייט א פּאָר באַטאַליאָנען. מען האָט געפונען א גוטן פּלאַץ און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. היי האָט נישט געפעלט, דער פראָסט האַלט נישט שלעכט, אָבער דאָס פייער וואַרעמט, ווען עס איז געוואָרן גוט נאַכט, מיר האָבן זיך צעלייגט שלאָפן, זיך גוט איבערגעדעקט מיט היי. עס שלאָפט זיך נישט שלעכט, ס׳איז נאָר נישט גוט, ווען עס הייבט אָן בייסן... דאַרף מען זיך א קראַץ טאָן. רוקט זיך אוועק דאָס היי.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. עס איז זייער וואַרעם, ווי מען זאָגט: אזוי ווי אונטער א פּערענע (איבערבעט). איך פּראָביר זיך זעצן, עס לאָזט זיך נישט, איך האָב זיך גוט א הייב געטאָן. עס האָט אָנגעהויבן פאַלן א שניי. עס איז געוואָרן קאַלט. מיר האָבן זיך א ביסל דערוואַרעמט ביים פייער.

אַלע זענען געשלאָפן אונטערן שניי, ביז איך צו זיי צוגעגאַנגען און זיי אויפ־געוועקט. מען האָט געלאַכט א ביסל, עס איז אויסגעקומען ווי בערגלעך אזוי ווי אויף א בית־הקברות. מען האָט אָפּגעגעסן און גענומען שטעלן בודקעס און עס איז אוועק א נאָרמאַל לעבן. מ׳שטיינס־געזאָגט, מ׳איז ווידער אַוועק און געבראַכט

עטלעכע שטיקלעך רינדער, ברויט און מעל. נישט ווייט איז געווען א כוטאר, פלעגט מען באקן אליין ברויט. עס איז געווען ווער עס זאָל באקן. ביי אונדז אין באטאליאָן איז געווען פון באראנאָוויטש א בחור, לייזער, פון א יאָר צוואנציק, (א ישיבה־בחור), האָט ער געטראכט, ווי אזוי מען זאָל אראָפּווארפן א באן פון די רעלסן. ער האָט גענומען א שטיק דעמב, מער ווי א מעטער און ער האָט געמאכט א קלין אין דער גאנצער לענג. אין דער הייך זענען געווען דריי ווערשקעס און אויף אראָפּ דינער און דינער, ווי א קלין. אין דער גרעב האָט ער אריינגעשטעלט צוויי פּיס, מער ווי א האלבן מעטער די לענג און אין דער ברייט פון דעם קלין איז געווען ברייטער פון די רעלסן. דאָס האָט ביי אים געדויערט א פּאָר טעג. דער קאָמאנדיר האָט אים געגעבן נאָך א פּאָר מענטשן מיט ביקסן און זיי זענען אַוועק. זיי זענען געקומען צו דער באן־ליניע, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט, די פּיס אריינגעקלאפּט אין גאנצן אין דער ערד. עס וועט זיך שוין נישט הערן און זיי זענען אַוועקגעגאנגען צוריק אין וואלד, נישט ווייט פון דער באן־ליניע. זיי האָבן געווארט, וואָס וועט דאָ זיין. באַלד איז אָנגעקומען א באן. דאָס ראָד האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך און דער צווייטער ראָד פון אנטקעגן האָט זיך א צי געטאָן אויף צוריק און די וואגאָנען זענען ארויף איינער אויפן צווייטן. פרעגט נישט, וואָס עס איז געווען. אלע באטאליאָנען האָבן באַלד געוווסט, אז דער באטאליאָן „קאגאנאָוויטש" האָט אראָפּגעלאָזט אַ באַן אין טאָל. זיי זענען געשטאנען צוויי טעג, ביז מען האָט געבראכט א הייב־מאשין אויפצוהייבן. זיי האָבן געהאט גענוג ארבעט, ביז זיי האָבן דאָס אלץ ארויסגעשלעפּט.

דאָס לעבן אין באטאליאָן איז געווען אַ נאָרמאל. עסן האָט נישט געפעלט. מען פלעגט קאָכן צוויי מאָל אין טאָג. מען איז געגאנגען אויף אן אויפגאבע, האָט מען געבראַכט אַ ניי־מאַשין. מען האָט צוגענומען ביי איין פּאָליציי־מאַן (געוויס אַ יידישע), ס'איז אויך געווען ביי אונדז נאָך אַ שניידער פון לאָכווע. ער הייסט זעליג חפץ. (ער איז דאָ היינט אין ישראל. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן). מיר האָבן געעפנט א שניידער־ווארשטאט פון לאטעס, אָבער עס איז גוט צונוץ געקומען.

עס איז אוועק א פּאָר חדשים איז צו אונדז געקומען א דעלעגאציע פון סאדיניענע. דאָס איז פון קאָמאנדיר קאָמאַראָוו; ער איז געווען דער בעל־הבית

פון דער געגנט אויף אלע אָטריאַדן. ס'איז געקומען זיין קאָמיסאַר און געהילף און נאָך צוויי. זיי זענען אריין צום קאָמאַנדיר אין בודע. באלד איז אונדזער קאָמאַנדיר ארויס און ער האָט געהייסן אלע זיך צונויפזאמלען און זיך אויסשטעלן אין רייען, אזוי ווי זעלנער. דער קאָמיסאַר האָט אונדז דערציילט די לאַגע אויפן פראָנט, אַז אונדזערע האָבן שוין פארנומען די לעצטע גרויסע שטעט, ווי קיעוו, כארקאָוו, אָדעס און גאָמעל. מיר קוועלן פון פרייד. דערנאָך זאָגט ער צו אונדז: וואָס זענט איר אזוי אומעטיק? עסן ווייס איך, האָט איר געצנוג, אייער קאָמאַנדיר האָט אונדז דערציילט, אַז איר האָט ביז הונדערט פוד מעל און פופציק שטיק רינדער. איז וואָס זענט איר ביי זיך געפאלן? קיינער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. אַלע שווייגן. איר ווילט נישט זאָגן, וועלן מיר אליין טאָן, וואָס מען דאַרף און זיי האָבן זיך גע־זעגנט און זענען אוועק.

מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען זייער קומען צו אונדז, אַז זיי ווילן אונדז צעטיילן איבער אלע באַטאַליאָנען. אזוי איז געווען. עס איז אריבער נאָך זייער אַוועקגיין אַכט טעג, אָדער מער. איז ווידער געקומען דער קאָמיסאַר מיט נאָך איינעם און ווידער אלע צעשטעלט און ער האָט גאָרנישט געפרעגט. ער האָט געהייסן, ווער עס האָט געווער, זאָל ארויס; מ'איז ארויס. ווער זענען קאָמסאָמאָל־צעס זאָלן ארויסגיין, מיין זון איז אויך ארויס. ער האָט זיך מיט א יאָר צוריק געהאט פארשריבן אין קאָמסאָמאָל. ווער איז א שניידער זאָל ארויס, בין איך מיט זעליק חפץ ארויס. זאָגט ער צו מיר: דו ביסט נישט שוין קיין יונגער, גיי צוריק. פרויען אָן קינדער זאָלן ארויס. רבקה און די צווייטע, וואָס איך האָב פריער גע־שריבן פון זיי, זענען ארויס. דאַן האָט ער אָנגעהויבן רעדן: אזוי ווי עס זענען פאַראַן אָנקלאַגעס אויף אונדז, אַז עס זיצן יידן אין וואַלד און טוען גאָרנישט, איז וואָס דאַרפט איר עס? די מענטשן, וואָס איך האָב אָפּגעטיילט פון אייך וועלן גיין צו אונדז אין די באַטאַליאָנען און די, וואָס בלייבן דאָ, וועט הייסן א „פאַמיליע־לאַגער" און איר זאָלט נישט גיין מער צו די פויערים נעמען. דערווייל האָט איר געצנוג עסן און אַז עס וועט אייך פעלן איז דאָ ארום פון אלע זייטן באַטאַליאָנען, וועט איר באַקומען. ביינאַכט זאָלן מיר שטעלן א פאָסט און מען האָט איינעם א פאַ־האַסטער יידן באַשטימט פאר אן עלטערן. די אַנדערע זענען באלד אַוועק. איך בין געבליבן, ווי א אָפּגעשמיסענער, אָן מיין זון.

עס זענען ביי אונדז פארבליבן ביז פופציק מענטשן, עסן פעלט נישט, מען עסט און מ׳שלאפט, אבער מיר גייט גארנישט איין מיין לעבן, וואס מען האט פון מיר אפגעריסן מיין זון. פארוואס האבן זיי דאס געטאן? פשוט, ווייל די יידן מיט די זעקס ביקסן האבן אויפגעטאן נישט ווייניקער פון זיי. זיי האבן דערזען, אז דער פראנט איז נישט ווייט און מען וועט אונדז באפרייען, קענען דאך די יידן האבן א נאמען אין דער געשיכטע, האבן זיי פארמאכט דאס געשעפט. פריער האבן זיי אונדז אוועקגעטריבן פון זיך און ווען זיי האבן דערזעען, אז מען טוט אויף נישט ווייניקער פון זיי, טראץ דעם, וואס זיי האבן געהאט גענוג געווער: אויטאמאטן, פולעמיאטן און גראנאטן. ווען אונדזערע יידן פלעגן גיין ערגעץ אויף אן אויפגאבע, פלעגן זיי זיך צונויפקומען מיט אנדערע פארטיזאנער, פלעגט מען ביי זיי קריפן קוילן. וועט איר פרעגן, פארוואס קויפט מען? עס זענען געווען פאלן, ווער ס׳האט געהאט א פאר ביינע שטיוול, פלעגט מען אפגעבן און נעמען אלטע און צען קוילן אלס צוגאב.

מיין נייער מקום

שוין אריבער דריי וואכן, פון ווען מען האט אונדז צעטיילט.

איינמאל נאך מיטאג הער איך אין דער בודקע: מען שרייט — קראוויעץ! איך בין ארויס, אונדזער עלטסטער פון לאגער האלט א קוויטל, נעבן אים שטייט א פרעמדער פארטיזאנער מיט אן אויטאמאט און ער לייענט מיר איבער אז איך זאל זיך איינפאקן מיט דער מאשין און פארן מיט דעם זעלנער. איך פרעג אים, ווו שטייט אייער באטאליאן. נישט ווייט. האב איך גערעכנט, אפשר ווו מיין זון איז. איך האב זיך איינגעפאקט. דער שליטן איז געווען א ביסל קליין אויף מיינע אלע זאכן. אבער פאמעלעך ווי עס איז אריינגעפאקט. דאס בעטגעוואנט אונטער זיך. די זאכן ביי דער זייט. איך בין געגאנגען אין אלע בודקעס זיך געזעגענען און מיר זענען אוועקגעפארן.

אויפן וועג פרעג איך מיין פורמאן, ווי רופט זיך אייער באטאליאן, זאגט ער, אז עס איז נישט קיין באטאליאן, נאר א דעסאנטן־גרופע. ווען ער זאגט מיר דאס

אויפן אָרט, וואָלט איך נישט געווען פאָרן. ווער ווייסט, וווהין ער קאָן מיך פאַר־פירן. איצט האָב איך נישט קיין אנדער ברירה. ער איז מיטן אויטאָמאַט און עס ווערט באַלד נאַכט. איך האָב זיך גוט דערשראָקן. עס איז מיר אַרויף אויפן זינען, אַז ער וויל ביי מיר אויסנאַרן די מאַשין. איך זשאַלעווע נישט די מאַשין, איך האָב מורא פאַר זיך. דער בעל־עגלה איז נישט קיין העלד, זע איך נאָך אים. איך קלער ביי זיך, טאָמער וועט ער מיט מיר מאַכן עפּעס קונצן, וועל איך זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע. מיר פאָרן. איך זע פון ווייטן אַ באַטאַליאָן. איך בין געוואָרן פריילעכער. איך פרעג אים, אפשר זענען דאָס שוין אייערע בודקעס? זאָגט ער: ניין, אָבער נישט ווייט פון דאַנען. מיר זענען צוגעפאָרן צו דעם באַטאַליאָן. עס שטייט אַ גרויסע שטאַל מיט פערד און מיין זון געצל גייט אַרויס פון דאָרט.

ער האָט מיך דערזען, איז ער צוגעלאָפן. וווהין פאָרסטו? איך ווייס נישט, אין דער דעסאַנטן־גרופּע? אויב אַהין איז זייער גוט. ער גייט שוין מיט מיר. עס איז טאַקע נישט ווייט געווען, אַ פאַר הונדערט מעטער. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ בודע, זייער אַ גרויסער און ער איז אַוועק. ער האָט געבראַכט דעם עלטסטן (סטאַרשינאַ), מיר געגעבן די האַנט און פרעגט: איר זענט אַ שניידער? יאָ. זייער גוט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ בודע. עס ברענט אַ לאָמפּ מיט נאַפט. פוןביידע זייטן בעטלעך און קיינער איז נישטאָ. ער ווייזט מיר אָן אָן אָרט צום שלאָפן, אַ בעט מיט אַ קישעלע פון היי, אויך ווו די מאַשין צו שטעלן נעבן אַ פענצטער.

די בודעס זענען געבויט פון קלעצער מיט גרויסע פענצטער. מיין זון געצל זאָגט צו מיר: טאַטע, דו וועסט דאָ אויפלעבן, ווען איך קען אַהער אַריבערגיין, וואָלט געווען זייער גוט. מען האָט מיר געבראַכט עסן. איך האָב אָפּגעגעסן און זיך געלייגט שלאָפן. מיין זון איז אַוועק און באַלד איז אַריין אַ יונגערמאַן און ער זאָגט מיר, אַז ער איז אַ דאָקטאָר און וויל מיך באַטראַכטן. ער האָט מיך גע־נומען ביים פּולס און גענוי באַטראַכט, דאַן זאָגט ער, אַז ביי מיר איז אַלץ אין אָרדע־נונג. ער האָט מיר געגעבן די האַנט און אַוועק.

אויפצומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען. עס זענען געשלאָפן נאָך עטלעכע מענטשן. איך בין אַרויס אין דרויסן צו זען, ווו איך בין. איך זע, עס שטייען אַ סך בודעס, אַלע די זעלבע מיט אויפשריפטן, אויף יעדער בודע.

די קיך מיט דעם עס־צימער זענען נישט געבויט, מער נישט, ווי א דאך געדעקט מיט סכך. איך זע א בודע מיט אן אויפשריפט: „סקלאַד מיט געווער". פון דער צווייטער זייט א בודע מיט אן אויפשריפט: „שטאב". אויף אן אנדערער: „בעקעריי". אויף א גרויסער בודע: „שפיטאָל". און מיין בודע איז געווען פאַר אַלע די, וואָס געפינען זיך שטענדיק אויפן אָרט, ווי: די קוכערס, די פאסטוכער, קצבים. איך קער זיך צוריק אין מיין בודע. איך הער, ווי מען קלינגט אין א גלעקל, אזוי ווי אין א שולע. איך ווייס נישט, מיט וואָס עסט מען דאָס. אין דער בודע איז קיינער נישטאָ, ביי וועמען צו פרעגן. איך גיי ארויס, זע איך ווי מען גייט צו דער קיך. איך בין אויך צוגעגאנגען. דער קוכער גיסט אָן זופ אין שיסעלעך און פרויען טראָגן צום טיש. מען בעט מיך אויך צו צום טיש. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, זייער א גוטע זופ מיט פיל פלייש און נעבן דער קיך שטייט א גרויס קעסל מיט געקאָכטע מילך. מיט א רייבער קוואָרט און א סך גלעזער און מען טרינקט מילך, וויפל ווער עס וויל, אן אמתע דאטשע, אבער זייער ווייניק מענטשן. איך האָב ביי איינעם א פרעג געטאָן, וואָס אזוי ווייניק מענטשן, זאָגט ער מיר, אז נישט אַלע זענען דאָ אויפן אָרט. א סך זענען אויף פארשידענע אויפגאבן. איך בין צוריקגעגאנגען אין מיין בודע. קיינער איז נישטאָ. עס איז א ביסל קאלט, האָלץ איז געלעגן נעבן אייוועלע. האָב איך איינגעהייצט, אזוי ווי א בעל־הבית. אין משך פון א האלבער שעה איז געוואָרן ווארעם. איך האָב זיך צוגעשפּארט, הער איך, ווי עמעצער גייט, ס'איז אריין א מאַן פון א יאָר פופציק, נישט קיין הויכער, א דיקער און ער זאָגט מיר: גוט־מאָרגן. ער גיט מיר די האנט און פרעגט מיך: דאָס זענט איר דער שניידער? ער האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן: פון וואנען איך בין, ווי אזוי איך בין אנטלאָפן פון די דייטשן און וווּ איך בין געווען ביז איצט. איך האָב אים אלץ דערציילט פון אָנהויב ביזן סוף. געוויינטלעך האָב איך געלאָזט א ביסל טרערן. ער האָט מיך אויסגע־הערט. ער האָט מיך געהייסן הייגט אויסרוען און מאָרגן וועל איך באקומען סחורה צו נייען וועש פארן באטאליאָן. איך האָב אפילו געוואָלט שוין אַרבעטן, נאָר ער האָט געהייסן פון מאָרגן. דאָס איז געווען דער קאָמאנדיר.

ווען ער איז אוועק, האָב איך שוין גלייך געזען, אז איך האָב געטראָפן א גוטן פלאץ. איך האָב געוואָלט צוגיין צו מיין זון, נאָר איך האָב זיך באטראכט, אז דעם ערשטן טאָג אין באטאליאָן דארף מען זיין אויפן אָרט. איך האָב זיך געזעצט

פאר דער בודע און באטראכט די מענטשן, ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין וואלד. איך זע, עס גייט צו מיר צו א מענטש פון א יאָר 55. ער קומט צו נענטער, גיט מיר די האנט און נעמט מיך אָן פארן אקסל און זאָגט: ביטע, זיצן זי: וואס איז דאָס גאָר, א דייטש? ער הויבט אָן צו מיר רעדן רוסיש. איך הער אָבער פון זיין רעדן, אז ער איז א דייטש. איך קלער ביי זיך, וואָס איז דאָס פאר א מחבל געקומען צו מיר און ער האָט פארשטאנען, וואָס איך טראכט און ער זאָגט צו מיר: האָט נישט קיין מורא! איך בין טאַקע אַ דייטש, נאָר א קאָמוניסט. ער פרעגט מיך, צי איך רויכער. ער איז אוועק. אין א פאָר מינוט ארום, קומט ער צוריק, נעמט ארויס צוויי פעקלעך קארישקעס און צוויי פעקלעך שוועבעלעך מיט פאפיר און א פושקעלע סאכארין און ער האָט געזאָגט: איר קענט טרינקען טיי מיט דעם און ער איז אוועק. שפעטער האָב איך זיך דערוווסט, ווער ער איז. דאָס איז געווען דער קאָמיסאר פון באטאליאָן. ער איז אנטלאָפן פון היטלערן נאָך אין יאָר 1939 און ער האָט געלעבט אין מאָסקווע. ער איז געקומען אהער מיטן קאָ־מאנדיר אלס דעסאנט מיט נאָך 25 מענטשן און דאָ האָט זיך געשאפן נאָכדעם א באטאליאָן פון 350 מענטשן. בייטאָג איז איינער געקומען צו מיר און געזאָגט, אז איך זאָל גיין אין באָד. דער קאָמאנדיר האָט אזוי געהייסן. פון אזא זאך ווער וועט זיך דאָס אָפזאָגן? אין באָד איז געשטאַנען א גרויס קעסל מיט הייס וואסער און א קעסל מיט קאלט וואסער. אָן אויוון מיט הייסע שטיינער. איך האָב זיך אויסגעטאָן, אויפגעהאָנגען מיינע זאכן אין דער הייך און דער בעדער האָט אַרויפ־געגאָסן א פאָר עמערס וואסער אויף די שטיינער. מען האָט געקענט בראָטן אָן עוף אין דער הייך פון דער היץ. פרעגט נישט, וויפל שמוץ עס איז געגאנגען פון מיר. איך בין געקומען אין מיין בודע, זיך צוגעלייגט און זייער געשמאק אנטשלאָפן געוואָרן.

איינדערפרי, מען וועקט מיך. איך האָב זיך אויפגעכאפט, עס שטייט נעבן מיר איינער און זאָגט מיר, איך זאָל גיין עסן ווארעמעס. איך האָב אָפגעגעסן, קומט מיר אנטקעגן מיין זון געצל. ער פרעגט מיך, וואָס מען הערט ביי מיר. איך דערצייל אים אלץ. מיין זון וואָלט זייער וועלן אריבערגיין אַהער, זאָג איך צו אים: ווארט אַ ביסל, איך וועל זיך גוט באקענען מיט דעם קאָמאנדיר, וועל איך מיט אים רעדן וועגן דעם. מיין זון זאָגט מיר פארן אוועקגיין: טאטע, דו קאָנסט הערן דאָ 12

אַוייגער די לעצטע בייעס פון מאָסקווע. ביי דיין קאָמאַנדיר איז דאָ א ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס ער רעדט אַלע טאָג מיט מאָסקווע. פון אונדזער באַטאַליאָן קומען אהערצו א סך הערן די בייעס. איך האָב אים באַגלייט און ער איז אַוועק.

איך האָב זיך אומגעקערט צו זיך אין דער בודע. עס איז שוין פינצטער געווארן. נאָך עטלעכע זעגען געקומען. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און פאַר־האַנגען דאָס פענצטער, ווייל בייַנאַכט פליען גיין דייטשע עראָפּלאַנען. 12 בייַנאַכט זעגען מיר אַלע געגאַנגען הערן ראַדיאָ. דער קאָמאַנדיר פלעגט עפענען א פענצטער, אז אַלע זאָלן הערן. מען האָט אָנגעגעבן, אז „זשוקאָוו מיט זיין ערשטער אַרמיי קלאַפּן אויף לוואָוו. אין אונדזער געגנט שטייען אונדזערע נעבן פּטיץ, נישט ווייט פון קאַלענקעוויטש, שוין נישט זייער ווייט פון אונדזער סטאַציע מיקאַשעוויטש". נאָכדעם האָט דער קאָמאַנדיר דערציילט, אז היטלערס מפּלה איז נאָענט, אז מען שלאָגט אים פון ביידע זייטן.

איך בין געוואָרן ביי זיך מוטיקער, כ'בין געקומען אין מיין בודע, זיך געלייגט שלאָפן עס נעמט מיר נישט קיין שלאָף, עס לויפן פאַרביי שלעכטע געדאַנקען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, וואָס וועט שוין זיין, אז איך וועל איבערקומען, וווהין קערט מען זיך, ווען עס איז קיינער נישטאָ. דאָס שטעטל איז פאַרברענט. אמת, איך בענק נישט נאָך דעם שטעטל, אָבער אונדזערע פאַמיליעס ליגן דאָרט. פאַר ווּעמען וועל איך זיך אויסוויינען און מיט וועמען וועל איך א וואָרט אויסרעדן. ווי אזוי קאָן מען דאָס פאַרגעסן ? מיט אזעלכע שווערע געדאַנקען בין איך אנטשלאָפן געוואָרן.

אויפצומאָרגנס פרי בין איך אויפגעשטאַנען, אַוועק אין קיך עסן. איך קום צוריק, זע איך אויף מיין בעט ליגט א סך ווייסע סחורה. איך ווייס נאָך נישט, וואָס צו טאָן מיט דעם. באַלד איז געקומען ווידער דער עלטסטער און האָט מיר געהייסן נייען פון דעם „מייקעס" (גופיות) און „טרוסיקעס" (תחתונים). זייער גוט. איך האָב זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט. אַ טיש האָב איך אַ גוטן. גלייך האָב איך צוגעשניטן צען פּאָר ביז נאַכט האָב איך געמאַכט די צען פּאָרלעך. קיין שווערע אַרבעט איז דאָס נישט, די מאַשין איז גוט און דער חשק איז אויך זייער גוט. פּאַרנאָסה איז געקומען מיין זון. ער איז אויך געווען זייער צופרידן.

א טאָג שפּעטער קומט אריין דער קאָמאַנדיר. איך האָב זיך אויפגעשטעלט,

רופט ער זיך אָן צו מיר: זיצט, איך בין דער זעלבער מענטש, וואָס איר. ער גיט מיר די האַנט און פרעגט זיך, וואָס הערט זיך? ווייז איך, וואָס איך האָב נעכטן געמאַכט. זאָגט ער: עס מוז נישט זיין צען פּאָר, קיינער טרייבט נישט, איצט איז וואַרעמעס, נאָכדעם דאַרף מען זיך צולייגן אָפּרוען, איר זענט דאָך אַ געליטענער מענטש. זאָג איך אים, אַז איך וועל רוען דאַן, ווען מען וועט צעקלאַפּן היטלערן. טוט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע און זאָגט: ער איז שוין אַ צעקלאַפּטער, מער נישט, וואָס ער האַלט דעם פראָנט, אַז ער זאָל קענען ארויספירן אַלץ. איך זע, אַז איך האָב מיט וועמען צו רעדן, זאָג איך צו אים: טאָווארישטש קאָמאַנדיר, אַזוי ווי איך האָב אַ זון אין דעם אַנטקעגנדיקן באַטאַליאָן, וואָלט איך וועלן אים האָבן נעבן זיך, ווייל מער איז מיר נישט געבליבן פון מיין משפּחה. קאָן ער שוין קומען, זאָל ער בעטן זיין קאָמאַנדיר, אַז ער וועט אים אָפּלאָזן קאָן ער קומען. אַפילו שוין. ער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק.

איר קענט זיך פאָרשטעלן מיין פרייד, אָבער עס איז נאָך ווייט צו נאַכט, איך וואָלט שוין געלאָפן אים זאָגן, ווייס איך נישט ווו ער געפינט זיך יעדע מינוט זעט מיר אויס, ווי אַ טאָג. פאַרנאַכט בין איך ארויס פון דער בודע. איך זע פון דער ווייטנס, אַז מיין זון קומט אָן. איך גיי אים אַנטקעגן און דערצייל אים אַלץ, וואָס מיין קאָמאַנדיר האָט געזאָגט. מיין זון איז שטאַרק צופרידן. ער לויפט שוין פרעגן און איז אַוועק.

אויפצומאָרגנס פרי איז דער זון געקומען און זאָגט, אַז ער קען אַריבערגיין אָבער אָן דער ביקס. איך האָב דאָס דערציילט מיין קאָמאַנדיר, האָט ער זיך צע־לאַכט: איך וועל אים געבן פינף ביקסן. אַז איר ווילט, וועל איך אים געבן אַן אויטאָמאַט. איך וועל הייסן פאַר אייך אויך ארויסגעבן אַ ביקס, זאָרגט נישט. אויפצומאָרגנס פרי האָב איך שוין געהאַט מיין זון נעבן זיך מיט אַלע זאַכן. קיין יידן זענען נישט געווען מער ביי אונדז, נישטאָ מיט וועמען זיך אדורכצורעדן. איך ווייס, אַז עס דאַרף זיין פּסח, דער חודש איז אַפּריל.

עס איז געקומען שבת פאַרנאַכט, זענען אָנגעקומען די, וועלכע זענען אַוועק זונטיק (פיר פאַרטיעס צו פופציק מענטשן). נישט אַלע פלעגן גיין אויף איין אַרבעט. דעם טאָג שבת, געוויינטלעך האָב איך געאַרבעט. זונטיק זענען צו מיר געקומען אַ סך מענטשן. זיי האָבן געבראַכט עפּעס צו פאַריכטן און איך האָב אַלע

צופרידן געשטעלט, 12 אזייגער האָבן מיר געהערט דעם ראַדיאָ (גוטע ידיעות פון פראָנט).

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן. מיין זון געצל זיצט נעבן מיר. אינדערפרי פלעגט ער ארויסגיין צו דער קיך, א פאָר שעה צוהעלפן ביים האקן האָלץ, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיר דרייען א קאַפּ. ער וויל נישט זיצן אַזוי. ער וויל גיין מיט אלע אויף אויפגאַבן. איך האָב אים גאָרנישט געקאָנט איבעררעדן, ביז ער איז אַליין אַוועק צום קאָמאַנדיר און געבעטן, מען זאָל אים צושרייבן צו א גרופע. יענער האָט אים געפרעגט, צי דער טאַטע איז מסכים און ער האָט געשיקט מיך רופן. איך בין געוואָרן אויפגערעגט מיין זון ענטפערט מיר: עס פעלט מיר גאָרנישט, אָבער איך וויל גיין נעמען נקמה, פאר מיין יונגער מאַמן מיט מיינע שוועסטער און ברידער. איך האָב נישט וואָס מיט אים צו רעדן און איך בין אַוועק מיט אים צום קאָמאַנדיר. ער פרעגט מיך: איר זענט איינשטימיק, אז דער זון זאָל גיין שלאָגן די פאשיסטן? זאָג איך: געוויס, בין איך איינשטימיק. וואָס זאָל איך אים זאָגן, אז נישט? און אויפן הארצן האָט זיך מיר ארויפגעלייגט א שווערער שטיין, מער האָב איך דאָך נישט. ער איז דאָך מיין גאַנצער פארמעגן. מען האָט אים געגעבן א נייעם אויטאָמאַט און מיר א ביקס. מיר זענען געקומען אין דער בודע, פרעג איך אים: נאָך וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט? זאָגט ער מיר: איך קען נישט זיצן און מ׳זאָל מיר טייטלען מיט די פינגער, וואָס א יונגער מענטש און דערצו א ייד טוט גאָרנישט. דעם צווייטן מאָנטיק איז ער אַוועק מיט אלע.

א שמחה — דער צווייטער פראָנט

עס איז געקומען אין אָוונט, דעם זעלבן טאָג, וואָס מיין זון איז אַוועק פון מיר, בין איך תיכף אַוועק הערן די לעצטע נייעס דורכן ראַדיאָ. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן מענטשן פון א סך באַטאַליאָנען, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון אונדז. מען האָט אָנגעהויבן איבערגעבן, אז באַלד וועלן מיר הערן זייער גוטע נייעס: „היינט האָט זיך געעפנט דער צווייטער פראָנט, אַמעריקע מיט ענגלאַנד

זענען ארויס אויך קעגן היטלערן". אונדזער קאָמאַנדיר האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און שרייען: „הורא" און אלע נאָך אים. דער קאָמאַנדיר האָט גע־נומען די וועלט־קאַרטע און ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אונדזערע טרייבן די היטלעריסטן פון ביידע זייטן און איצט ביים צווייטן פראָנט וועט מען אים ארומרינגלען פון אלע זייטן. דאָס איז געווען אין חודש אַפּריל אין יאָר 1943. שוין באלד דריי יאָר און מיר לײַדן אַזויפיל צרות. די וואָך האָט זיך מיר געצויגן ווי א יאָר. איך וואָלט שוין וועלן זען מיין זון. שבת נאָך וואַרעמעס. איך זע פון דער ווייטנס, ווי עס גייט א גרופּע, אָבער נישט מיט מיין זון. באלד קומט נאָך א גרופּע. איך זע שוין מיין זון פון דער ווייטן. זייער עלטערער גייט פאָרויס און ער זאָגט צו מיר: מיר פירן אייך א נייע מאַשין. מיין איך, אַז ער לאַכט פון מיר. איך זע אָבער באמת אויף זייער פור א נייע מאַשין, וואָס אפילו נאָך נישט געווען אין דער ארבעט.

מאַנטיק אינדערפרי, די גרופּן דאַרפן באלד אוועקגיין. דער קאָמאַנדיר זאָגט: די וואָך איז דער ערשטער מאי אַלע זאָלן אהיימקומען צו דעם טאָג און מען זאָל ברענגען וואָדקע אויפן יום־טוב. אַזוי איז געווען. אַלע זענען געקומען און מען האָט געבראַכט וואָדקע.

אין אָוונט האָט מען איבערגעגעבן פון מאָסקווע גוטע ביַיעס פון פראָנט: אונדזער קאָמאַנדיר ווערט מאַיאָר — „גערא̈י סאָוויעטסקאָווא סאָיוזאַ". (פריער איז ער געווען א קאַפּיטאַן).

אויפצומאָרגנס 12 אזייגער האָט מען אָנגעהויבן עסן וואַרעמעס. מען האָט אָנגעשטעלט וואָדקע, אַז עס וואָלט געגוג געווען אויף פופציק חתונות. דער קאָ־מאַנדיר האָט געהאַלטן א רעדע, ער האָט אויך דערמאָנט וועגן יידן, וואָס די היטלע־ריסטן הרגענען אויס פאַר גאָרנישט. דערנאָך האָט גערעדט דער קאָמיסאַר, דער דייטש. אָבער עס איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די דייטשן מאַכן אַזעלכע רציחות. און האָט פאַרענדיקט מיטן טרינקען פאַרן געזונט פון ביַיעם גערא̈י, (דעם קאָמאַנדיר). אלע האָבן אָנגעהויבן שרייען הורא מען האָט אים געהויבן אין דער הויך און זיך גענומען צו דער משקה און עסן. עס האָבן צוגע־שפּילט צוויי מוזיקאַנטן מיט האַרמאָשקעס. דער זאַל איז גרויס, מען האָט גענומען זינגען און טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך מיט מיין זון געצלען זענען אוועק

אין דער בודקע. מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צו פרייען. אונדז איז שווער אויפן הארצן. עס איז שוין באלד נאכט און מען האלט אין איין טאנצן און זינגען. די קולות הערט מען זייער ווייט. איך זאָג צו מיין זון, ווען עס קומען איצט 25 דייטשן הרגענען זיי אויס אלע, ווייל אלע זענען געווען שיכור. איך בין צוגעגאנגען צו דער שמחה, דרייט זיך ארום דער קאָמיסאר. ער פרעגט מיך, פארוואָס איך נעם נישט קיין אָנטייל אין דער שמחה? זאָג איך: ווען מיין פרוי און קינדער וואָלטן געלעבט וואָלט איך זיך אויך געפרייט, אָבער אזוי איז מיר אומעטיק. ער האָט דאָס גוט פארשטאנען ער איז אוועק און געבראכט 2 פעקלעך טאבאק און א ביסל צוקער. דאָס אלץ פלעגט מען ברענגען מיט עראָפּלאנען פון מאָסקווע.

ביינאכט האָט מען ווידער איבערגעגעבן פון פראָנט די לעצטע נייעס. נעבן פטיץ האָט מען דעם דייטש אויך געגעבן אַ פעסטן קלאפּ און מען האָט שוין דאָ פארנומען עטלעכע דערפער. אויף אלע פראָנטן טרייבט מען אים. עס איז פריילעך דאָס צו הערן.

אינדערפרי קלייבן זיך ווידער אלע גרופּן אין וועג אריין. מיין זון גייט אויך אַוועק. בייטאָג זיך איך און ארבעט, גייט אריין צו מיר דער עלטסטער און ער זאָגט צו מיר, אַז דער קאָמאנדיר האָט אים געזאָגט, אז היינט אין אָוונט קומט צו אונדז אן עראָפּלאן, דארף מען אהין האָבן פופצן מענטשן און איך וועל אויך מיטגיין. זאָג איך צו אים: זייער גוט. ער הייסט מיר נעמען מיין ביקס מיט קוילן. מען האָט איינגעשפּאנט זעקס פורן און מיר זענען אוועקגעפאָרן. וווהין ווייס איך נישט. זיי האָבן יאָ געוווּסט, ווייל עס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל דער קאָמיסאר איז אויך געפאָרן מיט אונדז.

מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ פיר קילאָמעטער. דאָ זענען מיר ארויס אויף אַ גרויס פעלד, ווו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגעהאקט א סך טרוקן האָלץ און מען האָט אָנגעלייגט זעקס קופּעס האָלץ, צוויי מעטער אייגע פון צווייטן אָפּגערוקט און מען מאכט נאָך נישט קיין פייער. דער קאָמיסאר האָט אונדז צע־שטעלט ארום דעם פעלד ביי דריי הונדערט מעטער פון דעם האָלץ; נישט אַלע אויפן זעלבן פלאץ. מיר האָבן פארנומען דעם גאנצן פעלד. דער קאָמיסאר האָט אונדז געזאָגט, אז דער עראָפּלאן וועט נישט לאנדן. ער וועט ווארפן פון דער הייך

פעק און נעבן וועמען עס וועט פאלן, זאָל מען גלייך צולויפן לויט דעם קלאַפּ; עס איז זייער פּינצטער (די זעקס פייערן וועלן זיין פאר די עראָפּלאַנען. דאָס איז געווען דער צייכן פון אונדזער באטאליאָן).

איך שטיי אליין; עס איז שוין גוט פינצטער. מיר זענען אזוי געשטאנען א פּאָר שעה געוויס. עס איז אַ ביסל טרויעריק נעבן וואלד, אָבער איך ווייס דאָך, אז נישט ווייט פון מיר שטייען נאָך מענטשן, יעדע מינוט איז ווי אַ טאָג. איך זע, אז עס איז געוואָרן ליכטיק, עס ברענען שוין די זעקס פייערן. דאָס גאנצע פעלד איז באַלויכטן. ער האָט געדארפט קומען צוועלף אזייגער. עס האָט געדויערט נאָך אַ ביסל. איך הער אַ גערויש. ער איז דאָ שוין נישט ווייט, אָבער ווער ווייסט, צי אונדזער אָדער א דייטשער. ער איז געקומען צו דעם אָרט, האָט ער זיך אָנגעהויבן דרייען ארום די פייערן און ער האָט אָנגעהויבן ווארפן. איך הער, אז עס איז געפאלן א פּאַק, אָבער נישט אין מיין געגנט. מען האָט געוווּסט, וויפל פעקלעך עס דארף פאלן. איך הער נישט ווייט פון מיר אַ קלאַפּ. איך בין תיכף צוגעלאָפן לויטן קלאַפּ, לויף אהין, לויף אהער, אז עס איז פינצטער. שוועבעלעך האָב איך געהאט, איך רייב אָן אַלעמאָל א שוועבעלע, א רייב און עס איז נישטאָ אָבער דער ווינט פאר־לעשט עס. איך האָב גענומען א פּאָר טרוקענע שטעקעלעך און אָנגעצונדן איך דריי זיך אהין און אהער און איך האָב געפונען. א גוטער פּאַק. מען דארף האָבן דריי „איוואנעס" אים אויפצוהויבן. איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן, לאָזן ליגן טאָר איך נישט. איך הער ווידער א קלאַפּ, נישט נעבן מיר. איך שטיי אויפן אָרט און איך הער, אז עמעצער דרייט זיך, דאָס איז געווען מיין שכן. ער זוכט אויך. ער איז אויך געקומען צום שכל און געמאכט אין האנט פייער. מיר רעדן שוין פון דער ווייטן. און דער עראָפּלאַן דרייט זיך ארום די פייערן. ער האָט שוין אראָפּגעלאָזט אַלע פעקלעך און ער האָט זיך גענומען אַוועקפליען.

דערווייל האָט זיך אים אויסגעדאכט, אַז אַ דייטשער עראָפּלאַן איז איבער אים, האָט ער זיך מיטאַמאָל געלאָזט נידעריק אזוי, אז ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ פליגל אין אַ בוים און ער איז אראָפּגעפאלן. איך האָב דערהערט דעם גרויסן קלאַפּ. איך הער דריי פייף. דאָס איז אונדזער סימן געווען. איך האָב גענומען עטלעכע שטעקנס, אריינגעוואָרצט נעבן וואַלד, אז איך זאָל וויסן מיין אָרט

פון פעקל און איך בין אוועקגעלאָפן צו די זעקס פייערן. מ'האָט זיך צונויפגעזאַמלט א צען מענטשן און אויך דער קאָמיסאר און מיר זענען אַוועק זוכן דעם ערראָפּלאַן. באלד האָבן מיר אים געפונען נישט ווייט פון וואלד. מיר זענען צוגעקומען אויפן אָרט, האָבן מיר געטראָפן צוויי לעבעדיקע. איינער פון זיי שווער פארוואונדעט, צוויי דערהרגעטע און איינער איז גאָרנישטאָ. זיי זאָגן, אז עס זענען געווען זעקס מענטשן. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן.

דער קאָמיסאַר האָט קודם געהייסן אַוועקפירן דעם שווער פארוואונדעטן. מען האָט תיכף צוגעפירט א פור מיט א סך היי און מען האָט אים פאַרבונדן די פיס, אויף וויפל מען האָט געקאָנט, אָבער זיינע קולות האָט מען נישט געקענט צוהערן און אַז מען האָט אָנגעהויבן פאָרן מיט אים איז נאָך ערגער געווען. ווען עס זאָל זיין א טראָג־בעטל וואָלט מען אים געווען טראָגן. אָבער דורך דעם וואלד, פאָרן איז געווען שווער. ער האָט זיך געבעטן, אז מען זאָל אים שיסן. דער קאָמיסאר האָט ביי אים צוגענומען דעם רעוואָלווער און האָט אוועקגעשיקט איין פור ברענגען א טראָג־בעטל מיטן דאָקטאָר. די צוויי לעבעדיקע שטייען נעבן אים און היטן אים און מיר זענען אוועק אָפּנעמען די פעק. איך האָב געמאכט גוטע סימנים האָב איך נאָך אַ ביסל זוכעניש געפונען. מען האָט געהאָלפן איינער דעם צווייטן ביים אָנלאָדן די פעק. מיר זענען ווידער אַוועק זוכן דעם זעקסטן מענטש. מיר האָבן דורכגעזוכט דעם גאנצן וואלד, מען האָט געמאכט א ביסל מער פייער און מען האָט דערזען זיינע פיס אונטער א פליגל פון דעם צעשמעטערטן עראָפּלאַן. מיר האָבן אלע גענומען הייבן, אז מען זאָל קענען אים אַרויסשלעפן. ווי ס'איז האָט מען אים ארויסגעשלעפט אין גאנצן א דערהרגעטן. אין דער צייט איז געקומען דער דאָקטאָר מיט צוויי שוועסטער. דער קאָמאנדיר האָט געשיקט נאָך עטלעכע פורן מיט מענטשן, אז מען זאָל העלפן טראָגן דעם פארוואונדעטן. מיר זענען קוים ביז טאָג געקומען אהיים. דער קאָמאנדיר איז אונדז געקומען אנטקעגן. מען האָט אים אויפן אָרט אמפּוטירט די פיס (ביז צו די קני). דער דאָקטאָר האָט געארבעט ביי א לאָמפּ. מיר אלע זענען געגאנגען עסן און זיך געלייגט שלאָפן.

אויפצומאָרגנס בייטאָג רופט מען מיך אין שטאב צום קאָמאנדיר. איך בין גלייך אַוועק. רופט זיך אָן דער קאָמאנדיר צו מיר: דו ווייסט, צווישן די דריי

דערהרגעטע איז דאָ א ייד. איך פרעג אים, פון וואַנען ווייסט ער. זאָגט ער: איך האָב געפונען די דאָקומענטן אין קעשענע מיט א קאַרטע פון אים און א בריוו פון א כלה. ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם בריוו, ווו זי שרייבט אים, אז די מלחמה וועט זיך אין קורצן ענדיקן און זי האָפט, אז זיי וועלן זיין אין קורצן צו־זאַמען און זייער ליבע וועט בלייבן אויף אייביק. זיין פאַמיליע איז דאָרפּמאַן, אַלט געווען צוואַנציק יאָר, געבוירן אין גאָמעל. ער איז געווען א ראַדיסט אויפן עראָפּלאַן. די קערפּערס זענען געלעגן נישט ווייט פון באַטאַליאָן, ארומגעשטעלט מיטביימלעך, אז די זון זאָל נישט צוקומען. איך בין אהין צוגעגאַנגען זען. זיי ליגן איבערגעדעקטע מיט א ליילעך. די קאַרטע האָב איך געזען און גלייך דער־קענט. איך בין אויף אַליין אַ בעלן צו וויסן, האָב איך א קוק געגעבן, צי ער איז א געמלטער. יאָ. דער כלהס בריוו איז געווען פון כאַרקאָוו, האָט איר דער קאָמאַנדיר אָנגעשריבן א בריוו, ווי עס איז פאָרגעקומען און ווו ער ליגט. זי וועט האָבן פיל נחת פון דעם בריוו.

דער קאָמאַנדיר האָט געשיקט א פּאָר מענטשן מיט צוויי פורן, אַז מען זאָל מאַכן דריי קעסטלעך פאַר יעדן באַזונדער און ער האָט אָוועקגעשיקט צו אַלע גרופּן, אז מען זאָל קומען אויפן אָרט. אויך אַלע באַטאַליאָנען. די, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון אונדז. זיי זענען געלעגן צוויי טעג, ביז מען האָט זיי באַגראָבן. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן א סך פּאַרטיזאַנער, מען האָט אויסגעקליבן אַן אָרט, נישט ווייט פון אונדזער באַטאַליאָן. געוויינטלעך איך מיט מיין זון געצלען האָבן אויך גענומען אַנטייל.

מיר זענען אַלע אויפן פּלאַץ. עס האָט זיך געהערט א הויכער געשריי פון אונדזער קאָמאַנדיר: סמירנאָ! עס איז געוואָרן שטיל. אין דער צייט האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן פון וועלדל אויפן גרויסן פּלאַץ. ביי אונדז זענען געווען צוויי מוזיקאַנטן מיט האַרמאָשקעס, האָט מען זיי געשטעלט פריער. עס הערט זיך ווידער אַ קול: סמירנאָ! עס האָט אָנגעהויבן באַגלייטן אַ מוזיק, וואָס שפּילט דעם „טרויער״־מאַרש און מען הערט אויך זינגען און אזוי איז מען צוגעקומען צו זייער אייביקן אָרט. מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין קבר. דער קאָמאַנדיר האָט גערעדט א פּאָר ווערטער. ער האָט אויך דערמאָנט דעם ייד דאָרפּמאַן און וועגן דער כלהס בריוו. ביים ענדע איז געווען א קאָמאַנדאָ — דריי שאָסן אין דער

לופט און מיר זענען זיך פאנאנדערגעגאנגען. צומארגנס האט מען געמאכט א צוים מיט אן אויפשריפט און דאס איז געווען זייער סוף.

אין די פעק, וואס די עראפלאנען האבן אונדז אראפגעווארפן זענען געווען צוויי זעקלעך צוקער, צוויי זעקלעך זאלץ, א זעקל מעדיקאמענטן, געפאקט מיט א סך וואטע און געווער, ווי: מינעס, דינאמיט (דאס זאלץ איז געווען ביטיקער פון אלץ).

דעם, וואס מען האט אראפגענומען די פיס איז געקומען צו זיך, נאך א פאר טעג. די צוויי געזונטע זענען געבליבן מיט אונדז ביז מען האט באפרייט פון די וועלדער אונדז אלע. אויף דער נאכט בין איך מיט מיין זון אוועק הערן די לעצטע נייעס. מיר הערן, אז יענעם טאג האט מען פארנומען די סטאציע זיטקעוויטש מיט דעם גאנצן געגנט. אויך האט מען איבערגעגעבן א באפעל צו אלע באטאליא־נען, אז מארגן ביינאכט זאל מען צונעמען די באן־ליניע פון פראנט ביז בריסק. דער קאמאנדיר איז ארויס אויף דער גאס. עס זענען געווען פארטיזאנער פון אלע נאענטע באטאליאנען און ער האט געזאגט: איר האט געהערט דעם באפעל? מארגן דארף אלץ ווערן אפגעטאן.

אויפצומארגנס גאנץ פרי איז מען אוועק פון אלע באטאליאנען צו דער באן־ליניע. פון אונדזער באטאליאן איז געווען נישט מער ווי פינף קילאמעטער. די לעצטע צייטן זענען געשטאנען דייטשן נעבן יעדן סטאלב, ווייל זיי האבן אלץ ארויסגעפירט, וואס זיי האבן געקאנט. איך בין א גאנצן טאג נישט רואיק, מיין זון איז אויך אוועק צו דעם פייער. דער טאג איז אריבער, בין איך ארויס פון דער בודע. איך זיץ אויף דער גאס אין דערווארטונג. איך ווייס, אז עס וועט זיך באלד עפעס הערן פון דער באן־ליניע. ארום 10 אזייגער ביינאכט האט זיך אנגעהויבן א שיסעריי, זייער א שטארקע און אן אויפהער.

איך בין אוועק צום שטאב. דער קאמאנדיר שטייט אויך אויף דער גאס מיט אלע זיינע צוהעלפער. דאס פייער האט געדויערט א שעה; עס איז געווארן שטיל. וואס האבן זיי דען געקענט טוען די דייטשן, אז מען האט געעפנט אויף זיי אזא פייער. קיין הילף האבן זיי נישט געהאט, זענען זיי זיך צעלאפן. פון די דייטשן זענען געווען פיל דערהרגעטע און פארוואונדעטע. ביז טאג זענען אונדזערע אלע צוריקגעקומען. אפילו קיין איינער נישט געווען קיין פארוואונ־

דעטער און מען האָט אַלץ אָפּגעטאָן. מען האָט צעריסן די באַן־ליניע, צעשניטן דעם טעלעפאָן און מער האָבן זיי נישט געקענט פאָרן פון דאַן. עס איז געווען א גאַנצער טראַנספּאָרט מיט עראָפּלאַנען, ווען עס פלעגט נאָר ווערן פינצטער, פלעגן זיי אין די הונדערטער פליען פון רוסלאַנד. מיר פלעגן אויפשטיין ביז האַלבער נאַכט און קוקן, וווּ זיי גייען. 12 אַזייגער האָבן מיר געהערט ווידער די לעצטע נייעס. אונדזערע האָבן שוין פאַרנומען די סטאַציע מיקאַשעוויטש און מען איז שוין נעבן סינקעוויטש. דאָס האַרץ פרייט זייער, וואָס אונדזער שטעטעלע לענין איז שוין באַפרייט געוואָרן, אָבער וואָס קומט אַרויס. קיינער איז נישטאָ פון אונדזערע יידן.

אונדזערע אויסשפּירער האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס גייט א גרויסער דייטשער לאַגער. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן, אַז מען זאָל מינירן אַלע וועגן. אַזוי איז געווען. אויף אַלע וועגן האָט מען צעלייגט מינעס. נישט ווייניק זענען אומגעקו־מען. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן פאַרברענט דעם גאַנצן לאַגער און זענען געוואָרן פאַרטיזאַנער, זיך געשלעפּט מיט די וועלדער, מיט די וועגן האָבן זיי מורא געהאַט. אַלע פּאָליצייַ־לייט, וואָס זענען געווען ביי היטלערן האָבן אָנגעהויבן מיט זייער געווער צו לויפן צו די פאַרטיזאַנער. אין אַלע באַטאַליאָנען זענען זיי געוואָרן פיל, אָבער זייער ווייניק זענען זיי געבליבן. דער וואָס האָט געהאַט פּראָ־טעקציע פון א דאָרף באַקאַנטע, פלעגן זיי אָפּבעטן. אַנדערש האָט מען זיי געשאָסן ווי די הינט.

ביינאַכט האָט מען ווידער איבערגעגעבן, אַז מען האָט שוין פאַרנומען דאָס שטעטל לאַכווע; די דייטשן זענען געלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. מיר זענען גע־שטאַנען נישט ווייט פון באַראַנאָוויטש. אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט מען פאַרנומען לוליניעץ. אַלע זענען זייער צופרידן. איך האָב געוווּסט, אַז עטלעכע יידן פון אונדזער שטעטעלע לענין געפינען זיך נישט ווייט פון לענין, נעבן רעציצעוויטש. דאָרטן האָבן זיי איבערגעלעבט די עטלעכע יאָר. אייניקע יידן זענען דאָרט געווען פון לאַגער האַנצאָוויטש. מיין שוואָגער איטשע ריינגאָלד מיט צוויי קינדער, ישראל סלוצקי, שלמה גאַלינסאָן, ישראל דער בערעזניקער און אַנדערע. איך האָב געהערט, אַז אייניקע זענען שוין אין דער היים, בין איך זיי שטאַרק מקנא געווען.

עס האָט מיר געצויגן אהיים, כאָטש איך האָב געוווּסט, אז איך האָב קיינעם נישט, אָבער איך האָב געהאָפט עפּעס צו הערן פון מיין עלטערן זון אברהם מיט זיין פרוי טאַניען, צי זיי לעבן. אין עטלעכע טעג ארום האָב איך געהערט, אז מען האָט שוין פאַרנומען פּינסק. זייער גוט. עס איז שוין נישט ווייט פון אונדז.

דער קאָמיסאר האָט נישט גערוהט. ער האָט ווידער אָוועקגעשיקט צוויי גרופּן צו דער באַן־ליניע זען, וואָס הערט זיך און צוויי גרופּן צו די וועגן. מיין זון געצל איז אוועק צו דער באַן־ליניע. די גרופּע, וואָס איז אַוועק צום שלאַק האָט זיך אָנגעטראָפן אויף א גרופּע דייטשן, זיי האָבן זיך געשלעפּט מיטן וואַלד; מיט געווער. אז אונדזערע האָבן באַמערקט, אַז זיי גייען האָבן זיי זיך צעשטעלט הינטער דיביימער און מען האָט זיי צוגעלאָזן נאָענט צו זיך. מען האָט אויף זיי געעפנט א פייער. זיי האָבן גלייך געוואָרפן דאָס געווער און האָבן אויפגעהויבן די הענט. מען האָט זיי תיכף ארומגענומען פון אַלע זייטן. עס זענען געווען עטלעכע דערהרגעטע און עטלעכע פאַרוואונדעטע. מען האָט זיי גלייך געגעבן הילף. איך דערמאָן זיך ווי חיה קריינע איז געגאַנגען בעטן א רפואה פאַר איר מאַן, האָבן די מערדער אים געגעבן א קויל אין קאָפּ. פינף דייטשן זענען געבליבן לעבעדיקע. מען האָט זיי געבראַכט צו אונדז.

עס איז פאַרנאַכט, עס איז ארויס דער קאָמאַנדיר און דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו זיי צו רעדן אויף דייטש. איך בין געשטאַנען און געהערט. ער האָט צו זיי געזאָגט: איר זענט א קלוג פאָלק און איר האָט פאַר־שפּילט אייער לעבן פאַר גאָרנישט, וואָס איר האָט געהערט היטלערן. זיי האָבן געענטפערט, אז מען האָט זיי געצוווּנגען און זיי זענען נישט שולדיק. דער קאָ־מיסאר איז אוועק און דער קאָמאַנדיר האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: פירט זיי אָפּ. מען האָט זיי אָפּגעפירט נישט ווייט פון לאַגער. איך בין מיטגעגאַנגען זען זייער מפּלה. מען האָט זיי געשאָסן און זיי זענען געבליבן ליגן. צומאָרגנס האָט מען זיי פאַרשאַרט אין א זייט.

אונדזער קאָמאַנדיר איז געווען זייער א וווילער מענטש. אין וואַלד איז זיין פאַמיליע־נאָמען געווען איגער, אָבער זיין אמתע פאַמיליע־נאָמען איז ראַפּצע־וויטש. (אויב ער לעבט, זאָל ער האָבן א גוטע עלטער).

עס איז געוואָרן פינצטער. פון דער ווייטנס זעען מיר א גרויסע שריפה. מען האָט געזאָגט דעם קאָמאנדיר, איז ער ארויס א קוק טאָן. ער האָט גענומען די קארטע. ער האָט געזאָגט, אז דאָס ברענט באראנאָוויטש און ער האָט געזאָגט, אז די דייטשן מוזן אָװעקגיין, האָבן זיי אונטערגעצונדן די שטאָט. מיר װעלן באלד הערן אין ראדיאָ. אזוי איז געווען. מען האָט איבערגעגעבן, אז דער דייטש האָט פארלאָזט באראנאָוויטש מיט אַ גרויסער שריפה.

מיר באפרייען זיך פון וואלד

אָט איז געקומען אונדזער גאולה. באפרייט געוואָרן פון וואלד. דאָס איז געווען ענדע מאי 1944. שוין באלד פיר יאָר, ווי עס גיסט זיך אונדזער בלוט. נישט ווייניק צרות איבערגעקומען. מיין זון געצל איז נישטאָ אין דער היים, נישטאָ מיט וועמען זיך דורכצורעדן. איך בין אוועק שלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאפט איז נאָך געווען פינצטער. איך בין ארויס אויף דער גאס. דער הימל איז נאָך רויט פון דער שריפה. איך האָב געטראכט ביי זיך, אז איצט איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאר די מערדער. מען קאָן שלאָפן רואיק. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט במשך פון פיר יאָר, וואָס איך בין געלעגן רואיק. אָבער דאגות האָבן נישט געפעלט.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק בין איך ארויס אויף דער גאס. דאָס וועטער איז זייער שיין. די זון שיינט אָבער נישט פאר אלעמען. איך זען פון דערווייטנס, ווי דער קאָמאנדיר דרייט זיך אויך אויפן פלאץ. מיר האָבן זיך באַגעגנט. זאָגט ער מיר: איצט וועט איר שוין קענען פאָרן אהיים צו זיך. זאָג איך אים, אז איך האָב נישט קיין היים צו וועמען צו פאָרן. אונדזער שטעטל איז פארברענט און אלע האָט מען אויסגעהרגעט. רופט ער זיך אָן: נישקשה, איר זענט א גוטער פאכמאן, איר וועט נישט פארפאלן ווערן און ער גיט צו, אז ווען עס זאָלן זיין אונדזערע צוויי גרופן, וואָלטן מיר נאָך היינט אַוועק פון דאנען און באלד וועט ער שיקן צוויי רייטער נאָך זיי. איך בין זייער צופרידן. באַלד וועל איך זיך זען מיט מיין זון. איך וואַרט שוין אומגעדולדיק אויף זיי. יעדע מינוט איז א שעה. עס איז שוין האַלבער טאָג און זיי זענען נישטאָ. מיר האָבן אָפּגעגעסן וואַרעמעס. איך בין

אַוועק אַ ביסל אנטקעגן. איך האָב געוווסט פון וואנען זיי דארפן אָנקומען. איך בין געגאנגען אפשר א קילאָמעטער און האָב זיך אָוועקגעזעצט. איך הער גאָר־נישט און זע גאָרנישט. עס איז אויף מיר אָנגעפאלן א שרעק. וואָס טו איך? איך גיי צוריק און קוק זיך ארום, צי מ׳יאָגט מיך נישט, ביז איך בין געקומען אין באטאליאָן בין איך געווען נאס פון שווייס. איך האָב זיך געזעצט נישט ווייט פון באטאליאָן, און זע, ווי די צוויי רייטער פאָרן. פרעג איך: ווו זענען די צוויי גרופן. זיי גייען, באַלד קומען זיי.

אין א האלבער שעה שפעטער, הער איך א זינגעריי איבערן וואלד. זיי גייען, אלע פריילעך, ווער עס זינגט און ווער עס טאנצט. איך זע פון ווייטן מיין זון. ער גייט און לאכט. דער קאָמאנדיר האָט דערהערט, אז זיי גייען, איז ער ארויס און האָט אלע באגריסט. מען האָט אים געהויבן אין דער הייך פיל מאָל. ער האָט זיי געזאָגט, אז זיי זאָלן עסן און וואַרעמעס און זיך א ביסל אָפּרוען און מען וועט זיך אָנהויבן פאקן צום וועג, אז אויפמאָרגן פרי זאָל מען זיין גרייט. מיר האָט ער געזאָגט, אז ער האָט צוויי ניי־מאשינען. איך זאָל זיך נעמען וועלכע איך וויל און די צווייטע גיט מען פאר א פארטיזאנער. געוויינטלעך האָב איך זיך גענומען די נייע. פארנאכט בין איך אָוועק מיטן זון צום לאגער און גענומען א וואָגן מיט א סך היי און איינגעפאקט גוט די מאשין.

אויפמאָרגן פרי האָט מען נאָך געקאָכט וואַרעמעס. מען האָט אָפּגעגעסן גאנץ פרי, אזוי ווי ערב פסח צום פארברענען דאָס חמץ, נישט שפעט. מען האָט נאָך פאַרלאָדנט די קעסלען און מען איז גרייט. די פערד אלע געשפאנט; עס איז געווען ביז הונדערט שטיק רינדער. זיי זענען פריער נאָך אוועק גאנץ פרי מיט אַ ביסל באגלייטער. דער קאָמאנדיר איז ארויס מיט זיינע בייהעלפער, די צוויי פליער. אויך מיט דעם אָן די פיס. מען האָט צוגעפירט פאַר זיי פערד מיט גוטע זאָטלען. און מען איז אָוועק ווייטער. איך האָב אָנגעזאָגט מיין זון, אז אין וועג זאָל ער צוקומען צו מיר וועט ער פאָרן א ביסל. דער קאָמאנדיר האָט באַפוילן, אז אין וועג זאָל מען זיין פאָרזיכטיק, ווייל עס זענען נאָך דאָ דייטשע באנדעס אין די וועלדער און ער האָט נאָך צוגעגעבן, אז מיר פאָרן נאָך גאָמעל. דאָרטן איז דער הויפּט־שטאב פון מאָסקווע פון די פארטיזאנער.

מיר זענען ארויס באַלד אויפן וועג. מען איז אָפּגעגאַנגען נישט מער ביז פינף קילאָמעטער. אַ דאָרף. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן, אז מען זאָל זינגען. מען האָט געעפנט די מיילער און צוויי מוזיקאַנטן האָבן געהאָלפן. און אז מען האָט דערהערט אין דאָרף א רוסיש געזאַנג, זענען אַלע ארויס מיט ברויט און זאַלץ, מיט געווייבען פון די פויערטעס. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט א ביסל און זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן, וואָס די היטלעריסטן האָבן דאָ אָפּגעטאָן. ער האָט זיי גע־פרעגט, צי זיי האָבן זאַלץ, האָבן זיי געענטפערט, אז זינט די מלחמה, האָבן זיי נישט קיין זאַלץ. ער האָט זיי געהייסן געבן אַ האַלב זעקל, אָבער אַלע צעטיילט, און מיר זענען אַוועק ווייטער. מען איז געגאַנגען ווייטער. פון ביידע זייטן וועלדער. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א שעה. די היץ איז גרויס, זיך אָפּגערוט און אוועק ווייטער. מיין זון האָט זיך א ביסל פאַרמאַטערט. ער איז געקומען צו מיר אויף דער פור.

עס איז געקומען די צייט פון מיטאָג עסן, האָט מען זיך ווידער אָפּגעשטעלט. ברויט מיט קעלבאַס האָט מען געהאַט גענוג. מ'האָט אָפּגעגעסן און זיך אָפּגערוט די היץ איז שוין קלענער. מ'איז געגאַנגען, נישט געאײַלט. פאַרנאַכט איז מען צוגעקומען צו א דאָרף און צוליב וואַסער זענען מיר פאַרבליבן איבערנעכטיקן.

אזוי זענען מיר געגאַנגען נאָך צוויי טעג. דער קאָמאַנדיר האָט גערעדט מיט גאָמעל, האָט מען אים געזאָגט, אז היינט האָט מען פאַרנומען מינסק און דער הויפּט־שטאַב פון מאָסקווע גייט אריבער מאָרגן אין מינסק און מיר זאָלן אויך גיין נאָך מינסק. דער קאָמאַנדיר איז אין כעס געוואָרן, אזויפיל וועג האָבן מיר אומזיסט געמאַכט און איצט דאַרפן מיר גיין צוריק. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, אויף מאָרגן איז מען אַוועק צוריק און די בהמות גייען אויך מיט אונדז. מיר האָבן אזוי זיך געצויגן ביז סלוצק, אריבער סלוצק, האָבן מיר געמאַכט אן אָפּרו אויף א טאָג נישט ווייט פון שטאָט. בייטאָג איז צוגעקומען א טעקסי צו אונדז און מ'האָט זיך געפרעגט אויפן קאָמאַנדיר.

זיי האָבן פאַרבראַכט מיט אים א שעה און זענען אַלע אַרויס אויפן פעלד און דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן זיך אַלע אויפקלייבן. דאַן האָט ער געמאָלדן, אז אַלע פאַרטיזאַנער פון אַכצן ביז 45 יאָר נעמט מען צו אין דער אַרמיי. מיר איז

פינצטערע געוואָרן אין די אויגן. מיין זון איז אויך אַלט 18 יאָר. באַלד האָט דער קאָמאַנדיר אָנגעהויבן אויסרופן, ווער עס דאַרף גיין. איך הער שוין אויך דעם נאָמען פון מיין זון. שוין אויפן אָרט האָט מען זיי צעשטעלט און אָוועקמאַרשירט. דער גאַנצער באַטאַליאָן איז אָוועק. (בלויז די דעסאַנטן, וואָס זענען געקומען מיטן קאָמאַנדיר, זיי האָט מען נישט גענומען). מ'האָט זיי אָוועקגעפירט, איך גיי מיין זון באַגלייטן. ער קוקט זיך אום אויף הינטן און מאַכט מיט דער האַנט, אַז איך זאָל זיך אומקערן. איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו מיין וואָגן און זיך אַוועקגעלייגט אין גרויסע צרות. איך האָב געבעטן אַ פרוי, וואָס איז גראָד דורכגעגאַנגען, אַז זי זאָל צוגיין צום דאָקטאָר און נעמען א רפואה פאַר מיר קעגן די היץ.

באַלד איז זי געקומען מיט דעם דאָקטאָר. ער האָט מיר געמאָסטן די היץ אריבער די 38. ער פרעגט מיך, וואָס טוט מיר וויי. זאָג איך אים: גאָרנישט. איך האָב אים נאָר דערציילט מיינע אלע צרות. ער האָט מיר געגעבן עפּעס צו באַרואיקן די נערוון. איך האָב זיך איינגעדעקט און אנטשלאָפן געוואָרן. ביינאַכט הער איך, אַז עס דונערט שטאַרק. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עס איז פאַרוואָלקנט. עס וועט זיין אַ רעגן. איך האָב מיך אַראָפּגעכאַפּט פון וואָגן און אים אַריינגעשלעפּט צווישן צוויי גרויסע ביימער; איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז מען זאָגט, אַז עס דונערט טאָר מען נישט שטיין אונטער א בוים. אַמאָל ביי אונדז אין שטעטעלע האָט געלעבט אַן עלטערער ייד. פלעגט מען אים רופן הערשעלע דער כהן, אַן אָרעמאַן און אַכצן סטאַלקעס. א שטיבעלע האָט ער געהאַט, אַז מען פלעגט דאַרפן אַריין צו אים, פלעגט מען זיך דאַרפן גוט איינבייגן. איז ביי אים געווען א ציגעלע, איז עס אוועק אויף פּאַשע און זיך נישט אומגעקערט. א וואָלף האָט עס צעריסן. איז ער געקומען אין שול און ער האָט געזאָגט: אַך גאָט וואָס וועסטו שוין איצט ביי מיר נעמען, איך האָב מיין גאַנצן אייגנס געהאַט א ציגעלע, האָסטו פון מיר דאָס אויך צוגענומען, וואָס בלייבט שוין ביי מיר? אַזוי איז ביי מיר געווען. איך האָב געהאַט דעם איינעם זון, וואָס ער איז געווען מיין גאַנץ לעבן, האָט מען אים אויך אָפּגעריסן פון מיר. איז וואָס האָב איך מורא געהאַט? שלאָפן אונטער די ביימער? עס איז שוין נישט געווען וואָס צו נעמען פון מיר, עס האָט מיך גאָרנישט געאַרט און איך האָב זיך ווידער געלייגט שלאָפן.

איבערגעקומען די נאכט. עס איז געווען א ביסל רעגן. מען האָט זיך אַלע צונויפגעזאמלט און ווידער אין וועג. זייער ווינציק מענטשן געבליבן. מען האָט איבערגעביסן און אָוועקגעפאָרן. אַזוי זענען מיר געגאנגען דריי טעג, ביז מיר זענען צוגעקומען צו מינסק. פאַר דער שטאָט איז געווען א קאַלכאָז. האָבן מיר זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. די בהמות זענען אָנגעקומען אויפצומאַרגנס, האָט מען זיי איבערגעגעבן אין קאַלכאָז אויף פאשע. אונדזער קאָמאנדיר איז אָוועקגעפאָרן אין שטאָט מיט זיינע געהילפן. אויפצומאַרגנס פרי איז ער געקומען צוריק און האָט געהייסן זיך אַלע צונויפזאמלען און ער האָט איבערגעגעבן, אַז מיר וועלן דאָ דאַרפן בלייבן עטלעכע וואָכן ביז מ׳וועט אַלע אָפּלאָזן אהיים. מ׳וועט געבן אַלע דאָקומענטן, ווו מען איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה און מען וועט אויסצאָלן געלט, פאַר דער גאנצער צייט. ער האָט צוגעגעבן, אז יעדן טאָג זאָל קומען דער עלטסטער, וועט ער באקומען עסן פאַר אַלע. ער האָט אונדז געגעבן אַן אַדרעס, וווהין מיר זאָלן פאָרן. מיין מאַשין האָב איך אַריינגענומען אין דער שטוב. מיר זענען דאָן געווען דריי מאָן אין אַ צימער, ווען דער קאָמאנדיר איז אָוועקגעפאָרן האָט זיך דער עלטסטער געטראכט, אַז פּאַרוואָס זאָלן מיר עסן טרוקן ברויט, פאַר וועמען האָבן מיר געבראכט אַזויפיל בהמות און ער פרעגט דעם קוכער: דו וועסט קאָכן? פּאַרוואָס נישט, מאָרגן פרי וועל איך פאָרן צום קאָמאָנדיר. מיר ווילט זיך זיין קאָמאנדיר אין מינסק.

אויפמאָרגן פרי בין איך אויפגעשטאנען, ארויס צו אונדזערע פורן. איך זע, ווי דער עלטסטער שפאנט א פאָר פערד צו פאָרן אין שטאָט אריין, פרעג איך אים: איך קאָן אפשר אויך מיטפאָרן אין שטאָט? פּאַרוואָס נישט? ער האָט גענומען נאָך איינעם און מיר זענען אָוועקגעפאָרן. וואָס איז געווען מיין פּאָרן? איך האָב גערעכנט, אפשר האָט מען אוועקגעשיקט אונדזער פארטיע קיין מינסק, וועל איך אפשר טרעפן מיין זון.

מיר זענען אריינגעפאָרן אין שטאָט. איך האָב נישט דערקענט קיין גאס, אזוי איז די שטאָט געווען צעקלאַפּט. איך דריי זיך ארום אין די גאַסן. זעלטן ווו באַ־מערקט מען אַ ייִדן. איך האָב איינעם אָפּגעשטעלט און איך פרעג אים: יונגערמאַן, איר זענט אַ היגער? פרעגט ער מיך, וואָס ווילט איר? זאָג איך אים, אַז שוין

באַלד פיר יאָר, וואָס איך האָב נישט געזען אַ יידן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט און אַוועק. ווער ווייסט ווער ער איז. יעדער ייד האָט דעמאָלט געהאַט זיין בינטל צרות. פלוצלינג זענען אָנגעפלויגן דריי דייטשע עראָפּלאַנען און מען האָט אָנגע־הויבן וואַרפן באָמבעס אויף אונדז. איך האָב שוין חרטה, וואָס איך בין געפאָרן



אסתר־גאָלדע סאלאמיטש מיט איר מאַן מרדכי ז״ל געשטאָרבן אין ישראל
איין זון מיט א פרוי און 2 קינדער זענען אומגעקומען פון די דייטשן

אין שטאָט אַריין. מען האָט אָפּגעזוכט דעם קאָמאַנדיר. ער איז געווען אין מי־ניסטעריום. ער האָט אונדז געפרעגט וועגן קאָכן. צי מיר ווילן, פאַרוואָס נישט. אָבער די פּאַרציעס, וואָס מען גיט אייך, זאָלט איר נעמען און מען זאָל נישט וויסן, וואָס איר קאָכט.

מיר זענען צוריקגעפאָרן אין קאָלכאָז אַריין. פאַרנאַכט האָט מען געקוילעט א קעלבל און מען האָט צעטיילט אויף יעדער שטוב. מיר האָבן דאָס געגעבן דער

בעל־הביתטע און איר געזאָגט, אַז זי זאָל דאָס מאַכן אויף צוויי מאָל. פרעגט נישט, וואָס פאַראַ ווערעמעס עס איז געווען. מיר האָבן געהאַט גענוג אויפן גאַנצן טאָג. די בעל־הביתטע מיט אירע צוויי קינדער האָבן אויך מיטגעגעסן.

אַט זענען אַוועק אַכט טעג. מען פרעסט און מען שלאָפט, מען טוט גאָרנישט און מען הערט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אויפן פראָנט. עס איז געקומען צופאָרן דער קאָמאַנדיר מיט נאָך איינעם און מען האָט מיך ארויסגערופן, מ׳שטעלט מיר פאָר איינעם, אַז דאָס איז אַ דירעקטאָר פון אַ שפּיטאָל און ער דאַרף אַ שניידער. ער זאָגט מיר צו א גוטע וווינונג מיט א גוטער פענסיע און עסן וועט מיך נישט קאָסטן. איך האָב זיך גלייך אָפּגעזאָגט פון אַלע גליקן. איך ווייס ביי זיך, אז איך האָב אָנגעזאָגט מיין זון, אז ווו ער זאָל נישט זיין, זאָל ער מיר שרייבן בריוו קיין מיקאַשעוויטש און צווייטנס ווייס איך נישט פון מיין עלטערן זון, אפשר לעבט ער, וועט ער מיך דאָך זוכן, און אז איך וועל זיין אין מינסק וועל איך גאָרנישט וויסן וועגן זיי.

זיי האָבן מיך אויסגעהערט און אָנגענומען מיינע סיבות פאַר ריכטיקע. דער־ווייל האָט אונדז דער קאָמאַנדיר דערציילט נייעס פון פראָנט. האָב איך זיך אַ פרעג געטאָן, אפשר ווייסט ער, ווו איז די פּאַרטיע פון אונדזער באַטאַליאָן. יאָ, איך ווייס, זיי זענען אַלע נעבן באָברויסק אין א שול פון אונטער־אָפיצירן. מיר איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. וואָס האָב איך געקלערט. ביז ער וועט דורכמאַכן די שול, וועט זיך ענדיקן די מלחמה, אָבער מיין מזל איז נישט געווען, אזוי ווי איך האָב געקלערט.

עס זענען שוין באַלד דריי וואָכן, וואָס מיר לעבן אין קאָלכאָז און עס נעמט נישט קיין סוף. עס פעלט טאַקע גאָרנישט, אָבער מיר ציט זיך יעדער טאָג אַ יאָר. דער קאָמאַנדיר איז געקומען מיטן קאָמיסאַר און נאָך איינער. מען האָט אונדז אַלע צונויפגעזאַמלט און מ׳האָט אַלע אויסגערופן. די ערשטע זאַך איז: אַז מען האָט געגעבן דאָקומענטן פון וואָסער באַטאַליאָן און וויפל צייט מען איז געווען. מ׳האָט מיך אויך ארייננגערופן. און אויך געגעבן אַ דאָקומענט; דאָרט איז געווען געשריבן אין וועלכן באַטאַליאָן איך בין געווען פריער ביי קאָמאַראָוון און נאכהער אין יידישן באַטאַליאָן. איך האָב באַקומען 800 רובל מיט א מעדאַל. דערנאָך זאָגט ער

צו מיר: נעם אַ פֿערד און קלויב זיך אויס אַ בהמה און די מאַשין נעם אויפֿן וואָגן און פֿאָר אהיים. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם. ער פֿרעגט מיך, פֿאַרוואָס ווילט איר נישט? האָב איך אים געזאָגט, אַז שוין פֿיר יאָר, וואָס איך האָב אַזוי פֿיל איבערגעלעבט, זאָל איך איצט ריזיקירן מיין לעבן צוליב דער בהמה. זייער פֿיל באַנדעס זענען אין וועג און מען דאַרף פֿאָרן אפשר אכט טעג אָדער מער. ער האָט מיר געגעבן גערעכט. איך וויל די מאַשין דאָ איבערלאָזן ביי דער בעל־הביתטע און אַז מען וועט קאָנען, וועל איך קומען זי נעמען. האָב איך באַקומען אויפֿן וועג קאָנסערוון און ברויט.

אויפֿמאָרגן גאַנץ פֿרי איז דער עלטסטער אַוועק אין שטאָט און האָט געבראַכט עסן. ער האָט מיר געגעבן פֿינף פּושקעס קאָנסערוון, צו האַלבע קילאָ (ביי מיר איז נאָך פֿון פֿריער אויך געווען א סך קאָנסערוון), האָב איך אַלץ איינגעפּאַקט אין די וועש; איך האָב זיך געהאַט אויפֿגעניייט א ביסל וועש. פֿון אַלעם איז געוואָרן א שווער פּעקל, מיט מיר זענען נאָך געפֿאָרן צוויי, אָבער נישט אין מיין געגנט. מיר האָבן באַקומען א פֿור ביז צו דער סטאַציע, און זענען אַוועק אין א גוטער שעה.

אויף דער סטאַציע האָבן מיר זיך געפֿרעגט, ווען עס גייט אַ באַן נאָך גאָמעל, אָדער נאָך באַראַנאָוויטש. קיינער ווייסט נישט. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין צום סטאַציע־נאַטשאַלניק. ער וועט אונדז זאָגן. מיר האָבן איינעם געלאָזן אויפֿן פּלאַץ מיטן באַגאַזש און איך מיט־דעם צווייטן זענען מיר אַוועק זוכן דעם נאַטשאַלניק. נישט אַזוי לייכט צו געפֿינען. מיליטער זענען דאָ זייער פֿיל, ווי די שטערן אין הימל. מיר האָבן זיך דערשלאָגן, ווי עס איז צום געהילף־נאַטשאַלניק. מיר האָבן אַרויסגענומען אונדזערע דאָקומענטן. ער האָט אַ קוק געטאָן, זאָגט ער, אַז אויף גאָמעל גייט באַלד אַ באַן אויף דער צוועלפֿטער ליניע און אויף באַראַנאָוויטש וועט גיין שפּעט אין אָוונט. מיר זענען אַוועק אָפּזוכן אונדזער דריטן, קוים אים געפֿונען אין אַזאַ טומל. איך פֿרעג זיי, וואָס קלערט איר, זאָגן זיי, אַז זיי וואַרטן אויף שפּעטער. איך האָב גענומען מיין פּעקל אויף די פּלייצעס, זיך געזעגנט מיט זיי און אַוועק. איך גיי און צייל די ליניעס, אַלע זענען פֿאַרנומענע. מען דאַרף קריכן אונטער די וואַגאָנען. דערווייל העלפֿט גאָט, אַז איך האָב פֿאַרגעסן דעם

חשבון פון די ליניעס, אָבער אין קאָפּ קלאַפּט מיר, אַז שוין 10 ליניעס ווי איך בין אריבער. איך זע, אַז פון ווייטן דרייט זיך א קאָנדוקטאָר און פרעג אים, וווהין גייט די באַן. ער האָט מיך אָנגעקוקט, וואָס גייט עס מיך אָן. איך זאָג אים, אַז איך דארף קיין גאָמעל און איך נעם ארויס מיין דאָקומענט און ווייז אים. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן, האָט ער מיר גלייך געענטפערט, אַז ער גייט קיין גאָמעל, אָבער ער וועט זיך שלעפּן. זאָג איך אים, אָבער ער וועט דאָך גיכער אָנקומען, ווי צו גיין צופוס. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און ער זאָגט צו מיר: גייט אַהין צום לאָקאָמאָטיוו איז דאָרטן דאָ א ליידיקער פּלאַץ, אָבער גיך, ווייל באַלד גייט ער אָפּ. איך בין באַלד אַוועקגעלאָפן אַהין. עס זיצן שוין דאָרט צוויי פּויערים. איך האָב ארויפגע־וואָרפן מיין באַגאַזש און אַרויפגעקראָכן. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט ווי די באַן איז אָפּגעפאָרן אין א גוטער שעה.

דער זייגער איז געווען צוויי בייטאָג. מיר פאָרן, די צוויי פּויערים זיצן אין איין זייט וואַגאָן און איך אין דעם צווייטן. נישט איך גיי צו צו זיי און נישט זיי צו מיר. איך האָב גערעכנט, אַז זיי וועלן נישט פאָרן ווייט, אָבער עס הייבט אָן ווערן נאכט און זיי פאָרן. אויף מיר איז געפאלן א שרעק, ווער ווייסט, וואָס פאר א טיפּן זיי זענען. איך האָב באַשלאָסן, אַז די באַן וועט זיך ערגעץ אָפּשטעלן, זאָל איך אראָפּ, אָבער נישט אויף אַלע סטאַציעס שטעלט ער זיך. עס איז געוואָרן שוין גוט פינצטער אין דער באַן. דער וואַגאָן מיינער איז דער דריטער פון לאָקאָמאָטיוו. דער רויך שטיקט מיר אין האַלדז. איך דעק זיך איבער מיט מיין שינעל און לאָז אָבער נישט אראָפּ די אויגן פון די צוויי פּויערים. איך בין זייער אויפגערעגט, ווער ווייסט, די וועלט איז היינט משוגע. פאַר אַ פּאָר רובל הרגעט מען אַוועק אַ מענטשן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען אונדזער א שטעטלדיקער בחור פון געפאנגענשאפט, ווו ער האָט זיך ארומגעוואַלגערט איבער גאנץ דייטשלאנד. ער איז געווען אינדערהיים א פּאָר וואָכן, האָט מען אים אַרויסגערופן קיין מינסק, איז ער אַוועק פון אונדזער שטעט־טעלע לעבן קיין מיקאשעוויטש צו דער סטאַציע, האָט אים אַ פּויער געהרגעט און ביי אים צוגענומען צוויי פוילישע זלאָטעס.

איך הער, אַז די באַן האָט אָנגעהויבן גיין שטילער, זי וועט זיך מסתמא

שטעלן. יאָ, זי איז געבליבן שטיין. איך זע נישט קיין סטאַציע, מער נישט ווי וואַגאָנען פון בײדע זײַטן, וווּ זאָל איך גײן אין דער פינצטער. איך האָב באַשלאָסן נאָך בלײַבן.

איך האָב באַמערקט, אַז איבער מײַן קאָפּ גײט אַ שטריק פון לאָקאָמאָטיוו ביז דעם לעצטן וואַגאָן. דאָס איז דער באַן־סטאָפּ. איז טאָמער עפּעס וואָס, וועל איך אַ ציִ טאָן פאַרן שטריק וועט זיך די באַן אָפּשטעלן. איך בין בײַ זיך געוואָרן מוטי־קער און איך פלעג אַלע ווײַלע פאַררױכערן. איך האָב געוואָלט זײַ ווײַזן, אַז איך שלאָף נישט. די באַן איז נישט לאַנג געשטאַנען און איז אַוועק. איך האָב שוין חרטה, וואָס איך בין נישט געפאָרן מיט די צוויי פּאַרטיזאַנער אויף באַראַנאָוויטש. פאַרפאַלן, באַשערט אומזיסטע שרעק, איך וואָלט שוין וועלן דערלעבן, אַז עס זאָל ווערן ליכטיק. עס האָט נאָך געדויערט אַ ביסל. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. דער שלאָף מאַטערט מיך, אָבער איך האָב מורא צו שלאָפן. אין מײַן האַרצן ברענט אַ פײַער. אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און אַזויפיל זיך אָנגערויכערט. מען דאַרף עפּעס איבערבײַסן. איך האָב געעפנט מײַן זעקל, אַרויסגענומען קעלבאַס און ברויט, אַזוי ווי אַ גרויסער סוחר אין וועג. די הענט איז נישטאָ וווּ צו וואַשן. מיטן שינעל אָפּגעווישט די הענט און איך האָב זיך גענומען צו דער אכילה. איין פויער גײט צו, צו מיר. איך קוק אויף אים, מיט וואָס פאַראַ פּאַזע ער גײט. ער איז צוגעקומען, געגעבן מיר אַ שײנעם גוטמאָרגן און ער בעט מיך אַ שטיקל ברויט. איך האָב אים גלײַך געגעבן אַ שטיק ברויט מיט קעלבאַס און איך זאָג אים, אַז ער זאָל אויך געבן דעם צווייטן. זײ האָבן זיך בײדע אָנגעגעסן, ער גײט ווידער בעטן פאַררויכערן. איך האָב זײ געגעבן אַ ביסל טאַבאַק. דערווײַל האָב איך אים געפרעגט, וווהין זײ פאָרן. זאָגט ער מיר, אַז נאָך אַ סטאַציע גײען זײ אַראָפּ. אַזוי איז געווען. די באַן איז געבליבן שטײן, זענען זײ אַראָפּ. פּטור געוואָרן פון די אומזיסטע שרעק. די באַן האָט ווײַטער געגרירט. האָב איך זיך אויסגעבעט, אַ האַלבן שינעל אונטער דער זײַט, דעם צווייטן האַלבן זיך צוגעדעקט, דאָס זעקל צוקאָפּנס. די פּושקעס קאָנסערוון האָבן נישט געשטערט צום שלאָפן. איך ליג אַזוי ווי אויף אַ פּוכענעם קישן.

איך האָב געכאַפּט אַ גוטן דרימל. די באַן גײט זײער שנעל און דער רויך

שטיקט אין האַלדז. איך הער אַ פֿייף פֿון לאָקאָמאָטיוו. באַלד וועט זיין אַ סטאַציע. יאָ. זי האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. איך זע דעם נאָמען פֿון דער סטאַציע: בודע קאָשאלאָוו. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין שנור איז פֿון דעם שטעטל. איך האָב געוואָלט אַראָפּגיין, אָבער איך האָב זיך באַטראַכט, אַז אויב זיי זענען ארויסגעפֿאָרן קענען זיי נאָך נישט זיין אינדערהיים און טאָמער זענען זיי נישט געפֿאָרן זענען זיי אויף דער וועלט מער נישטאָ. איך בין נישט אַראָפּ און אַוועקגעפֿאָרן ווייטער. איצט ווייס איך שוין, אַז באַלד וועט זיין גאָמעל, ווייל מיין שנור טאַניע פֿלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז זי וווינט צוויי סטאַציעס פֿון גאָמעל. עס האָט טאַקע נישט געדויערט לאַנג און מיר זענען אָנגעקומען אין גאָמעל. שוין נישט ווייט פֿון דער היים... אָבער וווּ איז מיין היים? וווּ איז מיין פֿרוי און קינדער? איך פֿאָר, איך ווייס אַליין נישט וווהין און צו וועמען. דאָס האַרץ ציט צו קומען אין אונדזער שטעטעלע און זען מיט מיינע אויגן אַלץ. איך בין אַראָפּ פֿון וואַגאָן. איך פֿיל אַז אויף מיין פּנים פֿעלט נישט קיין סאַזשע פֿון רויך. איך האָב מיטן שינעל אָפּגעווישט דאָס פּנים. איך האָב אָנגעהויבן קריכן אונטער די וואַגאָנען, מיט שווועריקייטן אריבערגעקראָכן. איך זע, אַז די סטאַציע איז נאָך ווייט. איך האָב זיך אָפּגערוט אַ ביסל און זיך געלאָזן גיין ווייטער.

ס׳איז געווען מיטאָג־צייט. די היץ איז גרויס. איך בין שוין נישט ווייט. פֿיל מענטשן נעבן דער סטאַציע. איך בין צוגעקומען נענטער, אָן עין הרע זייער אַ סך יידן. איך זע נעבן וועמען איך גיי דורך, שטעלט מען זיך קוקן אויף מיר. איך קלער ביי זיך, וואָס זעען זיי אויף מיר. איך האָב אָפּגעשטעלט אַ יידן און איך פֿרעג אים צי עס גייען פּאַסאַזשיר־באַנען נאָך לוליניעץ (נישט אַלע ווייסן פֿון מיקאשעוויטש). זאָגט מיר איינער, אַז עס טרעפֿט זעלטן. ער פֿרעגט מיך פֿון וואַנען איך פֿאָר. און זאָגט מיר: אָט דאָ נישט ווייט איז פֿאַראַן וואַסער, וועט איר זיך אָפּוואַשן, ווייל איר זענט זייער פֿאַרקאָפּטשעט פֿון רויך. אין דער צייט האָבן זיך נאָך אַ סך יידן אָפּגעשטעלט קוקן אויף מיר. ער האָט מיך צוגעפֿירט צום וואַסער. איך האָב אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס זעקל און אויסגעטאָן דאָס העמד און זיך גענומען וואַשן. עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ פּאָר צענדליק יידן. איך הער, זיי זאָגן איינער צום צווייטן: דער ייד איז געווען ביים דייטש. מען האָט מיר צוגעטראָגן זייף. איך האָב זיך גוט אָרומגעוואַשן, מען דערלאַנגט מיר אַ האַנטוך, זיי ווייסן

נישט, וואָס צו טאָן מיט מיר. אַ ייד האלט מיין פעקל מיט מיין שינעל. קומט ר' ייד, מיט מיר. איך ווין ביי דער סטאציע און דער צווייטער זאָגט: צו מיר איז נאָך נענטער. רוף איך זיך אָן: יידן, פאַרעט זיך נישט. איך וועל נישט גיין, איך וויל וויסן, ווען קען איך פאָרן ווייטער. ווענען האָט איר דאָרטן? זאָג איך: דעם נאָמען פון מיין שטעטל.

עס זענען געשטאנען עטלעכע פרויען, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען הערנדיק מיין ענטפער. עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. איך בין מיט זיי אַוועק און טאקע נישט ווייט. איך בין אריין אין שטוב, אלע וואָס זענען געווען נעבן מיר, זענען אויך מיטגעגאנגען. יעדער פרעגט מיך באזונדער, וואָס און ווען. רופט זיך אָן די בעל־הביתטע: לאָזט דעם ייד טרינקען א גלאָז טיי. ער איז דאָך פארשמאכט. איך האָב געטרונקען טיי און צוגעביסן, מען האָט מיר דערלאנגט גוטע פּאַפּיראָסן און אלע זיצן און וואַרטן. איך האָב זיי געזאָגט: ליבע יידן, איך זע, אז אלע ווילן הערן פון מיין לאגע. איך וועל אייך דערציילן בקיצור. איך האָב זיי דערציילט פון געטאָ, פון לאגער און פון וואלד. אַלע הערן זיך איין מיט קאָפּ און יעדער האלט א טיכעלע אוןווישט די טרערן, ביז דער בעל־הבית פון שטוב האָט זיך אָנגערופן: לאָמיר לאָזן דעם יידן א ביסל זיך אָפּרוען. פרעג איך ווען גייט א באן אין אונדזער געגנט? רופט זיך אָן א יונגערמאן: גייט שלאָפן. איך וועל שוין געוויר ווערן. מען האָט מיר געגעבן א שיין בעט, רוף איך זיך אָן: איך בין נישט ריין. איך וועל אייך איבערלאָזן א סך שמוץ. עס מאכט נישט אויס. מיר וועלן זיין צופרידן, אז איר וועט זיך אויסרוען. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן.

איך בין זיך דורכגעשלאָפן. איך זע, דער זייגער אויפן וואנט ווייזט האלב פיר. דערווייל זענען נאָך צוגעקומען אַ ביסל יידן. דער יונגערמאן האָט מיר געזאָגט, אז עס גייט א צוג 5 אזייגער, איר קענט נאָך דאָ זיצן מער ווי א שעה. די בעל־הביתטע האָט געשטעלט פאר מיר וואַרעמעס. אָבער איך האָב נאָך נישט געוואָלט עסן. זיי האָבן אָנגעלייגט א פעקעלע עסן אין מיין זעקל, מען דארף שוין גיין. נעמט ארויס דער בעל־הבית פון קעשענע א פעקעלע מיט געלט און וויל מיר געבן. איך האָב אים באַדאַנקט. איך דארף דאָס נישט און איך נעם ארויס פון קעשענע די 800 רובל, וואָס מען האָט מיר געגעבן: אָט האָב איך געלט מער פון אייך. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אז ווען מיר וועט פארפעלן, וועל איך צו זיי

שרייבן, וועלן זיי מיר שיקן. זיי האָבן מיר געגעבן זייער אדרעס. מיר זענען אַוועק צו דער סטאַציע. אַלע יידן גייען מיט מיר און העלפן מיר טראָגן מיין פּעקל.

מיר זענען אַריבער עטלעכע ליניעס און זענען שוין נעבן צוג. ער גייט ביז פּינסק. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין נישט געזעצט נעבן לאָקאָמאָטיוו. מיר האָבן זיך געזעגנט זייער ליבלעך און זיי האָבן געבעטן, אז איך זאָל זיי שרייבן בריוו. אָט די יידן זענען געווען אַלע אין טיף רוסלאַנד און אז עס האָט זיך באַ־פרייט גאָמעל, זענען זיי צוריקגעקומען אהיים. זיי האָבן מיר דערציילט, אז זיי איז אויך נישט געווען אַמבעסטן, אָבער מען איז איבערגעקומען, נישט מיט די אַלע צרות און שרעק ווי איך.

איך פּאָר אַהין מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר אויסערגעוויינלעך; אפשר וועל איך טרעפן בריוו פון די קינדער. עס הייבט אָן ווערן נאכט. עס האָט זיך פאַרוואָלט עפּעס איבערבייסן. איך האָב געעפנט מיין זעקל, אויך זייער פּעקל האָב איך געהאַט, דריי קאָטלעטן מיט אַ שטיקל ברויט, איך זע, עס ליגט אַ פּעקעלע אין אַ פּאַפּיר פאַרוויקלט. איך האָב עס אויפגעוויקלט. עס איז געווען דאָרט 100 רובל. איך האָב אָנגעהויבן לאכן. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אונדזער פּאָטער יעקב מיט זיינע קינדער אין מצרים, וואָס מען האָט אריינגעלייגט בנ־ימינען דאָס געלט אין זאַק, אָבער איך בין זיכער, אז מען וועט מיך נישט יאָגן אָפּ־צוגעבן צוריק. ווען איך האָב אָפּגעגעסן קלער איך, ווען זיי לייגן אריין אַ קליין פלעשל וואַסער, וואָלט געווען בעסער ווי דאָס געלט. מיר זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע סטאַציעס האָט זיך די באַן געשטעלט. זי איז געשטאַנען אפשר אַ צוויי שעה, עס ווילט זיך אַ ביסל וואַסער, אָבער ווער ווייסט, ווו עס איז דאָ אַ סטאַציע. עס איז אין ערגעץ נישטאָ. אַלע וואָקזאַלן זענען פאַרברענט.

עס איז שוין שפּעט אין דער נאכט. עס ווילט זיך שוין זיין אויף אונדזער סטאַציע מיקאַשעוויטש. די באַן האָט געריררט. עס איז זייער פאַרוואָלקנט. באַלד איז געקומען אַ רעגן. מיר זענען אין קורצן געקומען אויף אַ סטאַציע. כ׳הער, אז ס׳איז שוין קאָלענקעוויטש. נאָכדעם גייט זיטקעוויטש. עס הייבט אָן טאָגן.. אין אַ שעה אַרום וועל איך אָנקומען אויף מיין סטאַציע, וואָס עס דערוואַרט מיר דאָרטן, ווייס איך נישט. איך גרייט זיך שוין אַראָפּצוגיין פון וואַגאָן. איך טראָג דעם שינעל, אָבער עס איז מיר קאַלט.

איך זע פון דערווייטנס דאָס שטעטל. איך קלער, אַז די באַן זאָל זיך כאָטש אָפּשטעלן, ווייל נישט אויף אַלע סטאַציעס פלעגט זיך די באַן שטעלן. מיר זענען אָנגעקומען אויף דעם אָרט, אָבער די באַן שטעלט זיך נישט, אָבער זי גייט נישט שנעל.

איך האָב בליץ־שנעל אַראָפּגעוואָרפן מיין זעקל און א שפרונג געטאָן פון וואַגאָן. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיין שינעל פאַרטשעפּעט אין די סטאָלביקעס פון וואַגאָן. אָבער איך בין אויף דער ערד. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן אין ווענטל פון וואַגאָן און דער צוג האָט זיך אין דער צייט אָנגעהויבן שטעלן. איך האָב אָפּגעטשעפּעט דעם שינעל און דאָס פּעקל איז געווען פון מיר א 200 מעטער ווייט. עס איז נאָך גאַנץ פרי. איך בין אַריבער די פּאָר ליניעס. איך האָב זיך געזעצט און פאַררויכערט. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי מיר אָן אויפהער. איך קען זיך נישט באַרואיקן, ווען איך וואַרף אַראָפּ דעם שינעל צוזאמען מיטן פּעקל וואָלט גאָרנישט געשען. גלייכצייטיק בין איך איבעראשט, וואָס איך בין שוין אויף מיין סטאַציע. איך זיץ און רויכער, גייט צו מיר צו א באַקאַנטער פויער און ער פרעגט מיר: קראַוויעץ, פון וואנען נעמסטו זיך? איך האָב אים נישט וואָס צו ענטפערן. איך פרעג אים, צי עס זענען פאַראַן עפּעס יידן. זאָגט ער מיר, אַז עס זענען דאָ א סך יידן, אַז ביי מאָטל ריוולין איז א קאָאָפּעראַטיוו אין שטוב. דאָרטן זענען דאָ יידן.

די באגעגעניש מיט באקאנטע יידן

עס איז נישט ווייט צו דער שטוב. איך בין צוגעקומען בענטער. עס איז פאַרמאַכט. מען שלאָפט נאָך? איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. האָב איך גערעכנט, אַז אַזוי ווי עס איז א שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, דאַרף דאָ זיין יודל שוסטער, דער שניידער. איך האָב געהערט אין וואלד, אַז ער לעבט מיט זיין פרוי און קינדער נעבן רעצינעוויטש. איך האָב אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו קלאַפּן אין טיר. איך הער, אַז מען גייט צו דער טיר. איך האָב דערזען נחמיהלע עפּשטיין. אָט דער, וואָס האָט מיך געשלאָגן אין וואלד ביים לויפן פון לאגער. ער האָט פאַרלאָזט זיין פרוי מיט צוויי קינדער און נאָך זיין אנטלויפן האָט זי געבוירן א דריטן זון. וואָס זאָל איך

טאָן? איך האָב נישט גוט געטראָפן. איך מוז ביי אים עפּעס פרעגן. איך האָב מיט א האַלבן מויל א פרעג געטאָן, צי עס איז דאָ פאַראַן לעבינער. האָט ער מיר געזאָגט, אז חיה ראַבינאָוויטש. איך בין תיכף אַוועק פון אים און מער האָב איך אים נישט קיינמאָל געזען. איך גיי צו חיהן. זי האָט דאַן געוווינט ביי א קריסט. ער הייסט קאָלעניק. איך בין אריין אין שטוב. ער האָט מיך נישט דערקענט. ער איז געווען א קורצזיכטיקער. איך פרעג אים וועגן דער פאַמיליע ראַבינאָוויטש. זאָגט ער מיר אַט דאָ, אין דער צווייטער טיר. איך קלאַפּ אָן. דאָס איז געווען די קיך. שטייט חיה און שלעפּט פון אויוון א גרויסן טאָפּ מיט הייס וואַסער. זי האָט געוואַשן וועש. אַז זי האָט מיך דערזען, איז ביי איר אַרויסגעפאַלן דער טאָפּ פון די הענט, א נס, וואָס דער טאָפּ האָט זיך נישט איבערגעקערט. זי האָט געקענט זיך אָפּקאָכן. זי האָט א געשריי געטאָן: קינדער! מרדכי! אונדזער שכן איז דאָ! ס'איז געוואָרן אַ טומל אין שטוב און אַלע זענען אַרויס פון זייערע געלעגערס. מען האָט מיך אַוועקגעזעצט און איך פרעג, ווער זענען נאָך דאָ פון אונדזערע לעבינער. זאָגן זיי מיר אַלע צוזאַ־מען: אייער שוואָגער איטשע ריינגאָלד איז דאָ. וווּ איז ער? אין אייער שוועסטערס שטוב. דאָרט וווינט אויך מאשע אַליקימס. אין דער צייט, וואָס מיר רעדן האָבן זיי אַוועקגעשיקט זייער קלענערן ייִנגל יאָסעלע. זאָגן מיין שוואָגער, אַז איך בין דאָ. אָבער מיר ווילט זיך שוין אים זען. הייב איך זיך אויף און לאָז זיך אין גאַס. זיי האָבן מיך נישט געלאָזט גיין. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז שפּעטער וועל איך קומען און איך בין אַוועק צו דער שטוב פון מיין שוועסטער חנה און שוואָגער געצל.

אין וועג באַגעגן איך יאָסעלען און ער זאָגט מיר, אַז דער שוואָגער איז נישטאָ נאָר מאשע לויפט מיר אַנטקעגן. זי איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז מיט א גרויס געוויין... זי פרעגט, אפשר האָב איך געזען, ווי אירע קינדער זענען אומגעקומען. איך האָב איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער זי האָט מיר אַזוי פאַרביטערט דאָס האַרץ מיט איר געוויין, אַז איך האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן א וואָרט. אין דער זעלבער שטוב האָט געוווינט חיים זאַרעצקי פון סינקעוויטש מיט צוויי קינדער. זיי זענען אַנטלאָפן פון לאַכווער געטאָ. ער האָט דערהערט מאשעס געוויין איז ער אַרויס א דערשראָקענער. וואָס איז געשען? ער האָט מיך דערזען, ווייסט ער שוין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מיר וויינען אַלע. אין דעם איז אַריין מיין שוואָגער

איטשע. מיר זענען אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זיך אויף די העלדזער מיט אַ שרעקלעך געוויין.

קוים וואָס מען האָט אונדז צענומען. מיין שוואָגער האָט געהאַט וואָס צו ווייַנען. ער האָט געהאַט פינף טעכטער, פיר שוין פאַרהייראַטע מיט דערוואַקסענע אייניקלעך און אַ מיידל פון פערצן יאָר און צוויי זין זענען געווען מיט אונדז אין לאַגער און איצט, ווען מען האָט זיי באַפרייט פון וואַלד, האָט מען זיי צוגע־נומען אין דער אַרמיי. ער אַליין איז שוין געווען מער ווי 60 יאָר אַלט. קיין אַרבעטער איז ער נישט געווען. וואָס קאָן ער איצט טאָן, זאָגט ער, ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן? איך בין שוין מקנא מיין פרוי. מען האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, זאָג איך אים: זייט נישט אַזוי געפאַלן ביי זיך. עס וועלן נאָך קומען אייערע זין און איר האָט אין אַמעריקע אַ ברודער און דערווייל בין איך אַ פאַכמאַן. איך וועל זיך זעצן אַרבעטן און מיר וועלן צוזאַמען לעבן און אין האַרצן טראַכט איך, אַז אַך און וויי איז צו אונדז אַלע, וואָס מיר האָבן דערלעבט.. מאַשע האָט איינגעהייצט די פּליטע. ביי איר זענען געווען קאַרטאָפל און האָט זיי אָפּגעקאָכט און איך האָב אַרויסגענומען אַ גרויסע פּושקע קאָנסערוון. מיר האָבן אַלע אָפּגעגעסן אַ גוטן אָנבייסן. מאַשע זאָגט, אַז עס וואָלט געווען גוט אַ גלאָז טיי, באַר קיין צוקער איז נישטאָ. זאָג איך, איך האָב סאַכאַרין, וואָס דער קאָמיסאַר האָט מיר געגעבן. מיר האָבן געטרונקען, נאָך אַ ביסל גערעדט און געגאַנגען שלאָפן.

איך האָב זיך גוט דורכגעשלאָפן ביי מיין שוועסטער און שוואָגערס שטוב. כאָטש זיי זענען נישטאָ, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז זיי דאַרפן ערגעץ לעבן. מיין שוואָגער איטשע איז נישטאָ אין שטוב. איך פרעג מאַשען, ווו קען ער זיין? זאָגט זי מיר, אַז יעדן טאָג גייט ער אוועק צו זיינע באַקאַנטע קריסטן. איך האָב באַטראַכט די שטוב. עס זענען געווען זעקס צימערן מיט אַ קיך און אין יעדן צימער איז געווען אַ משפחה. דריי צימערן האָבן פאַרנומען יידן און דריי צימערן קריסטן. פון די יידן איז געווען חיים זאַרעצקי, מאַשע מיט איר 10־יאָריקן יינגל שמעון (ער איז דאָ היינט אין ישראל מיט זיין פאַמיליע). אין דער קיך וווינט מיין שוואָגער איטשע און איך בין געוואָרן זייער אַ שותף. איך פרעג מאַשען, ווו איז יודל דער שניידער מיט זיין פאַמיליע, זאָגט זי, אַז ער וווינט אין לוליניעץ און דאָרטן לעבט אויך חיים שעורין, ווי מען פלעגט אים רופן „די פאַ־

צינקע״. דאָרטן וווינט אויך דוד שלום צוקראָוויטש. אין מיקאַשעוויטש איז אויך דאָ אונדזער שוחט ר׳ משה נאָוואק מיט אַ זון.

איך האָב איר געגעבן אַלע קאָנסערוון. זי פרעגט, מסתמא טריפה? זאָג איך איר: ניין, כשרע, פאַר מיין אַפּפאַר פון מינסק, האָב איך זיך געאיילט, האָט מען נישט באַוויזן צו לייגן דעם הכשר. (עס זענען געווען פּופּצן פּושקעס). מיר האָבן געגעסן א זופּ מיט שוועמלעך, זייער גוט געווען. פאַרנאַכט זענען געקומען צוויי סטאַראָביִנער יידן. זיי זענען געווען אין דעם זעלבן באַטאַליאָן, ווו איך ביי קאָמאַ־ראָוון, האָבן זיי איצט געווינט אין מיקאַשעוויטש. עס זענען געקומען חיים שמחה און צוויי יונגע בחורים פון שטעטל ביטען נעבן באַראַנאָוויטש. איינער האָט גע־הייסן מאיר יאפע, א רבס א זון, דער צווייטער אסטראָמעצקי. (זיי זענען דאָ היינט אין ישראל). מיר האָבן זיך אַלע דערציילט פון אונדזערע צרות און זיצן אין דער פינצטער. קיין ליכט איז נישטאָ. אַזוי זענען מיר געזעסן ביז 12 אַזייגער. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן מיטן שוואָגער. מיר זענען ביידע נישט געשלאָפן, ווייל דאָס בעטל איז א שמאָלינקע, ווי עס איז, זענען מיר איבערגעקומען די נאכט.

אינדערפרי, עס ווילט זיך א דאוון טאָן, נאָר קיין טלית און תפילין זענען נישטאָ, אָבער אין וואָס דאַווענען איז פאַראַן. איטשע מיט מאשען האָבן אויפגע־קליבן מיין שוואָגער געצלס מחזורים און חומשים. מיר האָבן געדאַוונט, איבער־געביסן און איך בין אַוועק אין גאַס. אַריין אויף דער פּאָסט און איך האָב געבעטן, אז אויב עס וועט זיין א בריוו פאַר קראָוויעץ — גיב איך אָן אַן אַדרעס.

איך בין אויך געווען אין דער גמינע און אויך דאָרט אויפגעגעבן מיין אדרעס. דערווייל האָב איך זיך געטראָפן מיטן שוחט ר׳ משה נאָוואק. האָב איך אים גע־פרעגט, צי ער איז א בעלן צו מאכן א שפּאציר צו אונדזער שטעטעלע לענין. יאָ, ער איז מסכים. מיר האָבן זיך דערערעדט אויף זונטיק פרי. איך גיי שוין צוריק, באַגעגן איך אַ מענטש מיט ברילן, אָן א היטל מיט א לאנגן געלן סוועטער, כמעט ביז דער ערד. איך זע, אז עס איז א ייד, אָבער איך קען אים נישט. איך האָב געפרעגט מאשען. זאָגט זי, אז דאָס איז דער ייד פון סינקעוויטש, געווען אין לאכווער געטאָ. ער וווינט דאָ מיט א יונגער פרוי, וואָס האָבן זיך באַקענט אין וואַלד. פרעג איך: וואָס אָן א חופה? רופט זיך אָן מאשע: וואָס זאָל מען גיין אויסגראָבן

די רבנים פון דער ערד. זיין פאמיליע איז דאכט זיך פישמאַן. ער האָט געאַרבעט אין מיקאשעוויטש אין א פאבריק אלס א סטאָלער.

מאשע ווייזט מיר, אז זי האָט שוין צוגעגרייט אויף דער נאכט א לאָמפּ. זי האָט געפונען א טינטער מיט א ביסל טערפּענטין און א קנייטל געמאכט פון וואטע, עס ברענט זייער גוט. מען פילט דאָס א ביסל. אָבער קיין ווערעם וועלן נישט זיין ביי קיינעם. שמייכלט זי צו. מאשע גרייט צו וואַרעמעס. פרעג איך: וואָס אירווילט מיך אויסהאלטן מיט עסן? איך האָב אַ פּאָר פוד מעל, א פּאָר פוד קאַרטאָפל

משה נאָוואָק און פרוי מיט זייערע צוויי זין
(יצחק געפינט זיך אין רוסלאנד, יהושע איז געשטאָרבן אין ישראל)

און א ביסל גרויפּן, וועלן מיר דערווייל עסן. איך פרעג: צי קאָן מען עפּעס קויפן? יאָ! מען קריגט אויפן מאַרק אַ שטיקל פּוטער, פלייש, אַן עוף, אייער, אָבער ווו נעמט מען געלט? נעם איך ארויס פּופציק רובל און גיב איר איינצוקויפן. פון וואנען האָט איר געלט? איך בין דאָך געווען אזויפיל צייט אויף א גוטער פרנסה האָב איך פאַרדינט. איך האָב מיר געשאפן היי מיט שטרוי, אז עס זאָל זיין אויף וואָס צו שלאָפן. א בעט האָב איך געפונען אויף דער גאס פון געטאָ און האָב שוין אַן אייגענעם געלעגער. איך האָב מיר געמאכט א קישעלע און לאַך שוין פון דער וועלט.

פאַרנאכט אלע יידן זענען אהיימגעקומען. עס איז אריין צו מיר פסח, א גוטער באקאנטער, וואָס מיר זענען געווען אין לאגער צוזאמען. (ער איז געווען א פּליט). ער האָט געוווינט ביי אונדז אין לעניק מיט אַ פרוי און א קינד, וועלכע זענען אומגע־

קומען ביי די מערדער. נאָך דער קריג האָט ער חתונה געהאט אין מיקאשעוויטש פאר כלאַבנע טאפּצ׳יקס א טאָכטער. זיי לעבן הייַנט אין לוליניעץ. כ׳האָב אים געפרעגט צי ער וויל גיין קיין לענין. יאָ! אזוי זענען מיר שוין 3 מאן צום וועג. עס איז געוואָרן באכט. מאשע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. עס האָט פארלייכט דעם גאַנצן צימער, דעם טערפּענטין פילט מען גאנץ גוט. ווידער דערציילט יעדער באַזונדער פון זייַנע דורכגעמאכטע צרות. איך האָב זיי דערציילט, אז איך האָב איבערגעלאָזט א נייי־מאשין נעבן מינסק. זאָגט מאיר יאפּע און שמואל אסטרעמעצקי: אויב איר ווילט, קענען מיר אייך ברענגען די מאשין, אָבער גיט אונדז א באַפּולמעכטיקונג. מיר ארבעטן אין פאבריק, פאָרן מיר אלע צוויי וואָכן נאָך מינסק ברענגען פּראָדוקטן, וועלן מיר אייך ברענגען די מאשין. דערווייל האָט מאשע אָפּגעקאָכט א טאָפּ קארטאָפל און זיסע טיי. צו דער טיי האָט זי איבערגעברענט א שטיקל ברויט, עס זאָל באקומען די ריכטיקע קאָליר. עס ליגט מיר נאָך הייַנט דער טעם אין מויל...

מיר זענען זיך טאקע זונטיק 8 אינדערפרי צונויפגעקומען און מיר זענען אַוועק קיין לענין.

מיר זענען אדורך דעם דאָרף רודניע. עס איז כמעט נישט צום דערקענען דעם וועג, וועלכער איז פארוואקסן געוואָרן מיט גראָז, ווייל קיינער איז אויף אים נישט געפאָרן אין דער צייט פון דער מלחמה. מיר האָבן זיך אָפּגערוט א פּאָר מאָל און זענען געקומען צו דער לאַנגער גרעבלע.

דער זייגער איז שוין האַלב 11.. די גרעסטע היץ. אויף דער גרעבלע איז נישט אַזוי הייס. די געדיכטע און גרויסע ביימער פארשטעלן די זון. עס איז גוט צו גיין און קיין זאמד איז אויך נישטאָ. אַלץ פאַרוואַקסן מיט גראָז. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם גאנצן וועג, בערך אַכצן קילאָמעטער און מיר האָבן קיינעם נישט געזען, אזוי ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין וועג נישט געווען. מיר זענען שוין נישט ווייט פון אונדזער שטעטעלע. מען זעט נישט קיינעם, נישט קיין פּאַסטוך אויף די פעלדער. מיר זענען שוין אין שטעטל נעבן דעם רויטן מויער, ווי מען האָט עס

גערופן. ער שטייט גאנץ און מער זעט מען נישט קיין הייזער, פאַרוואַקסן די גאַנצע גאַס מיט גראָז און מיט קראָפּיווע און בערעלעך. מיר גייען ווייטער, שוין נישט ווייט פון דער גמינע. עס שטייט פון פאַרברענטע ברעטלעך אַ בודקעלע. עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ פויערטע פון דאָרט, האַננאַ קאַצמעליכעס, ווי מען פלעגט זי רופן. זי האָט אַ פּאַטש געגעבן מיט די הענט. אָט זע, וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער שיין שטעטל, קומט וועל איך אייך ווייזן, וווּ אייערע יידן ליגן. זי גייט מיט אונדז און רעדט און וויינט: אייערע יידן האָט מען געשאָסן און זיי ליגן אַלע אין איין גרוב און אונדזערע האָבן זיי פאַרברענט לעבעדיקע. מיר זענען צוגעקומען, וווּ עס איז געווען די גמינע, שטייען דאָ נאָך עטלעכע בודקעס. אַ קוק טאָן אויף דעם שטעטעלע, האָט דאָס האַרץ געריסן, בישט צום דערקענען, ווי ס'איז געשטאַנען אַ שטוב. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזויפיל גראָז מיט קראָפּיווע, אפילו קיין דורכגאַנג איז נישט געווען, פאַרוואַקסן געוואָרן אַ וואַלד מיט ביימלעך. די פויערטע גייט מיט אונדז ביז מיר זענען געקומען צום גרויסן קבר — פון 40 מעטער די לענג און צוויי מעטער די ברייט. דאָ איז נישט געווען קיין גראָז, נאָר זאַמד פאַרשאָטן מיט קאַלך; עס זענען נאָך געלעגן די פּעסלעך פון דעם קאַלך. אין טייל ערטער זענען געווען סימנים פון בלוט. מיר האָבן זיך געזעצט נעבן קבר און זענען אַזוי אָפּגעזעסן עטלעכע שעה.

ס'איז שווער צו באַשרייבן, וויפל טרערן מיר האָבן דאַן פאַרגאָסן. דער יונ־גערמאַן פּסח. טוט אַ קוק אויפן זייגער: עס איז שוין דריי, שוין צייט גיין אהיים. זאָג איך: מיר האָבן נאָך אַן אָרט, וווּ צו גיין, צו דעם אַלטן הייליקן אָרט. זיי האָבן אַ קליינעם חשק געהאַט צו גיין. עס איז טאַקע געווען אַ הייסער טאָג און מען איז הונגעריק, אָבער זיי האָבן מיך געפאָלגט און מיר זענען אַוועק איבער די פעלדער, עס זאָל זיין נענטער. די פעלדער זענען נישט געווען געזייט, עס איז פשוט נישט געווען, ווער. מיר זענען צוגעקומען צום הייליקן אָרט, נישטאָ קיין צוים, די גרעסטע טייל מצבות ליגן צעבראָכענע און איבערגעקערטע. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן שטח און מיר זענען פּאַמעלעך אַוועק. מיר זענען צוריק־געגאַנגען ווו די גמינע איז געווען, האָבן מיר געטראָפן אַ יונגן פויער, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער פון קיצעס אייניקלעך. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער מיר

געפאלן אויפן האלדז: פון וואנען נעמסטו זיך? זאג איך אים, עס איז איצט נישט די צייט צו דערציילן. מיר דארפן נאך גיין קיין מיקאשעוויטש. רופט ער זיך אן: איך האב וואס צו דערציילן. מיר האבן זיך ערגעץ אוועקגעזעצט און ער האט אנגעהויבן דערציילן וועגן דעם פארנאכט, וואס אויפמארגן האט מען אויסגעהרגעט די יידן. „ווען עס האט אנגעהויבן ווערן פינצטער, האבן אנגעהויבן די דייטשן צו גיין איבער זייערע הייף מיט געווער און פולעמיאטן. ער זיצט אין שטוב און זעט פון פענצטער. דאן זענען זיי געגאנגען צום גלחס גארטן. דא האבן זיי באלאגערט דעם געטא. ער האט געזאגט, אז ער האט פארשטאנען, אז עס וועט עפעס זיין נייעס די באכט.

ביינאכט, מען קלאפט אין פענצטער. ער איז צוגעגאנגען נענטער. עס שטייט באריסקא און ער זאגט צו אים: נעם איין לאפאטע און גיי צו דער גמינע. ער איז תיכף אוועק, דארט זענען שוין געווען פיל מענטשן אויך מיט לאפאטעס און זיי ווייסן נישט וועגן וואס עס האנדלט זיך. דאן איז באריסקא געקומען און געהייסן זיי גיין צו דעם גרויסן גרוב און מאכן אים ריין. (דער גרוב האבן נאך געגראבן אונדזערע יונגע קינדער, איידער מען האט זיי דערמארדעט). ער האט זיי געזאגט, אז היינט וועט מען הרגענען אלע יידן. זיי זענען אוועק מסתמא מיט גרויס חשק. עס וועט דאך בלייבן פאר זיי אזויפיל יידיש גוטס. אז עס האט אנגע־הויבן טאגן, האט באריסקא געהייסן זיי אוועקגיין פון דאנען אין קאנטאר. דער זעלבער פויער איז דאן ארויפגעקראכן אויף א הויכן בוים און ער האט אלץ געזען.

עס האבן אנגעהויבן גיין יידן צו דעם אפענעם קבר און עס זענען שוין גע־שטאנען די מערדער גרייט צו דער ארבעט. מען האט געהייסן זיך אויסטאן נאקעט און מען זאל אזוי צוגיין צום קבר. מען האט אנגעהויבן שיסן און די יידן פאלן אין קבר אריין. פייוול סטרוגאטש איז געקומען צום קבר, די הענט אויף הינטן פארלייגט און ער איז ארומגעגאנגען דעם גאנצן קבר און באטראכט גוט, ווו ער וועט ליגן. ער איז אוועק זיך אויסגעטאן און ער האט געלאזט די גאטקעס מיט דעם היטל; מען האט אים אבער נישט געלאזט אזוי און ער האט געמוזט אלץ אויסטאן און איז צוגעגאנגען מיט די הענט אין דער הייך און באלד האט מען אים שוין נישט

געזען. ביי ריווע באבקין זענען געווען צוויי מיידלעך, זענען זיי ביידע געקומען נישט אויסגעטאָן, הייסט מען זיי זיך אויסטאָן, האָבן זיי נישט געוואָלט.

די מערדער האָבן זיי נאָכאמאָל באַפוילן זיך אויסטאָן, האָבן זיי ווידער נישט געוואָלט, האָט מען זיי אָנגעהויבן מערדערלעך שלאָגן מיט נאַגייקעס און מען האָט געריסן פון זיי די זאַכן, און אז זיי זענען שוין געווען נאַקעט, האָט מען נאָכמער

הינטער דעם שטעטל לעניִן ביים מאסן־קבר פון די אומגעקומענע
(אין טאָג פון יאָרצייט)

געשלאָגן, ביז זיי זענען געפאלן; מען האָט נאָך זיי געשלעפּט פאַר די האָר צום קבֿר.

אָט דאָס אַלץ האָבן מיר אויסגעהערט און מיר זענען אוועק.

ווען מיר זענען אַוועק איז דער פויער פּאוולא געגאנגען מיט אונדז ביז ענדע פון דעם שטעטל. דערווייל האָט ער נאָך דערציילט אַ געשיכטע.

ווען מ׳האָט פאַרענדיקט די אַרבעט איז געקומען ווידער באַריסקא צו די פויערים און ער האָט זיי גערופן, זענען זיי אוועק. ווען זיי זענען געקומען צו צום קבר איז נאָך אַ סך מענטשן געלעגן לעבעדיקע, פאַרוואונדעטע, בפרט אין קאָפּ און ווער אין די הענט. שטייען זיי און קוקן, וואָס טוט זיך דאָ, האָט באַריסקא אַ

געשריי געטאָן: וואָס שטייט איר, פאַרשיט די זשידעס און עס איז געווען נעבן קבר א פּאָר מערדער און זיי האָבן אָנגעהויבן שיטן דאָס זאמד און די פאַרוואונדעטע יידן ליגן און וויינען. ער האָט נאָך געוואָלט דערציילן, האָב איך אים געזאָגט: גענוג. מיר קאָנען שוין מער אזעלכעס נישט הערן. נעבן דעם רויטן מויער האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן פויער. מיט וואָס פאַרא צעבראָכענע הערצער מיר זענען אַוועק פון דאָרטן, איז זיך שווער פאָרצושטעלן.

דער זייגער איז געווען פינף. מיר גייען שנעל, אַז עס זאָל אונדז נישט פאַר־כאַפּן די נאַכט. מיר אַלע שווייגן. די הערצער זענען פאַרקלעמט, אז מיר האָבן נישט געקאָנט רעדן.

אַזוי זענען מיר אָפּגעגאַנגען ביז העלפט, איז דער זייגער שוין געווען האַלב זיבן. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף א פּאָר מינוט, פאַרויכערט און אַוועק ווייטער. ביז מיר זענען געקומען צו רודניע איז שוין געווען גוט נאכט. די צווייטע העלפט וועג גייט זיך שווערער, ווייל מיר זענען פשוט דערשעפט געוואָרן און הונגעריק. מיר זענען געגאַנגען פּאמעלעך. דאָ האָבן מיר שוין נישט קיין מורא. מיר זענען צוגעקומען צו דער שולע נעבן דער בריק, שטייט מאשע. וואָס אזוי שפּעט? האָט איר דאָרט געגעסן? אָבער ווער קען איר ענטפערן? זי האָט מיר געזאָגט: מרדכי, איר האָט אַ בריוו פון אייער שוועסטער חנהן. זי האָט מיך דערפרייט מיט דעם. איך בין געקומען אין שטוב, אלע יידן זיצן און וואַרטן. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן פרעגן. כ'האָב איבערגעלייענט דער שוועסטער חנהס בריוו. זי האָט געשריבן. אַז זיי לעבן אדאנק גאָט אַלע, ווען מען גיט זיי א דערלויבעניש קומען זיי אהיים און זי האָט מיר געשריבן דעם אדרעס. דער בריוו איז נישט געווען צו מיר. זי האָט גע־שריבן סתם אין דער וועלט אריין, אפשר לעבט ווער פון מיין געזינדל. די יידן, וואָס זענען געקומען זיך אדורכרעדן, האָבן געזען, אז איך בין זייער מיד. זיי האָבן געזאָגט: מיר וועלן שוין קומען מאָרגן און זענען אַלע אַוועק. איך האָב א ביס געגעבן און תיכף זיך געלייגט שלאָפן.

אינדערפרי האָב איך נאָכאמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו פון מיין שוועסטער. זי שרייבט, אז זיי געפינען זיך אין קיזאלקיא. מיינע אָבות אבותינו האָבן זיכער נישט געהערט פון דער געגנט. איך האָב זיי אָנגעשריבן אַ בריוו און אַ ביסל באַשריבן וועגן מיר און אורעקגעשיקט.

פון מיינע קינדער הער איך גאָרנישט, ס׳איז שוין אַריבער אַכט טעג, וואָס איך בין געווען אין מיקאשעוויטש, האָב איך זיך באטראכט, אז עס איז נישט קיין פלאַן, זיצן און ווארטן, אַז מאַשע זאָל עפּעס אָפּקאָכן און מיר דערלאנגען. רוף איך זיך אָן צו מאשען, ווען עס זאָל זיין, ווו צו דינגען א ניי־מאשין, וואָלט איך געקאָנט זוכן אַרבעט און עפּעס פאַרדינען צום לעבן. זאָגט זי צו מיר, אַז ס׳איז דאָ א קריסטין, וואָס בעט א פוד מעל אַ חודש. מיר זענען אַוועק זען די מאשין. יאָ, אַ



אן אזכרה נאָך די אומגעקומענע פון שטעטל לענין

גוטע מאשין. איך האָב זי גלייך צוגענומען און געבראכט אין שטוב. אויפמאַרגן איז שוין געווען, וואָס צו טאָן. געווייינטלעך קיין נייע ארבעט איז נישט געווען, קיין מאַגאַזינען מיט סחורות זענען נאָך נישט געווען. ביי די פויערים זענען געווען אייגענע שטאָפן און קיין געלט איז נאָך נישט געווען, פלעגן זיי צאָלן מיט פּראָדוקטן. דאָס איז נאָך בעסער היינט ווי געלט, ווייל פאר געלט איז געווען שווער צו קויפן און די מלחמה גייט נאָך.

עס זענען אַריבער צוויי וואָכן, איז געווען אין שטוב פון: אַ ביסל מעל, א פאָר פוד קארטאָפל, פוטער, אייער, פלייש. מאשע האָט געקענט א ביסל נייען, זאָגט זי צו מיר, אַז איך זאָל איר געבן עפּעס וואָס צו טאָן. זי וועט מיר צוהעלפן. פאַר מיין שוואָגער איטשען האָט אויך געווגנד צו עסן. זי האָט געמאכט עסן פאר אלע.

עס איז דאן געווען אין מיקאָשעוויטש מיכאל (בערל ווערדראָווס א זון), וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע צרות און איז אויך געקומען פון וואלד נאַקעט און באָרוועס (ער האָט דאָ אין ישראל אַ גרויסע פאמיליע). ער פלעגט קומען צו אונדז איז פאר אים אויך דאן געווען עסן און מיר פלעגן פון אים פארלאנגען, אז ער זאָל קומען אויך אינדערפרי. ער איז דאן געווען אלט אכצן יאָר, האָט זיך דעמאָלט געשאפן א שול פאר שאָפערן, האָט ער מיך געפרעגט אן עצה, צו זיך פארשרייבן, האָב איך אים גלייך געהייסן זיך פארשרייבן. ער האָט געהאט חשק און זיך גוט געלערנט.

עס זענען אַדורכגעגאנגען אַ פאָר חדשים, מען נעמט שוין אין ארמיי און ער איז באָרוועס און נאַקעט. מיר האָבן פאר אים געשאַפן א פאָר גוטע שיך מיט הויזן און מיר האָבן אים געגעבן עטלעכע רובל אויפן וועג מיט עסן און ער איז אַוועק. ער האָט געדינט אויף אוקראינע און האָט דאָרטן געהייראַט.. ער איז איין מאָל געקומען מיט זיין פרוי. זיין פאָטער בערל לעבט אויך אין רוסלאנד אין פעטי־גאָרסק. ער איז אויך געקומען קיין מיקאָשעוויטש.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט מיר די פאָסט געבראַכט אַ בריוו. איך עפן דעם בריוו, פון מיין זון געצלען, וואָס האָט מיט מיר דורכגעמאַכט אַלע צרות. ער שרייבט, אז ער איז נעבן באָברויסק אין א שולע און באלד פאַרענדיקן זיי דעם קורס און זיי וועלן פאָרן אויפן פראָנט. גוט צו הערן און קיין אדרעס צוריק איז נישטאָ. עס זענען אדורכגעגאנגען א פאָר וואָכן, איז עמעצער אַריינגעלאָפן צו מיר מיט א טומל: ר׳ מרדכי, אייער זון געצל איז אויף דער סטאַציע. ער פאָרט מיט אַ צוג, ער וויל זיך זען מיט אייך. איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן.

מיט איין אָטעם בין איך צוגעלאָפן צו דער סטאַציע. איך זע אים נישט; עס זענען געפאָרן טויזנטער מענטשן, איז די סטאַציע באַלאַגערט פון זיי. איך האָב זיך מיט אים אויסגעמיטן. ער איז געלאָפן צו מיר מיט אַן אַנדערער גאַס און מאשע איז געגאנגען מיט יענער גאַס. האָט זי זיך מיט אים געטראָפן.. אין א גוטער שעה האָבן מיר זיך געפונען עס איז שוין נישט דער זעלבער געצל, אויסגע־דאַרט, עסן גיט מען וויניק און ארומיאַגן, קאָן מען זיך פאָרשטעלן. איך ווייס נישט פון פרייד וואָס צו טאָן. רופט זיך אָן מאשע: מען דאַרף אים געבן עפּעס עסן. עס איז דאָ אין דער היים צוויי לעבלעך ברויט און קאָנסערוון. זי איז געלאָפן

ברענגען. עס דויערט נישט לאנג. זי איז דאָ צוריק מיט א זעקעלע מיט ברויט און קאָנסערוון, פוטער האָט מען נישט געקאָנט אים געבן אין אזא היץ. ער האָט שוין צווויי בענדלעך. ער האָט געהאט חשק זיך אָפּשטעלן אויף א טאָג צייט, אָבער איך האָב אים נישט געהייסן. מען קאָן אים נאָך אָננעמען פאר א דעזערטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט. מיר הערן אַ סיגנאַל. מען רופט זיי שוין. רופט זיך אָן מאַשע צו מיר: איר האָט געלט, גיט אים.

ווען זי דערמאָנט מיך נישט, וואָלט איך זיכער פארגעסן, אזוי צעטומלט בין איך געוועזן. איך האָב אים תיכף געגעבן געלט, יויפל איך האָב געהאט ביי זיך. עס איז שוין דער צווייטער סיגנאַל און באלד דער דריטער. מיר האָבן זיך געזעגנט. איך האָב שטארק געוויינט. דער צוג האָט פאמעלעך געריהרט פון אָרט. איך גיי נאָך א פאָר טריט. איך זע, אז ער האָט זיך שוין גענומען צום זעקעלע און ער עסט. מסתמא איז ער געוועזן גוט הונגעריק. איך לויף באַלד און שריי צו אים, ער זאָל שרייבן בריוו. ער האָט אַ מאָך געטאָן מיטן היטל פון וואַגאָן. אַ גוטער גאַסט אויף אַ שעה.

מיר גייען אהיים זייער פארטרויערט און מיר הערן אין ראדיאָ, אז נעבן ווארשע גייען גרויסע קאמפן. איך בין געקומען אין שטוב. איך האָב זיך צוגע־לייגט. מאַשע רופט מיך צום עסן, אָבער איך האָב נישט קיין חשק.

עס איז געוואָרן נאַכט, אַלע יידן זענען דאָ, מען איז געגאַנגען צו מיר אַזוי ווי צו א גוטן יידן. איך האָב זיי דערציילט, אז איך האָב געהאט א גאסט אויף א שעה. זיי האָבן מיך געטרייסט: איר וועט נאָך דערלעבן זיך זעען מיט אים אויף א גוטן אופן, ווען מען וועט פטור ווערן פון היטלערן. דערווייל האָבן זיי זיך ביי מיר געפרעגט, וואָס איך האָב געזען נעכטן אין לענין. איך האָב זיי דערציילט, וואָס דער פויער האָט מיר איבערגעגעבן. מאשע איז אויך געזעסן נעבן טיש, האָט זי דערהערט, איז זי ארויס מיט א גרויס געוויין און עס איז איר שלעכט געוואָרן. קוים וואָס מען האָט זי דערמונטערט. דאָס האַרץ איז ביי איר געווען זייער א צע־בראָכנס. דער מאַן איז געשטאָרבן אין וואלד און 4 זין זענען געגאנגען פאר־פאַלן. האָט זי נעבעך געהאט, וואָס צו וויינען. דערווייל האָט מיר געזאָגט מאיר יאפע און אסטראמעצקי, אז איך זאָל זיי צוגרייטן א באפולמעכטיקונג וועגן ברענגען מיר די מאשין. די טעג פאָרן זיי נאָך מינסק און זיי זענען אַוועק.

מיין שוואָגער איטשע האָט זיך ארייגעקלאפט אין קאָפּ. ער וויל אוועקפאָרן. וואָס איך האָב אים אָנגעבעטן, אז ער זאָל נישט פאָרן און נישט געקאָנט איבע־רעדן. ער זאָגט, אז באלד איז שוין יום־טוב און דאָ וועט נישט זיין קיין מנין און צווייטנס, די שטוב וועט קיינער נישט פארכאפן (דאָס הייסט, די קיך אונדזערע). איך האָב אים גוט פארשטאנען. אים איז נישט געווען אָנגענעם, וואָס איך ארבעט און פארדין און ער עסט בחינם. דו ווילסט אפשר נישט זיין מיט מיר צוליב דעם עסן. ביין, זאָגט ער: נישט צוליב דעם. איך וויל זיך בלויז דורכפאָרן. קיין געלט קאָסט נישט. מ׳זעצט זיך אויף, אויף אַ לאָסט־באַן און מען קען פאָרן, וווהין מען וויל. ער איז אוועקגעפאָרן. עס איז אדורכגעגאנגען אכט טעג, באקום איך פון אים א בריוו. ער שרייבט, אַז ער איז געוואָרן א שמש אין א שול און עס איז אויך דאָ א שטיקל רב. מען האָט אים געגעבן א שטוב מיט זאכן. מיר האָט שוין פון דעם הנאה געטאָן. דאָ פלעגט ער ארומגיין גאנצע טעג און זיפצן און נישט געווען צופרידן פון זיין לעבן. דאָרטן וועט ער האָבן אן ארבעט, וועט ער זיין פאַרנומען מיט דער שול און וועט זיך א ביסל באַרואיקן.

דערווייל האָב איך צוגעגרייט א באפולמעכטיקונג וועגן ברענגען מיר מיין מאשין. זיי זענען אַוועקגעפאָרן. איך האָב זיי געגעבן דעם אדרעס צו דער פויערטע. עס האָט געדויערט פינף טעג, ווי איך זע אין פענצטער מיינע צוויי יונגעלייט. זיי זענען צוגעפאָרן ביז צו דער שטוב. איך האָב זיך ארויסגעכאפט אויפן הויף. ר׳ מרדכי, איר קענט זיך זען מיט אייער מאשין. זיי האָבן מיר געהאָלפן אריינ־טראָגן זי אין שטוב. איך האָב נאָך ביי דער פויערטע געלאָזט א גוטע קאָלדרע (א וואָלענע און זייער א שיינע). זי האָט מיר גוט געפעלט. זיי האָבן מיר געזאָגט, אז זי האָט נישט געהאט קיין חשק צו געבן די מאשין, אָבער זיי האָבן זיך נישט געלאָזט נארן און זענען אַוועק אין דאָרפס־ראט און באַוויזן מיינע פאַפירן, איז דער באטשאלניק אַוועק אַהין און געהייסן אַרויסגעבן די מאשין, אָבער וועגן דער קאָלדרע האָב איך נישט געשריבן. מילא. איך וועל מיר מיט דער ביי־מאשין פאַרדינען אַ סך קאָלדרעס. איך האָב זיי פאר דעם ברענגען שיין באפרידיקט. (די דאָזיקע פארטיזאנער־מאשין האָב איך געבראכט אַהער קיין ישראל).

מאשע

א פּאָר ווערטער וועגן מיין פערזענלעכן לעבן פון מיקאשעוויטש.

עס זענען אַריבער כמעט צוויי חדשים פון מיין קומען, פון מינסק האָט זיך מאשע באַטראכט און מיט גרויס שווערקייט האָט זי זיך צו מיר געווענדעט: הערט מרדכי, איך וויל אייך עפּעס זאָגן. ביטע זייער. מיר איז נישט אָנגענעם, וואָס איך פאַרנעם דאָ ביי אייער שוועסטער א גוטן צימער און איר שלאָפט אין קיך נעבן

מאשע סלוצקי ז"ל, איר מאן איז געשטאָרבן אין וואלד
(עס זענען ביי זיי אומגעקומען 4 זין)

דער טיר. עס גייט צו ווינטער. עס איז נישט גוט אַזוי. — איז וואָס ווילט איר? זאָגט זי: לאָמיר זיך בייטן, איר גייט אין מיין צימער און איך וועל זיין אין קיך. דאָס בין איך נישט מסכים מיט אייך, אז איר זאָלט ליגן נעבן דער טיר. אָבער עס איז דאָך אייער שוועסטערס שטוב. איך האָב איר גוט פאַרשטאַנען. איר איז נישט געווען אָנגענעם פוןביידע זייטן. די ערשטע זאַך, וואָס איך אַרבעט און פאַרדין זייער גוט און זי עסט אויך מיט איר יינגל, כאָטש זי האָט מיר גוט געהאָלפן אין דער אַרבעט און צווייטנס, וואָס מענטשן גייען אריין צו אונדז און מיר לעבן

צוזאמען און עסן צוזאמען. דאָס האָט איר געקימערט, אז מען זאָל וועגן איר עפּעס שלעכטס רעדן. בקיצור, מיר האָבן זיך דאן דערדעדט, אז מיר זאָלן זיך צוזאמענ־קומען.

אויפצומאָרגנס האָב איך אריינגערופן א פּאָר יידן און איך האָב איר מקדש געווען און מיר האָבן געלעבט א שיינעם לעבן. אין א קורצער צייט ארום איז געוואָרן בעטגעוואנט און עפּעס וואָס אָנצוטאָן.

אין א שיינעם פרימאָרגן זיץ איך און ארבעט. איך זע אין פענצטער — עס לויפט מרדכי זייציק, לייבל דעם קרומענס אַ זון, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע צרות. ער שרייט פון דער וויטנס: ר׳ מרדכי, פון אייער זון אברהמעלען א בריוו. איך האָב זיך אזוי פארלוירן, אז איך האָב געוואָלט זיך אויפהייבן פון בענקל און איך האָב נישט געקענט פון גרויס פרייד. דער בריוו איז געווען געשריבן נישט צו מיר נאָר אין דאָרפס־ראט. ער האָט שטארק געבעטן, אז מען זאָל אים געבן ענטפער צי פון זיין פאַמיליע לעבט עמעצער. ער האָט געשריבן מיין נאָמען און פון דער מוטער און שוועסטער און ער האָט אָנגעגעבן זיין פרויס אַדרעס, ווו זי געפינט זיך אין אָמסק. דער בריוו איז געווען פון דער ארמיי, וועדער ווייסט ווו ער איז זיין „פעלד־פּאָסט״ און דעם נומער. איך האָב זיך באלד אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אן ענטפער. איך האָב קיין סך נישט געשריבן, מער נישט, וואָס איך און זיין ברודער געצל לעבן און ער איז אויך ערגעץ אויפן פראָנט. עס איז אדורך עטלעכע טעג, האָב איך אָנגעשריבן צו דער שנור. ער האָט אויך געשריבן, אז ביי זיי איז שוין דאָ א טאָכטער פון דריי יאָר. מאשע רופט זיך אָן: דו ווייסט מרדכי, עס וואָלט געווען גוט צו קריגן א פלעשל בראָנפן. אין אָוונט וועלן קומען צו אונדז יידן, איז פאר דעם בריוו דארף מען שטעלן אַ ביסל בראָנפן און פארן אייניקל קומט דאָך געוויס. זי האָט קיין סך נישט געקלערט און אוועק און געבראַכט אַ פלאַש בראָנפן. און וואָס וועט זיין צוצובייסן? איך וועל שוין מאכן. זי האָט געמאכט א סך בליניצעס מיט קעז און אָפּגעקאָכט א גרויסן טאָפּ קארטאָפל מיט הערינג.

אין אָוונט, ווען אלע זענען זיך צונויפגעקומען האָב איך דערציילט פון דעם בריוו, וואָס איך האָב פיר יאָר נישט געוווסט פון זיי און אז איך האָב אן אייניקל. אלע האָבן געזאָגט, אז איך דארף שטעלן בראָנפן. עס איז געוואָרן אויפן טיש בראָנפן מיט צובייסן, אָבער דער סוף פון דעם אָוונט האָט געבראַכט צו גרויס

געווייןן, ווייל נישט איינער פון אונדז איז נישט געווען קיין געליטענער. ביי יעדן איז געווען דאָס האַרץ צעבראָכן. חיים זארעצקי, וואָס האָט געלעבט מיט אונדז צוזאַמען האָט אריינגערופן זיינע צוויי קינדערלעך און האָט געזאָגט: דאָס זענען מיינע צוויי יתומים, וואָס זענען געבליבן פון זייער יונגער מוטער. טרערן זענען געווען מער, וויפל מען האָט אויסגעטרונקען בראָנפן. איין סטאראבינער ייד פון א יאָר 45, שמואל פיסארעוויטש האָט געזאָגט, אז ער האָט געזען מיט זיינע אויגן, ווי מען האָט ארויסגעפירט זיינע עלטערן פון שטוב און זיין פרוי מיט פיר קינדער אויפן הויף און מען האָט זיי געהרגעט און ער איז געשטאַנען הינטער דער שטוב און דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן אין וואלד. מאיר יאפע און שמואל אסטראמעצקי האָבן געזאָגט: וואָס זאָלן מיר רעדן, אַז מיר זענען געבליבן אָן קיינעם. איך האָב שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן געשעפט און מיין מאַשע האָט גאָר אָנגעהויבן חלשן. זי האָט גאָרנישט גערעדט און נישט געטרונקען. מיר זענען זיך צעגאַנגען מיט פאַרביטערטע הערצער.

אין א פאָר טעג שפּעטער, זע איך, ווי דער בריוו־טרעגער גייט צו אונדז. איך בין ארויס אים אנטקעגן, פרעגט ער ביי מיר: ווו וווינט דאָ קראַוויעץ? דאָס בין איך. ער האָט מיר געגעבן א בריוו מיט א רויטן סטעמפּל פון רויטן קרייץ. איך האָב זיך דערשראָקן. איך עפן אים אויף, דאָס איז פון געצלען. טאַטע, איך בין פאַרוואונדעט. איך ליג אין שפּיטאָל, זייער א לייכטע וואונד אין דער לינקער האַנט. קיין אדרעס גיב איך דיר נישט, ווייל איך וועל דאָ נישט לאַנג זיין, נישט מער ווי 10 טעג און דערנאָך גיי איך אַוועק אויפן פראָנט. דאָס איז געווען זיין גאַנצער בריוו. אַצינד גיי טרעף, צי ער שרייבט ריכטיק, צי ער נאַרט מיך, אָבער איך קאָן בעסער נישט מאַכן און מען מוז אַלץ איבערטראָגן אין האַרצן.

עס זענען ווידער אַריבער עטלעכע טעג, באַקום איך אַ בריוו פון טאָניען מיין שנור. זי האָט באַדויערט, וואָס איך בין געבליבן אליין און זי האָט מיר געשריבן, אַז מען האָט מיין זון צוגענומען אין דער ארמיי און זיי זענען געקומען אין אָמסק, שוין נאָך זיין אַוועקגיין, האָט זי געבוירן די טאָכטער און זי ארבעט אין א ביוראָ אלס בוכהאלטער.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן; איך הער גאָרנישט פון מיינע קינדער און אין ראַדיאָ גיט מען איבער, אז נעבן ווארשע גייען גרויסע שלאַכטן. איך האָב גע־

וויינט נישט ווייט פון דער סטאציע, פלעג איך זען, ווי יעדן טאָג זענען אדורכגע־פאָרן פארוואונדעטע. ווען איך האָב געזען די פאַרוואונדעטע, פלעג איך שוין זיין ביי דער באַן און דורכגיין אלע וואגאָנען און פרעגן זיך אויף דער פאמיליע קראַוויעץ. מיין פארביטערט הארץ האָט מיר נישט געלאָזט רוען, עס איז מיר געווען ענג די וועלט.

אַזוי זענען אריבער עטלעכע וואָכן, איך באקום א בריוו. די הענט טרייסלען זיך מיר ביים עפענען אים. אַ יידישער בריוו. טייערער פאָטער פון דיין זון אברהם. ער שרייבט, אז ער האָט באקומען מיטאמאָל פון מיר צוועלף בריוו. ער פרעגט מיך, ווי אזוי איך האָב זיך געראטעוועט מיט געצלען. ער האָט זייער באַ־דויערט זיין מוטער, שוועסטער און ברידער. ער האָט מיר געשריבן, אז ער איז געווען אין לעבינגראד אין דער בלאָקאדע כמעט א יאָר. ער האָט געהונגערט און האָט געבעטן דעם אדרעס פון זיין ברודער געצלען. איך האָב אים גלייך געגעבן ענטפער מיט דער „פעלד־פאָסט" פון געצלען.

אין אָוונט האָט מען איבערגעגעבן, אז מען איז אריבער די ווייסל. עס זענען זיך צונויפגעקומען אונדזערע באקאנטע יידן. יעדער דערציילט, וואָס ער פאַר־שטייט. מען זאָגט, אַז מען וועט צונעמען פוילן, וועט זיך ענדיקן די מלחמה. סטאלין האָט געזאָגט: „הרגענען דעם שונא ביזן סוף". אויפצומאַרגנס העלפט גאָט, מ'האָט מיר געבראכט אַ בריוו און ווידער פון רויטן קרייץ. איך עפן דעם בריוו און דאָס הארץ ווארפט זיך אין מיר. דער בריוו איז געווען פון מיין זון געצל. ער איז ווידער פארוואונדעט. אין רעכטן זייט האַרץ איז אריין א קויל און איז ארויס דורך דער פלייצע. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז עס איז נישט געפערלעך. ווען עס זאָל אים עפעס דראָען, וואָלט מען אים גלייך געשיקט נאָך רוסלאנד. ער האָט מיר געשיקט זייערע אדרעסן, אז די ברידער זאָלן זיך קענען אדורכשרייבן. פון דעם בריוו בין איך געווען א ביסל צופרידן. איך האָב גערעכנט, אז ביז ער וועט קומען צו זיך וועט זיך ענדיקן די מלחמה, אָבער עס איז נישט געווען אַזוי, ווי איך האָב אויסגערעכנט.

די צייט גייט. איך אַרבעט און מיין מאַשע העלפט מיר צו, צו דער אַרבעט. מיר האָבן געמאכט א זאפאס: פיר זעק קאָרן, צוויי זעק פראָסע, אַ 25 פוד קארטאָפל. עס פעלט גאָרנישט צום לעבן, — אָבער עס פעלט דאָס גאנצע לעבן. — ביי מיר

און ביי מאשע דאָס זעלבע. זי טרייסט מיך, אז גאָט וועט העלפן און ביידע קינדער וועלן קומען צו מיר, אָבער פאַר איר איז נישטאָ דאָ קיין טרייסט. אַז זי פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אַרבעט איז געווען גוט און אזוי פלעגט זי שטענדיק זיצן און וויינען. זי האָט מיר געזאָגט, דאָס וואָס איר פריערדיקער מאן איז געשטאָרבן אין וואלד איז זי געווען צוגעגרייט אויף דעם, ווייל נאָך פאַר דער מלחמה האָט דער דאָקטאָר איר געזאָגט, אז ער וועט שוין לאַנג נישט לעבן, אָבער די פיר זין, וואָס זענען אומגעקומען קען זי נישט פארגעסן. אז זי פלעגט אָנהייבן וועגן דעם רעדן, פלעגט מיר קאָסטן פיל געזונט. איך האָב איר געטרייסט, אז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, האָט זי פיר ברידער אין אמעריקע, וועלן זיי איר אַריבערנעמען און זי וועט נאָך לעבן גוט. זי זאָגט צו מיר: און דו וועסט פאָרן מיט מיר? דאָס וועלן מיר זעען און דערווייל האָסטו נישט וואָס צו טראכטן וועגן דעם. מיר וועלן זעען, וואָס די צייט וועט ברענגען.

דער שמועס איז געווען שבת, נאָכן האלבן טאָג. מיר זעען, עס גייט אריין באמע, זלמן ברעסלערס איידעם. ער האָט זיך געכאפט קושן, אז ער האָט דערלעבט זען פון אונדזער שטעטל אַ ייד. מיר פרעגן אים פון וואנען נעמט איר זיך. זאָגט ער פון שפיטאָל, געלעגן קראנק, נאָכן באפרייען פון וואלד, איז ער קראנק געוואָרן און ער איז געלעגן אין גאָמעל.

מאַשע האָט אים באַלד געגעבן עסן, ער עסט און דערציילט זיינע גליקן... און ער האָט זיך שטארק צעוויינט. וויבנען האָט ער געהאט וואָס, נאָר מיר האָבן אים געגעבן ביישפילן פון אונדז, אז מיר זענען שוין עלטערע מענטשן און מיר האָבן איבערגעלעבט נישט וויניקער פון אייך און איר זענט נאָך א ייגנער מענטש, איר וועט נאָך באַוויזן אין אייער לעבן אלץ און אין הארצן טראכט איך: יאָ, ער וועט שוין אַזאַ לעבן נישט זען, וואָס ער האָט געהאט. מיר זענען געזעסן א פאָר שעה און גערעדט מיט אים, האָב איך דערזען, אז ער איז נישט מיט אַלעמען. איך פרעג אים, וואָס איז אייך געווען, וואָס איר זענט אזוי לאַנג געלעגן אין שפיטאָל. זאָגט ער: איך ווייס אליין נישט, עפעס דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן. האָב איך, פאַר־שטאַנען, אַז ער איז פון די איבערלעבונגען צעמישט געוואָרן. ער זאָגט, אַז ער האָט אַ פעטער אויף אוקראַינע. דעם אדרעס האָט ער אין קאָפּ. איך האָב אים צוגע־רעדט, אז ער זאָל אָנשרייבן אַ בריוו, אפשר לעבט ער. ער האָט ביי אונדז איבער־

גענעכטיקט, און האָט געוואָלט אַרבעטן, זאָג איך צו אים: גייט אַריין אין ביוראָ צום דירעקטאָר. ער האָט באמת באַקומען ארבעט אין ביוראָ אלס בוכהאַלטער, ווארעמעס פלעגט ער עסן אין עס־זאַל. עס איז אריבער א געוויסע צייט, מיין באמע ווערט אלע טאָג ערגער אויפן קאָפּ. ער הייבט מיר אָן דערציילן, אַז קאַזארעז גייט אים נאָך אומעטום. דער קאַזארעז האָט געארבעט אין נ.ק.ווע.דע. איך רעד אים אויס, אַז קיינער גייט אים נישט נאָך. איר האָט ביי קיינעם נישט געגנבעט. זאָגט ער: אָבער מיין שווער איז געווען א גביר. איז דאָך נישטאָ דער שווער און זיין גבירשאַפט איז אויך שוין נישטאָ. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט פאַר אלע דאָס זעלבע דערציילט.

אין א שיינעם טאָג האָט ער באַקומען פון זיין פעטער א בריוו, אַז ער לעבט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. ער בעט אים, אַז ער זאָל צו אים קומען. זאָג איך אים, וואָס האָט איר צו קלערן. ענטפערט ער: איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן. איך האָב מורא, אַז מען וועט מיך ארעסטירן נאָך דאָ אויף דער סטאַציע. אַלע פלעגן אין אים אריינרעדן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביי דער ארבעט איז ער געווען אין אָרדענונג. עס איז אריבער עטלעכע חדשים. ער האָט שוין געהאַט באַשטימט, אַז ער פאָרט און אין דער לעצטער מינוט האָט ער מורא באַקומען. מיר האָבן גע־טראַכט, אַז נעבן פעטער וואָלט געווען פאַר אים בעסער, עס איז א גרויסע שטאָט, מען וועט גיין מיט אים צו א גוטן דאָקטאָר, אפשר וועט ער קומען צו זיך. עס איז אַריבער נאָך א פּאָר וואָכן. מען האָט אים ווי ס׳איז איבערגערעדט און מיר האָבן אים צוגעפירט צו דער סטאַציע און ער קוקט זיך ארום צי קאַזארעז איז נישטאָ. סוף סוף איז דער צוג געקומען און מיר האָבן אים אריינגעפירט און מיט גאָטס הילף איז ער אַוועקגעפאָרן. אין אַ פּאָר וואָכן ארום איז געקומען א בריוו פון אים. מען האָט אים גוט אויפגענומען. עס איז געווען נאָך א בריוו און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

ס׳איז באַלד ערב ראש־השנה און קיין סוף נעמט נישט צו דער מלחמה. אַמעריקע און ענגלאַנד שלאָגן זיך שוין אויך מיט דעם דייטש. איך דערמאָן זיך אַ משל. אַמאָל האָט ביי אונדז אין שטעטל געזאָגט אַ מגיד, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן מיט שטאַרקע הערצער, וואָס עס איז פון זיי שווער אַרויסצונעמען א פּאָר קאָפּיקעס צו געבן א נדבה. דו נארישער מענטש, דיין פרוי וויל א זיידן קלייד,

די טאָכטער שיינע זאָקן, דער זון א קאָסטיום, איז אלע כאַפּן, פאַרוואָס זאָלסטו נאַר־רישער ייד אויך נישט כאַפּן. אויך אזוי איז מיט אַמעריקע און מיט ענגלאַנד. ציי האָבן זיי דען נישט געזען און נישט געהערט, וואָס היטלער מאָרדעוועט אויס אלע יידן, דאן זענען זיי געזעסן זייער רואיק. אָבער ווען אַמעריקע האָט דערזען, אז רוסלאַנד פאַרנעמט שוין באַלד דייטשלאַנד האָט זי אויך געכאַפּט א שטיקל. איז אויסגעקומען ווי דער מגיד זאָגט, אלע כאַפּן, טאָ כאַפּט אויך.

קיין מיקאַשעוויטש האָבן זיך אומגעקערט עטלעכע יידישע פאַמיליעס, ווי: כלאַונע טאָפּציק, מרדכי סאַלאַמיץ, לייזער שוואַרין, חיים לאַטוכא, אונדזערע לעבינער: מיכאל קירזנער איז ארויס פון שפּיטאָל מיט אַרויסגעקלאַפּטע ציין, ער קען נישט רעדן און ער קען נישט עסן. מאַשע האָט אים געגעבן א גלאָז טיי, האָט ער געוויקט דאָס ברויט און שטיקעלעך אַראָפּגעשלונגען. דער צווייטער איז געקו־מען שלמה קראַוויעץ (טאַמאַרעס) מיט א צעבראָכענעם פוס. ס'האָבן זיך צונויפגע־קליבן אַ סך יידן און מיר האָבן געהאַט א מנין אין ראש־השנה. קיין ספר־תורה איז געווייננטלעך נישט געווען, אָבער עטלעכע מחזורים האָבן מיר געפונען. עס איז געקומען צו „יזכור". קיין סך מענטשן זענען נישט געווען. אָבער דער געוויין איז געווען אזוי גרויס, אז אלע קריסטן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. באַזונדערס איז געווען דער גרעסטער געוויין פון מיין מאַשען און זי איז געווען, ווייזט אויס, די אמערסטן געליטענע.

זי האָט מיר געהאַט דערציילט, ווען איר מאַן אליקים איז געשטאָרבן נישט ווייט פון צימישעוויטש אין א כוטאָר. עס איז געווען ערב יום־כיפור ביינאַכט. זי הערט, אז דער מאַן קרעכצט זייער שטאַרק. פרעגט זי אים: וואָס איז דיר? איך שטאַרב. עס איז פינצטער אין שטוב, זי האָט געפונען שוועבעלעך און אָנגעצונדן א שטיקל האָלץ. זי איז צוגעגאַנגען צו אים. זאָגט ער: נעם צו שמעונקען פון מיר. (ער איז געלעגן נעבן אים). זי האָט אָפּגערוקט דאָס יינגל. ער איז טאַקע באַלד געשטאָרבן. דער פויער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָנגעלייגט א גרעסערן פייער אויפן פּריפּעטשיק. דאָס איז געווען אַזאַ פויער, וואָס ביי יידן איז שווער אַזעלכן צו געפינען. דער פויער האָט נאָך געהאַט אַן אלטן פאָטער פון א יאָר אכציק, איז ער נאָך בעסער געווען פון זון. מאַשע האָט געוואָלט אלץ מאַכן, ווי ביי יידן, האָט זי געזאָגט דעם קריסט, אז מען דאַרף אים לייגן אויף דער ערד. ער האָט געבראַכט

אַ ביסל שטרוי און מען האָט אים אַראָפּגעלייגט אויף דער ערד. דער אַלטער האָט אַרויסגענומען אַ בוך און געלייענט די גאַנצע צייט מיטן היטל אויפן קאָפּ און זיך נישט געצלמט. זיין פאַמיליע איז ראָמאַנאָווסקי.

עס איז געוואָרן טאָג, פרעגט ער מאַשען, ווו וועלן מיר אים באַהאַלטן. קיין לעבן האָט זי מורא געהאַט צו פירן, טאָמער רייסן זיך אַריין די מערדער, דאָס איז געווען אין 42־סטן יאָר. עס איז געבליבן אים באַהאַלטן נעבן זיין שטוב. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ קעסטל, האָט זי נישט געהייסן. זי האָט אים געזאָגט, ווי מען טוט ביי יידן. אַזוי האָט ער געטאָן. זי האָט געוואַרעמט וואַסער און זי האָט אַליין געטאָן, וויפל זי האָט געקענט. זי האָט אים אָנגעטאָן ריינע וועש און זיי האָבן אים דאָרטן באַהאַלטן און דער פויער האָט דאָרטן אַרומגעצוימט און ביזן היינטיקן טאָג רופן אַלע פויערים דעם אָרט „לאַכימאָוו פאָליע״. איך רעכן, אַז זי האָט געהאַט וואָס צו וויינען.

עס איז אַריבער אַ גרויסע צייט, האָב איך באַקומען פון מיינע צוויי קינדער בריוו. דער עלטערער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט באַקומען פון ברודער געצלען אַ בריוו פון שפּיטאָל און ער שרייבט אים, אַז עס קען זיין, אַז אין גיכן גייט ער ווידער אויפן פראָנט. דער קלענערער האָט מיר אויך געשריבן, אַז איך זאָל מער נישט שרייבן אויף דעם אַדרעס, ווייל ער גייט אין גיכן אַוועק ווידער אויפן פראָנט. עס האָט מיר דאָס זייער אויפגערעגט. אַ יונג יינגל און שוין צוויי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן און נישט ווייניק צרות געהאַט, גייט ער ווידער אויפן פראָנט, אָבער איך קען בעסער נישט מאַכן, דער פראָנט איז שוין דעמאָלט געווען נעבן בערלין.

אין דער זעלבער צייט, איינמאָל ביינאַכט הער איך, אַז מען קלאַפּט ביי דער טיר. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, גיי צו, צו דער טיר און פרעג אויף רוסיש: ווער איז? פרעגט מען מיך אויף רוסיש צי דאָ וווינט קראַוויעץ. וואָס ווילט איר? עפנט און איך קלער נישט צו עפענען און מאַשע שטייט נעבן מיר און זאָגט מיר שטיל: מען דאַרף נישט עפענען, איך הער אַ קול פון אַ מאַן. זאָג איך אים, אַז עס וועט ווערן טאָג, דאַן קומט. ער קלאַפּט אָבער ווייטער. איך וויל אים נישט עפענען, זאָגט ער צו מיר: איך בין אייער טאַניעס ברודער. עס איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט. איך האָב אים נישט געקענט, אָבער די נעמען פלעג איך הערן פון דער שנור.

פרעג איך אים: ווו הייסט דו? גרישא. פון וואנען קומט איר? פון אַמסק און טאַניע איז דאָ אויף דער סטאַציע. אַלע סימנים זענען ריכטיקע. איך האָב אויפגעעפנט די טיר און מאשע האָט אַנגעצונדן דעם לאָמפּ. ער איז אריין אין שטוב, ער גיט מיר די האנט, איך דערקען נאָך אים, אז ער איז אירער א ברודער. זי איז אויף דער סטאַציע, אויך זייער מוטער און מיין אייניקל. מיר זענען באלד אַוועק צו זיי. טאַניע זיצט אויף די פעקלעך מיט דער מוטער, וועלכע איך האָב געקענט און דאָס אייניקל פּאָלאַ ליגט און שלאָפט. זי איז געווען דאַן דריי יאָר אַלט. איך פרעג די שנור, צי זי האָט געהאַט אַ בריוו פון אברהמלען. יאָ, ער האָט איר געשריבן, אז זיי זאָלן פאָרן צו אונדז. עס איז געוואָרן אין שטוב פריילעך. עס פעלט נישט קיין עסן און זיי זענען אויך נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. איך האָב באַקומען אַ דירה פון זעקס צימערן. עס איז דאָ ווו זיך א קער צו טאָן פאר אלע.

מיר הערן אין ראַדיאָ, אז אונדזערע זענען שוין אין בערלין. ענגלאַנד און אַמעריקע זענען שוין אויך דאָרטן אריין, אָבער קיין ענדע נעמט נאָך נישט, עס האָט נישט לאַנג געדויערט, דעם 9־טן מאַי האָט מען פאַרענדיקט די מלחמה. וואָס אָבער האָב איך דערפון, אז איך האָב נישט קיין בריוו פון מיינע קינדער. עס זענען אַריבער אַ פּאָר וואָכן. מיר האָבן באַקומען א בריוו פון דעם עלטערן זון פון בערלין. עס איז געוואָרן פריילעך, אָבער ווען איך באַקום אויך א בריוו פון געצלען וואָלט שוין געווען אין גאַנצן גוט. עס איז אריבער מער ווי א חודש. איך האָב א בריוו פון „רויטן קרייץ". מיט ציטערניש האָב איך אים געעפנט. ער שרייבט: טאַטע, איך בין שווער פאַרוווּנדעט און איך קען נישט שרייבן מער. דער בריוו איז געווען פון לאָדזש.

איך האָב אים גלייך געענטפערט. עס זענען אריבער ווידער עטלעכע וואָכן און ווידער געקומען א בריוו פון אים, אז מען האָט אים ארויסגענומען צוויי שפּליטערס און נאָך איין שפּליטער קאָן מען נישט ארויסנעמען. ער איז אין דער האנט נעבן די אָדערן. ער איז דאָרטן אָפּגעלעגן ניין חדשים. איך האָב זיך באַמיט צופאָרן צו אים, נאָר איך האָב זיך נישט געקענט דערשלאָגן קיין דערלויבעניש ביז גאָט האָט געהאָלפן און ער איז געקומען צו מיר אומגעריכט. איר קענט זיך פאָרשטעלן מיין פרייד, ווען איך האָב אים דערזען א לעבעדיקן. ער האָט נאָך געדאַרפט דינען

צוויי יאָר, אָבער אזוי, ווי ער איז געווען דריי מאָל פאַרוואונדעט, האָט מען אים אָפּגעלאָזט אהיים. איצט וווינט ער אין רוסלאנד אויף קאווקאז. ער האָט זייער א לייטישע פרוי. זי איז אן אגראָנאָם. זיי האָבן צוויי קינדער, א זון און א טאָכטער.

דער עלטערער זון האָט באַך געדינט נאָך דער מלחמה כמעט א יאָר צייט. ער האָט געדינט אין שווערער ארטילעריע. ער איז אויך געווען שווער פאַרוואונדעט. ער האָט זיך אויך געענוג אָנגעליטן, איז געווען אין לענינגראד אין דער בלאָקאדע,

איטקע חיניטש ז״ל (די מאמע פון לעניז)
טאָכטער פון הרב ר׳ אברהם-יצחק חיניטש ז״ל

נישט ווייניק האָבן זיי דאָרטן געהונגערט. מיט עראָפּלאנען פלעגט מען דאָרט צושיקן עסן, אָבער נישט אלע זענען אָנגעקומען צום עסן, איינער אויף פינף. ווען ביידע ברידער האָבן זיך פאנאנדערגערעדט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זענען געווען נישט ווייט איינער פון אַנדערן. דער עלטערער איז צוריקגעקומען מיט אַכט אויסצייכענונגען. ער און זיין פרוי טאניע זענען קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך זייער גוט איינגעאָרדנט מיט ארבעט. זיי האָבן פיר קינדערלעך און איצט וווינען זיי אין לוליניעץ.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט זיך באַוויזן פון אַמעריקע אַ בריוו. משה ראַבינאָוויטש איז געווען זייער אַ גערעטענער, האָט ער גלייך אָפּגעזוכט איטקע חיניטש. ער האָט מסתמא געשריבן, אַז איך לעב אין מיקאַשעוויטש מיט מאַשען. איך האָב באַקומען פון איר אַ בריוו און זי האָט אַרויסגעשיקט צוויי פּעקלעך זאַכן פאַר אונדז. מיינע קינדער זענען נאָך דאַן נישט געווען אין דער היים. איך האָב איר גלייך געשריבן ענטפער און באַלד זענען אָנגעקומען די צוויי פּעקלעך. מיר זענען זיי געגאַנגען אָפּנעמען אָבער מען דאַרף אָפּצאָלן 1500 רובל. מיר האָבן קוים צונויפגעשטעלט דאָס געלט און אַרויסגענומען די פּעקלעך. מיר האָבן פאַרקויפט כמעט מער, וואָס איז געבליבן. איך האָב איר אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז זי זאָל מער נישט שיקן, ווייל עס האָט נישט געלוינט. עס איז געקומען פון איר אַן ענטפער, אַז זי האָט נישט גוט געשיקט, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט זיין בעסער און זי בעט אַלעמענס אַדרעסן, נישט קוקנדיק צי פון אונדזער שטעטל צי נישט, וועט עס דאַרף. איך בין אַוועק און צונויפגעקליבן דרייצן אַדרעסן. זי האָט אויך געבעטן, איך זאָל איר אַרויסשרייבן, ווער איז געבליבן לעבן און ווי אַזוי מען האָט זיך געראַטעוועט.

איך האָב אַלץ אַרויסגעשריבן און אויך צוגעשיקט די אַדרעסן. עס איז אַדורכ־געגאַנגען אַ שטיקל צייט, באַקום איך פון איר אַן ענטפער, אַז אויף אַלע אַדרעסן האָט זי אַרויסגעשיקט פּעקלעך און זי האָט געגעבן צו וויסן אַלע לעניגער יידן, אַז מען זאָל קומען הערן אַן אינטערעסאַנטן בריוו פון שטעטל. האָבן זיך אַ סך מענטשן צוזאַמענגעקליבן און זי האָט געלייענט מיין בריוו און נישט ווינציק טרערן האָבן זיך געגאָסן, הערנדיק מיין בריוו. זי האָט דעם בריוו אָפּגעגעבן אין רעדאַקציע. עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט, באַקום איך אַ בריוו, איך זע אַז דער בריוו איז נישט פון אַמעריקע. אַזאַ מאַרקע וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען. איך האָב געעפנט דעם בריוו, געשריבן אין יידיש. עס איז געווען געשריבן: „מיין בעסטער גוטער פריינט ר׳ מרדכי! איך האָב געלייענט אייער בריוו אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, אַז איר לעבט אין מיקאַשעוויטש. איך הייס זעליק קירשנער, מיין פאָטער הייסט דוד און די מוטער אסתר. אַזוי ווי איך האָב געלערנט אין דער מירער ישיבה און ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה מיט היטלערן, זענען מיר די גאַנצע ישיבה אַריבערגעפאָרן קיין קיטאַי. האָב איך דאָרטן

געהאַט די אַמעריקאַנער צייטונג מיט אייער בריוו". איך בין דערשטוינט געוואָרן פון אייער בריוו. ער האָט געפרעגט צי זיין פאַמיליע לעבט און בעט ענטפער. פון דאָרטן פאָרן זיי קיין אַמעריקע. איך האָב אים דעם זעלבן טאָג געגעבן ענטפער און איך האָב אים געשריבן דעם אמת, אז ליידער איז קיינער נישטאָ פון זיין פאַמיליע און וועגן איטקען האָב איך אויך געשריבן. זי האָט מיר געענטפערט, אז זי ווייסט פון אים, ער דארף אין קורצן קומען קיין אַמעריקע. איך האָב נאָך באַקומען פון דעם זעליקן נאָך א בריוו, אז ער פאָרט קיין אַמעריקע און מער האָב איך פון אים נישט געהערט. איטקע האָט מיר נאָך פון אים געשריבן, אז ער איז שוין אין אמעריקע און זי האָט ארויסגעשיקט דרייצן פעקלעך אויף די אדרעסן, וואָס איך האָב איר געשיקט און אלע האָבן באַקומען גוטע פעקלעך. אָט דאָס איז די איטקע, דער בעסטער גוטער פריינט פאר אלע. נישט געקוקט צי פון איר משפחה, צי פון איר שטעטל, וועמען זי האָט נאָר געקאָנט העלפן, האָט זי געהאָלפן. אפילו אין קיטאי האָט זי געטראָפן. צום באַדויערן, לעבט זי שוין נישט. מען מעג אויף איר זאָגן דעם פסוק: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", אזא איטקע וועט שוין נישט זיין, זאָל זי רוען אין גן־עדן.

אין דער זעלבער צייט האָט מען ביי אונדז אויפגעהאַנגען מעלדונגען, אז ווער עס וויל פאָרן קיין פוילן איז דאָ א קאָנטאָר פון פוילן, קאָן מען זיך פארשרייבן, אָבער נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין פוילן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, יידן און פאָלאַקן. עס איז געוואָרן א גרויסער טומל. מיין מאשע האָט עס דערהערט, האָט זי מיר אָנגעהויבן צורעדן, אז מיר זאָלן זיך פארשרייבן. דאָס איז געווען באלד ענדע מלחמה אין יאָר 1945. זי האָט געהאט דאן פיר ברידער אין אַמעריקע און זי האָט שוין געהאט פון זיי בריוו מיט א פאָר פעקלעך, האָט זי זייער געהאט חשק צו פאָרן צו זיי. איך וואָלט אויך וועלן פאָרן, אָבער מיינע צוויי קינדער זענען נאָך נישטאָ. דער קלענערער ליגט נאָך אין שפּיטאָל און דעם עלטערן לאָזט מען נישט אָפּ. ווי קען איך אלזאָ אוועקפאָרן. איך זע שוין מיט מיינע אויגן, ווי עס זענען געקומען עטלעכע יונגע קינדער, פארווונדעטע און נישט געהאט זיך ווו אהינצוטאָן. ווייס איך דאָך גאנץ גוט, אז מיין זון וועט קומען, וועט ער אויך נישט האָבן ווו איבערצונעכטיקן און קיין פאך האָט ער אויך נישט. ער וועט פארפאלן ווערן. צווייטנס, האָב איך געהאט א פארזאָג פון מיין ערשטער פרוי

עשקע רייזלען, ווען איך בין אַוועק פון דער היים: „אַז גאָט וועט דיר העלפן, אַז דו וועסט בלייבן לעבן און דו וועסט זיך טרעפן מיט די קינדער, זאָלסטו זיין א טאַטע פאַר זיי".

איך האָב איר נאָך געגעבן א ביישפּיל, ווי איר מוטער רישע איז אַמאָל אַוועק־געפאָרן צו אירע פיר זין. פלעגט זי דערציילן, אַז זי פלעגט זיין ביי איינעם א פּאָר וואָכן און דערנאָך ביים צווייטן און זי פלעגט דורכגיין אלע און זיך אומקערן צום ערשטן און געקומען צוריק קיין לענין. אָט אזוי קאָן זיין מיט דיר און דאָ פעלט דיר גאָרנישט, ביי זיך אליין א בעל־הביתטע און אז עס וועט זיין באַשערט וועט נאָך קומען די צייט פאַר אונדז אויך. זי האָט זיך באַרואיקט. דער סוף אָבער וואָלט געווען, ווען זי הערט מיך דאַן נישט און פאָרט יאָ, וואָלט זי געווען קומען אהער אין ישראל און פון הונגער וואָלט זי נישט געשטאָרבן און איצט איז זי געבליבן ליגן אויף היטלערס ערד, וואָס קיינער און קיינמאָל וועט צו איר קבר נישט קומען, זאָל איר די ערד גרינג זיין.

איינמאָל אינדערפרי אזייגער צען, זיץ איך ביי דער ארבעט. איך הער א קלאַפּ אין טיר. באַלד איז אריינגעקומען א מיליטערמאַן, א קאַפּיטאַן, א הויכער, פון א יאָר 35. ער פרעגט מיך מיין פאַמיליע־נאָמען, מיין מאַשע האָט זיך דער־שראָקן און איז געוואָרן בלאַס. ער האָט דאָס באַמערקט און פרעגט זיך: וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? ער זאָגט, אַז ער זוכט מיך. מאַשע שטייט א טויטע. זי מיינט, אז ער איז געקומען מיך ארעסטירן. איך האָב זיך אויך א ביסל נישט גוט געפילט, אָבער איך פיל ביי זיך, אז איך בין נישט אין ערגעץ פאַרמישט. איך פרעג אים: וואָס דאַרפט איר פון מיר? ווי האָט איר געלעבט ביז דער קריג? אין לענין. איז ווי אזוי זענט איר געבליבן לעבן? האָב איך אים אָנגעהויבן דערציילן. זאָגט ער מיר געבנוג, איך ווייס פון אלעם. איך זע אויף זיין פנים, אז ער איז א ייד, אָבער ער רעדט רוסיש. ער זאָגט מיר, אז ער פאָרט איצט פון לענין, האָבן אים די קריסטן דערציילט, אז איך לעב אין מיקאַשעוויטש, וויל ער וויסן פון מיר עטלעכע זאַכן. ער ציט אויס, יעדע מינוט איז א יאָר. איר האָט געקענט באַריסקען זייער גוט געקענט. און באַבצענקאָ? זייער גוט. און קאַלבאַסאָוו? זייער גוט.

איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, ווענן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מאַשע א שפּיי געטאָן, האָט ער זיך צעלאַכט און פרעגט מאַשען: איר האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר? מאַשע האָט אים געזאָגט דעם אמת, אַז איר האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ

פון שרעק. ער לאַכט ווידער און איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און פרעג אים, צי איז ער א ייד. ער לאַכט ווידער: אין וואָס דערקענט איר? אָט אזוי וויל איך טרעפן.

יאָ, איך בין א ייד און פון פרומע עלטערן און ער גיט אונדז די האנט. מאשע פרעגט שוין צי ער וויל עפעס עסן. ער האָט נישט געטראַכט און געזאָגט אַז יאָ. ער נעמט ארויס פון קעשענע אַ סך געלט און זאָגט אונדז: געלט איז דאָ, נאָר אָפּצועסן איז נישטאָ וווּ. עס איז באלד געוואָרן אויפן טיש עסן, ברויט, טיי, פוטער, אייער. ער עסט מיט אַפּעטיט און דערציילט, אז די דריי טיפן זיצן אין פינסקער תפיסה. און ער איז אן אויספאָרשער און געקומען אויספאָרשן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אין דער צייט פון היטלערן. רעדן האָט ער גערעדט אין רוסיש, ער איז אליין פון אָדעס, זיין גאנצע פאמיליע איז אומגעקומען. ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער געבעטן, אז איך זאָל זאָל גיין מיט אים צו דער סטאַציע, דאָרטן האָט ער א צימער און ער וועט דאָרט אַלץ באַשרייבן. מאשע האָט אים פאַרבעטן אויף א מיטאָג, און מיר זענען אוועק צו אים.

ער האָט אָנגעהויבן פרעגן אַלץ און שרייבן. עס איז מיר נמאס געוואָרן זיצן אזויפיל צייט. ער האָט מיך אָפּגעהאלטן מער ווי צוויי שעה. ער האָט נאָך געוואָלט, אז איך זאָל אים שיקן מאשען, האָב איך אים געזאָגט, אז זי איז א שוואכע פרוי. עס וועט איר זיין שווער צו פאָרן נאָך פינסק. איך האָב אים צוגעזאָגט, אז איך וועל אים שיקן נאָך א יידן און איך האָב גערופן חיים־שמחהן. ער האָט אים אויך אָפּגע־האלטן א צייט. נאָך האלבן טאָג האָט ער געהאלטן וואָרט און איז געקומען עסן מיטאָג. ער האָט געוואָלט באַצאָלן, נאָר מיר האָבן נישט געוואָלט. ער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן.

עס איז אוועק א שטיקל צייט. מען רופט מיך קיין פינסק, חיים־שמחה איז שוין נישט געווען. איך שרייב בקיצור: באַבצענקען און קאַלבאַסאָוו האָבן באַקומען צו צען יאָר תפיסה און באַריסקע טויט־שטראָף.

עס איז אוועק א שטיקל צייט איז געקומען צופאָרן שלמה גאַלינסאָן פון רוסלאַנד. ער איז געווען א לייבלעך שוועסטער־קינד פון מיין ערשטער פרוי. מיר האָבן אים אויפגענומען ווי מען דאַרף. איך פרעג אים, וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן. זאָגט ער, אז ער וויל פאָרן קיין פוילן, אָבער קיין צוגן זענען שוין נישט געווען, אָבער פון באַראַנאָוויטש האָט מען נאָך געקאָנט פאָרן און ער זאָגט מיר, אז ער וויל

צופֿאָרן קיין לענין צו זען, ווו עס ליגן די יידן. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך דאָרטן דורכרעדן מיט די פּויערים, אז מען זאָל דעם פּלאַץ ארומצוימען, וויפֿל עס וועט קאָסטן, וועל איך באצאָלן. אויטאָס זענען שוין געגאנגען נאָך לענין.

ער איז אַוועקגעפֿאָרן. עס איז אַוועק א טאָג. ער איז נאָך נישטאָ. נאָך א פֿריי־מאָרגן ער איז נישטאָ. איך בין שוין אויפֿגערעגט פֿון דעם. מיט גאָטס הילף איז ער געקומען אין אָונט. ער דערציילט, אז ער האָט געדונגען דריי פּויערים, אז זיי זאָלן ארומצוימען דאָס אָרט. איך פֿרעג אים, וויפֿל עס קאָסט. זאָגט ער: נישט טייער, דריי פֿוד זאַלץ; מיר איז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווייל עס איז דאן זייער שווער געווען צו קריגן א קילאָ, בפֿרט דריי פֿוד. ער האָט מיר געזאָגט, אז זיי ארבעטן שוין ביי דעם און ער האָט נישט געוווסט, אז עס איז אזוי שווער צו באקומען זאַלץ. ער איז געווען אין אַרבעטס־אַרמיי. ער האָט געמיינט, אז ער האָט געכאַפּט א מציאה, אָבער די פּויערים זענען נישט געווען קיין באַראָנים, זיי דאַרפֿן קומען נאָך דעם זאַלץ זונטיק. ער האָט נאָך איבערגענעכטיקט און פֿאָרן אַוועקגיין האָט ער איבערגעלאָזט צוויי הונדערט רובל וועגן צוים.

מיר דרייט זיך שוין דער קאָפּ, ווו בעמט מען זאַלץ. איך ווייס, אז חיים־שמחה פֿאָרט מיט זאַלץ פֿון דער רעגירונג איבער די דערפֿער. איך בין אוועק צו אים און דערצייל אים אַלץ. ער האָט זיך א קראַץ געגעבן אין קאָפּ און זאָגט צו מיר: איך האָב הייַנט גענומען אויף דער באַזע דריי פֿוד, וועל איך אייך געבן איין פֿוד. אויף דער באַזע האָט געאַרבעט א סטאַראַבינער יונגערמאַן הערשל סוועדדינאָווס־קי. איך בין צו אים אַוועק מיט דער ביטע און איך דערצייל אים די זעלבע גע־שיכטע, רופֿט ער זיך אָן צו מיר: וואָס ווילט איר, ר׳ מרדכי, איך זאָל אייך געבן זאַלץ און גיין אין תּפֿיסה? ער איז גערעכט. ער האָט מיר פֿאַרמאַכט דאָס מויל. אָבער דערנאָך זאָגט ער צו מיר: אָבער אויף אזא זאַך וועל איך אייך געבן איין פֿוד. איך וועל מאָרגן ברענגען אהיים צו ביסלעך און אין אָונט וועט איר קאָנען נעמען. איך בין אויפֿן זיבעטן הימל. דעם דריטן פֿוד האָט מיר ארויסגעשלעפּט ליפּע חיניטש, ישׂראל בערעזינקערס זון. איך בין אַוועקגעפֿאָרן זען, ווו זיי האָבן געמאַכט דעם צוים. לויט ווי איך בין א שניידער, האָב איך געזען, אז ער וועט ווי עס איז שטיין אַ צוויי יאָר. אַזוי איז געווען. אינגאַנצן זענען זיי נישט געווען שולדיק, קיין טשוועקעס האָבן זיי נישט געהאַט, פּשוט עס איז נאָך נישט געווען, איז ווי מיט א דראָט, ווי מיט אַ שטריקל. אָט אזוי האָבן זיי דאָס פֿאַרצוימט.

חיים זאַרעצקי דערציילט: (היינט אין אמעריקע):

איך סעפּטעמבער 1939 זענען די סאָוויעטן אריין אין אונדזער שטעטל סינקעוויטש, וואָס ליגט ביים טייך לאַן (פון צוויטן זייט טייך איז געווען א דאָרף מאַקראָווע). עס זענען געווען ביי אונדז 62 יידישע משפחות, וועלכע האָבן צו יענער צייט זיך נישט שלעכט געלעבט.

די סאָוויעטן האָבן דאן פאַרנומען ביזן טייך בוג און אויף דער צווייטער זייט טייך האָבן שוין געהערשט די היטלעריסטן.

די רוסן האָבן איינגעשטעלט א צייטווייליקע אַנפירערשאַפט און עס האָט זיך אָנגעהויבן א נאָרמאַל לעבן. אין א פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר שוין פאַרגעסן, אז עס האָט ווען עס איז עקזיסטירט אַ פּוילישע מאכט.

א פּאָר קילאָמעטער פון אונדז איז געווען א שטעטל לאַכווע. באַלד האָבן די סאָוויעטן אָנגעהויבן פון דאָרט ארויסשיקן געוויסע משפחות נאָך סיביר. מיר האָבן געמיינט, אז עס גייט עפּעס אָן אומגליק אויף אונדז. עס איז געווען דעמאָלט ווינטער־צייט. מ׳האָט זיי אָוועקגעשיקט אין נישט־באַהייצטע לאַסט־וואַגאָנען און דער פראָסט איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ׳שיקט זיי אוועק קיין סיביר. מיר האָבן מיט זיי פשוט מיטלייד געהאַט, ווער ווייסט, וואָס ס׳קאָן געשען מיט זיי? אָבער נאָך דער מלחמה האָט זיך ארויסגעוויזן גאָר עפּעס אַנדערש. די אלע ארויסגעשיקטע זענען בשלום צוריקגעקומען ווו איינער האָט געוואָלט. זיי האָבן נישט דורכגעמאַכט די אלע צרות מיט טויט־שרעק, וואָס מיר, הלוואי וואָלט מען דעמאָלט ארויסגעשיקט נאָך מער משפחות וואָלטן זיי כאָטש געבליבן לעבן און נישט אומגעקומען ביי די היטלעריסטישע מערדער.

דעם 8־טן יולי 1941, 12 אזייגער בייטאָג איז פּלוצים אונדזער שטעטל סינקעוויטש געוואָרן אָקופּירט דורך די היטלעריסטן און פון דעם מאָמענט אָן הייבט זיך אָן דאָס אומגליק אויף אלע אונדזערע יידישע משפחות.

אלע יידישע מענער האָט מען באַלד געטריבן אויף ארבעט צו די אייזנבאַן־ליניעס. יעדער איינער האָט געמוזט טראָגן אויף זיך די שווערע פּאָדקלאַדן, וואָס עס איז געווען איבער אונדזערע כוחות און ווען מיר האָבן געפּרוווט דאָס טראָגן איך צווייען האָט מען באַלד געקריגן מיט א גראָבן שטעקן איבערן קאָפּ. אַזוי האָבן מיר געמוזט ארבעטן פון פרי ביז נאכט, קיין עסן האָבן מיר אפילו נישט

באַקומען. מיר זענען געווען צופרידן, וואָס מען האָט אונדז נאָך דער אַרבעט אהיימגעלאָזט. אַזוי איז געווען טאָג־איין און טאָג־אויס. ס'איז נישט געווען קיין טאָג, ווען מיר זאָלן נישט קריגן געשלאָגן פון די דייטשן.

אהיימקומענדיק פון דער אַרבעט צו אונדזערע משפחות זענען מיר אַריין אין די בעטן, ווייל מיר האָבן נישט געקענט רירן מיט די אברים. אַזוי מיד זענען מיר געווען.

לעבן־געבליבענע נאָכן גרויסן חורבן
(צווישן זיי חיים זאַרעצקי מיט זיין פרוי און טאָכטער חנה)

אַזוי זענען אַדורך עטלעכע וואָכן. די היטלעריסטן האָבן געשאַפן א קאָמענדאַ־טור מיט רוסישע פּאָליציאַנטן און יעדן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף אונדזערע קעפּ פרישע גזירות.

די הויפּט־קאָמענדאַטור איז דאַן געווען אין שטעטל לאַכווע. דער דאָרטיקער גלחס איידעם הרעצקא איז געווען קאָמענדאַנט. ער האָט געפאָדערט פון יעדן יידן, ער זאָל אָוועקגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און ווער ס'האָט נישט אויס־געפילט זיין באַפעל, האָט זיך שוין געקאָנט געזעגענען מיטן לעבן. עס זענען געווען

אויך אַזעלכע יידן, וואָס האָבן באמת נישט געהאט וואָס אָוועקצוגעבן, איז באַלד געקומען צו אַזעלכן דער קאָמענדאנט מיט זיינע געהילפן און געטיילט קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. און אויב מען האָט געפונען ביי וועמען קעז אָדער פּוטער, האָט מען מיט דעם אויסגעשמירט די פּנימער פון יעדן איין שטוב און אָנגעמאכט א חורבן פון דער וווינונג.

אַלע יידן האָבן דאן געמוזט אָנטאָן געלע לאַטעס אויף דער פּלייצע און אויפן הארץ און קיין ייד האָט נישט געטאָרט גיין אויפן טראָטואר, נאָר אין מיטן וועג.

ערב פּסח 1942 האָט מען אין דעם שטעטל לאַכווע (נישט ווייט פון אונדז) אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיין אין א געטאָ. מען האָט אַרומגע־צוימט אַ טייל פון שטעטל מיט שטעכיקער דראָט, אַז מען זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן און מען האָט אַריינגעפּאקט צו פינף משפחות אין איין הויז. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די זעלבע גזירה געקומען אויף אונדזער שטעטל און אלע אונדזערע יידן מוזן גיין נאָך לאַכווע אין געטאָ אַריין.

באַלד האָבן מיר געמוזט זיין גרייט צו דעם. יעדער איינער האָט זיך געשאפט עפּעס א פורל ארויפצולייגן זיינע שטוב־זאכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ווען די רוצחים האָבן דערזען, וואָס מיר האָבן אַלץ ארויפגעלייגט אויפן וואָגן, האָבן זיי אונדז מערדערלעך צעשלאָגן. מיר האָבן געמוזט אַלץ איבערלאָזן און באַלד גיין צו דער קאָמענדאטור ווו די געסטאַפּאָ האָט שוין געוואַרט אויף אונדז. ווען אַלע משפחות פון שטעטל זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן די מערדער געהייסן, אַז מיר זאָלן אָנהייבן טאַנצן אין גאַס און דאָס בילד האָבן זיי אָפּפאָטאָגראַפירט, כדי צו ווייזן די וועלט ווי יידן צופרידענע טאַנצן אין מיטן גאַס (מ׳האָט אַפילו גע־ברענגט קלעזמער, אז זיי זאָלן צושפּילן). עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן אונדזער שמחה...

נאָכן טאַנצן האָט מען באַפוילן, אַז מיר זאָלן גלייך אָוועקפאָרן קיין לאַכווע אין געטאָ אַריין. ווען מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן אַ פּאָר צענדליק מעטער, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט נאָך אונדז נאָכגעשאָסן. די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ און ביי זיי איז דאָס געווען אַ פאַרוויילונג.

מיר האָבן זיך דערשלעפּט ביז לאַכווע אין געטאָ אַריין. דאָרט האָבן די

מענער געמוזט גיין אַרבעטן און דערפאַר האָט מען באַקומען אַ פערטל ברויט אַ טאָג יעדער איינער, אָבער פאַר די משפּחות אונדזערע האָבן מיר גאָרנישט באַקומען צום עסן. די לאַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג טראַגישער. אַ ביסל שפּעטער האָט מען שוין באַמערקט מענטשן מיט געשוואָלענע פיס.

פון אונדזער שטעטל סינקעוויטש פלעגט קומען אַ קריסט און געבעטן די קאָר־מענדאַטור, מען זאָל אים געבן אַ 20 פּערזאָן צו דער אַרבעט און אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט עפּעס אהיימצוברענגען פאַר אונדזערע הונגעריקע משפּחות.

עס זענען געווען אַ סך באַקאַנטע פּויערים, וועלכע האָבן אויף אונדז רחמנות געהאַט און אַרויסגעהאָלפן מיט עסן, אָבער ווען די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָבן זיי די פּויערים שרעקלעך צעשלאָגן.

ווען מיר פלעגן אהיימקומען פון דער אַרבעט, פלעגן שוין אונדזערע צע־שראָקענע משפּחות אונדז אָפּוואַרטן, אפשר האָבן מיר מיטגעבראַכט אַ שטיקל ברויט אָדער עפּעס אַנדערש צו דערהאַלטן די נשמה. מען איז געווען גליקלעך, אַז מען איז אַהיימגעקומען אַ לעבעדיקער, ווייל ביי דער אַרבעט איז פאַר דער קלענסטער נישט פּינקטלעכקייט האָט מען געקאָנט ווערן דערשאָסן.

קיין זייף איז נישט געווען און פינף משפּחות אין איין וווינונג. דאָס ענגשאַפט און הונגער איז געווען גרויס, און דערצו די שרעק. אָפטמאָל פלעגט קומען עפּעס אַ היטלעריסט אין געטאָ אַריין און אויב עס איז אים עפּעס אַ ייד נישט געפעלן גע־וואָרן, האָט ער אים צעשלאָגן און אויך אָנרייצן אויף אים דעם הונט, וועלכע האָט אים צעריסן די בגדים און צעביסן.

דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן הפקר, ערגער ווי אַ הונט אויף דער גאַס. מיר האָבן זיך געמוזט שטאַרקן, אפשר וועלן מיר דאָס איבערלעבן. די לאַגע איז געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז ווען מיר פלעגן גיין צו דער אַרבעט זענען מיר נישט געווען זיכער, צי מיר וועלן דערלעבן אהיימקומען צו אונדזערע משפּחות.

ערב ראש־השנה 1942. מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן מאַסן־שחיטות איבער יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך. אינסטינקטיוו האָט זיך כמעט ביי יעדן איינעם געשאַפן אַ געדאַנק וועגן זיך באַפרייען, וועגן אַ ווידערשטאַנד, וועגן אַנטלויפן. קיין געווער איז נישט געווען, קיין געלט האָט מען נישט געהאַט. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן מיט די ליידיקע הענט?

אויפצומאַרגנס נאָכן אויסשיסן די מיקאשעוויטשער יידן, האָבן מיר דערפילט עפעס אן ענדערונג, עפעס גרייט זיך אויף אונדז אויך. פאַרנאַכט זענען געקומען אין געטאָ עטלעכע קריסטן און אונדז דערציילט: אז מ׳גראָבט שוין פאר אונדז גריבער און מאָרגן וועלן אלע יידן ווערן דערשאָסן.

די שרעקלעכע נאכט איז קיינער נישט געשלאָפן. אויפצומאָרגנס פרי האָבן מיר באַמערקט, אַז די היטלעריסטן האָבן ארומגעשטעלט ארום דעם געטאָ מיט מאשין־געווער, אנטלויפן איז כמעט געווען אוממעגלעך.

פונדערוויטנס זע איך ווי עס שטייען אונדזערע קהילה־לייט און לאפאטין שרייט צו אונדז:

חיים זאַרעצקי מיט זיין משפחה

נעמט מעסערס מיט העק און הרגעט די דייטשן און ראטעוועט זיך ווו איינער קאָן ?

צו מיר זענען צוגעלאָפן מיינע דריי קינדער.

בליץ שנעל האָבן די יונגע בחורים געכאפט העק און זיך געוואָרפן אויף די דייטשן צונעמענדיק ביי זיי דאָס געווער. איך האָב געהערט ווי די רבנים שרייען: שמע ישראל — — — דערווייל האָבן די בחורים צעריסן די שטעכל־דראָטן ארום דעם געטאָ און מען האָט זיך געלאָזט לויפן. איך האָב א געשריי

געטאָן צו מיינע קינדער: לויפטס! צוויי קינדער זענען געלאָפן און איך בין געבליבן מיט מיין 6־יאָריק יינגעלע. איך האָב אויך גענומען לויפן מיט אים. מיר זענען ארויס פון געטאָ. פונדערוויטנס הערן מיר שוין די שיסעריי פון די דייטשן. פון שרעק און לויפעניש בין איך געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב פאַרלוירן אויפן וועג מיין 6־יאָריק יינגעלע. וואָס טוט מען? וועגן צוריקגיין, זוכן אים איז קיין רייד בישטאָ, ווייל הינטער אונדזערע פּלייצעס לויפן די מערדער און שיסן אויף אונדז.

אזוי זענען מיר געלאָפן אַ גאַנצע נאכט. קיין צייט צו וויינען איז נישט געווען נאָר לויפן... לויפן אין די וועלדער אריין...

אַזוי ארום האָב איך איבערגעלאָזט ביי די רוצחים, מיין פרוי מיט נאָך דריי קינדער.

אין א צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אז מען האָט זיי אַלע געטריבן צו די גריבער און זיי דערשאָסן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך פאַרלוירן מיין פרוי מיט פיר קינדער און אונדזער ארומיקע משפחה.

קומענדיק אין וואלד אריין, האָבן מיר איצט דערפילט אונדזער גרויסע ווייטיק, וואָס עס האָט אונדז געטראָפן.

מיר האָבן גענומען זוכן פאַרטיזאנער. ווען מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף א קליינער גרופּע, האָבן זיי צו אונדזער אומגליק נישט געוואָלט אונדז צונעמען צו זיך. זיי האָבן געזוכט נאָר יונגע מענטשן און אָן קינדער.

איך בין אַוועק מיט מיינע צוויי קינדער ווייטער. נעבן מיר זענען נאָך געגאנגען מענטשן מיט קינדער, ווי: וועלוול ראַמאַנאָווקי מיט צוויי קינדער און מיכאל שיפמאַן מיט צוויי קינדער.

איך געדענק נישט וויפל צייט מיר זענען אזוי געגאנגען ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ דאָרף בערעזניק. מיר זענען אַריין צו אַ פּויער, וועלכער האָט מיך פערזענלעך געקענט. ער האָט אונדז אלע געגעבן עסן און טרינקען און גע־הייסן מיר זאָלן זיך אויסבאהאלטן אין וואלד נעבן דעם דאָרף און ער וועט אונדז שטיצן מיט וואָס ער וועט נאָר קאָנען.

און אזוי איז געווען. מיר זענען באלד אריין אין וואלד, זיך אויסגעגראָבן

„זיעמלאנקעס" און יעדע משפחה באזונדער, ווייל אויב כאפט מען ווער, זאָלן כאָטש די איבעריקע זיך קאָנען ראַטעווען. אין גיכן קומט אָן דער ווינטער און מיר זענען שוואך אָנגעטאָן. א בס איז געשען, וואָס עס איז געווען א שפּעטערער ווינטער און די פּויערים האָבן אויף אונדז רחמנות געהאַט און געגעבן פאַר די קליינע קינדער א ביסל זאכן אָנצוטאָן.

אַזוי זענען מיר געלעגן אין וואַלד אין כסדרדיקער טויט־שרעק. אָפּטמאָל פלעגן מיר מוזן פאַרלאָזן דאָס אָרט און אנטלויפן טיפער אין וואַלד אריין.



אליהו זאַרעצקי (זון) מיט זיין משפחה

צו אונדזער גרויסער אומגליק, האָבן מיר נאָך געהאַט א גליק, וואָס איך האָב געהאַט באַקאַנטע פויערים, וועלכע האָבן זיך נאָך מיט אונדז אינטערעסירט און געקומען צו אונדז אין וואַלד כמעט יעדן טאָג. דאָס איז געווען אַן אָרעמער פּויער, וואָס האָט אליין נישט געהאַט צופיל אָבער ער פלעגט אוועקגעבן פאַר אונדז דעם לעצטן ביסן ברויט. סטעפאַן האָט מען אים גערופן.

אָנהויב 1943 האָבן די היטלעריסטן גענומען מאכן איבערפאַלן אויף די וועלדער. אָפּטמאָל זענען מיר אַנטלאָפן אויף אנדערע ערטער. צו אונדז זענען אויך

צוגעקומען די פויערים פון די ארומיקע געגנטן, ווייל די היטלעריסטן האָבן זיי פאַרברענט מיט זייערע הייזער לעבעדיקערהייט. דאָס האָבן זיי נקמה גענומען ביי די פויערים, ווייל זיי זענען געווויר געוואָרן, אז די פויערים שטיצן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

דער שביי איז שוין געווען הויך. די רוצחים האָבן דעם וואלד ארומגערינגלט. מיר האָבן מיט די לאפּטשעס, א טייל באַרוועסע גענומען לויפן צוזאמען מיט די פויערים. שיינע שעהן זענען מיר אזוי אַנגעלאָפן ביז מיר זענען אריין אין אן אנדערן וואלד. אַזוי ארום זענען מיר געראטעוועט געוואָרן פון א זיכערן טויט.

אין א צייט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אז די מערדער האָבן פאַר־ברענט דעם פויער סטעפּאנען מיט זיין פאַמיליע לעבעדיקערהייט.

אזוי האָבן מיר זיך אַנגעמאטערט אין די וועלדער ביז 1944, ביז די סאָ־וויעטן זענען צוגעקומען צו אונדזער געגנט. דעמאָלט זענען מיר ארויס פון וואלד.

מיר האָבן געוואָלט צוריק אהיימקומען צו אונדזער שטעטל אָבער אלץ איז געווען פאַרברענט. אין שטעטל מיקאשעוויטש האָבן מיר קיין איין ייד נישט געטראָפן.

אלע אונדזערע נאָענטע האָט מען אויסגעמאָרדעוועט. נישטאָ מער קיינער. עלנט ווי א שטיין בין איך געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער, אָבער דער דראַנג צום לעבן איז גרויס. כ'האָב באַקענט אַ פרוי פון שטעטל טורעוו, פאַלע, אַן איינציק געראטעוועטע פון א גאַנצער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו דערציִען מיינע צוויי יתומים און זיין פאַר זיי אַ מאַמע.

מיר האָבן דאַן באַשלאָסן אוועק פון דער פאַרבלוטיקטער ערד, עטוואָס שפּעטער האָבן מיר זיך עוואקואירט קיין פוילן. פון דאָרטן זענען מיר געפאָרן מיט דער בריחה נאָך דייטשלאַנד. ווי מיר זענען געווען אין די לאַגערן צוויי אַ האלבן יאָר. דאַן זענען מיר געפאָרן קיין אמעריקע ווו איך האָב געהאַט אַ שוועסטער מיט אַ ברודער און דאָ האָבן מיר אַנגעהויבן א ניי לעבן, כאָטש דער ווייטיק אין אונדזערע הערצער וועט קיינמאָל נישט אויפהערן. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

דאָס זענען געווען בקיצור די איבערלעבונגען פון חיים זאַרעצקי.

איך קער זיך אום צוריק צום שטעטל מיקאַשעוויטש.

נישט ווייט פון אונדזער שטעטעלע לעניִן איז געווען א דאָרף רעצינעוויטש. דאָרטן האָט געלעבט יהושע סלוצקי. ביי אים איז געווען א זון וואדזיע, האָט מען אים צוגענומען אין דער ארמיי נאָך פאר דער מלחמה. אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאנגענשאַפט צו די היטלעריסטן. דאָס ערשטע יאָר איז ער, דאכט זיך, געווען אין אוישוויץ. ער האָט זיך דאָרט גוט צונויפגע־לעבט מיט דעם עלטסטן פון זיין באַראַק. ער פלעגט אים יעדן טאָג אויספוצן די שיך און וואשן דעם דיל פון זיין צימער. ער האָט אָפגעהיט דעם אויזון. איינמאָל רופט ער אים צו און זאָגט אים: דו ווייסט יודע, דו וועסט שוין אויך באלד גיין קאַפוט, די אַמעריקאנער זענען שוין נישט ווייט. עס איז געווען אַ באַפעל, אז מען זאָל וואָס גיכער אַלע אויסמאָרדן. עס האָט נישט געדויערט לאנג, א גרויסער טומל, דאָס זענען געווען די אַמעריקאנער. זיי האָבן גלייך געעפנט די טויערן. עס איז נאָך געבליבן א קליינער פראָצענט מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך קוים גע־שלעפט מיט זייערע פיס. תיכף איז געוואָרן פארלייגט דער לאגער מיט אַלערליי עסן און טרינקען. דער וואָס האָט געהאט שכל איז געבליבן לעבן. ער פלעגט עסן א ביסעלע, ווייל וואָס מער מען האָט זיך צוגעכאַפט צום עסן, האָט עס פארשאדט און פיל זענען געשטאָרבן נאָכדעם.

איך זיץ און ארבעט און וואדזיע גייט אריין אין שטוב. איך שריי צו מאשען אין צווייטן צימער, אז זי האָט א גאסט. ער איז געווען אירס אַ פלימעניק. זי איז אַרויס אין א גרויס געוויין. זי גיט אים באלד עסן און טרינקען. ער האָט איבער־געביסן, איז ער ארויס אויפן הויף. מאשע זאָגט מיר, אז ער זעט גוט אויס. זאָג איך: ווי איז צו זיין אויסזען. ער איז דאָך געשוואָלן. נאָך א פאָר טעג איז ער צוגעפאָרן אין זיין דאָרף רעצינעוויטש. ער האָט זיך דאָרט פארזוימט עטלעכע טעג. ער האָט פון דאָרט געבראכט א ביסל קארטאָפל, א פאָר לעבלעך ברויט. מיט דער צייט איז ער געזונט געוואָרן. ער האָט געהאט א גוטע ארבעט און ער האָט געהייראט. איצט איז ער שוין אין ישראל.

אָט אזוי איז געגאנגען ביי אונדז אין מיקאשעוויטש דאָס לעבן, ביי אלע אונ־דזערע לעבעדיקע יידן זייער נאָרמאל, אלע האָבן געארבעט און מען האָט געלעבט נישט שלעכט. מיר האָבן ווידער געצוימט דעם פלאץ פון די הרוגים, ווייל דער

ערשטער צום איז מער נישט געשטאנען ווי דריי יאָר און דער שטייט שוין פופצן יאָר. געוויס דאַרף מען אים ווידער צוימען, אָבער נישטאָ דאָרטן, ווער עס זאָל דאָס אויפטאָן. די עטלעכע ייִנגלעך, וואָס זענען געווען איך די וועלדער און דערנאָך האָט מען זיי גענומען אויפן פראָנט, האָבן זיך צום סוף פון דער מלחמה צוריקגעקערט אין מיקאַשעוויטש. דאָס זענען זייערע נעמען: וואָדזיע סלוצקי, הירשל און שלומקע קראַוויעץ, מיכאל קירשנער, ליפע כיניטש, משה ווילק און שמעון סלוצקי, מאשעס זון. אַט די אַלע זענען געקומען קיין ישראל. נאָך דריי מענטשן, ווי: דוד ציקליק, מרדכי מיגדאַלאָוויטש און הערשל מאיר איסערס — זענען אין רוסלאַנד.

מיינע צוויי קינדער, אברהם און געצל, נחמן מיגדאַלאָוויטש, חיים סלוצקי, זיאָמע קירזשנער ,יענטע גאַראוואַי און חיה ראַבינאָוויטש מיט די קינדער פלעגן מיר אַלע פאָרן צום יאָרצייט קיין לעניִן, אפילו די קינדער פלעגן זיי מיטנעמען. זיי פלעגן קומען פון פינסק, לוליניעץ, זיטקעוויטש און באָברויסק. לעצטנס האָבן מיר געמאַכט אַ קאַרטע נעבן קבֿר. מיר פלעגן דאָרטן דאַווענען מנחה און זאָגן קדיש. מיר פלעגן זיך דאָרטן פאַרזוימען אַ פּאָר שעה און דערנאָך פלעגן מיר צופאָרן צום אַלטן בית־הקברות. אַז איך פלעג דאָרטן קומען פלעגט מיך קאָסטן געזונט, ווען איך האָב געזען די צייכנס פון פערד און בהמות, אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט העלפן. מען האָט געבעטן דריי טויזנט רובל פאַרן צוים. יידן אין מיקאַשעוויטש איז גראָד געווען נישט ווינציק, אָבער אָנגעפּאַרענע, קאָן מען דאָך נישט פאַרלאַנגען פון זיי, אָבער איך בין געקומען צום שכל. איך האָב גע־ וווּסט, אַז אין גרויסן רוסלאַנד געפינען זיך לעניִנער יידן און איך האָב זיך גע־ נומען נאָכפרעגן, ווי ווער לעבט. איך האָב אָנגעהויבן שרייבן בריוו און ווער עס האָט באַקומען מיין בריוו האָט געשיקט אַן ענטפער מיט געלט. מיר אַלע, וואָס האָבן געלעבט אויפן אָרט האָבן מיר געגעבן מער פון אַלע און עס האָט זיך אָנגע־ זאַמלט 2600 רובל. בין איך שוין געווען זייער צופרידן.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן, ווער זאָל דאָס מאַכן. זייער לאַנג האָט דאָס גע־ דויערט. די פּויערים זענען אין די קאָלכאָזן און דערווייל איז אַרויס די דערלויבעניש, אַז פּוילישע יידן קאָנען פאָרן קיין פּוילן. דאָס איז געווען אין יאָר 1957. עס איז געוואָרן אַ טומל מיטן פאָרן. מיט ווּעמען איך רעד וועגן צוים, קיינער וויל גאָר־ נישט הערן. צייט האָט מען געגעבן צוויי יאָר אויף קאָנען אַרויספאָרן. איך בין

אָװעקגעפֿאָרן קיין לעבין זוכן, װער עס זאָל דאָס מאַכן. איך האָב זיך דערעדט מיט אַ פֿויער. די ערשטע זאַך דאַרף מען שטעלן אַ פֿלעשל בראָנפֿן. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַלע גליקן און דער סוף איז געװען — גאָרנישט. ער האָט מיך געצויגן מער װי אַ יאָר און נישט געמאַכט. מיין מאַשע האָט מיר געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ מיטן גיין זיך פֿאַרשרייבן. איך האָב זייער געװאָלט פֿאָרן, נאָר װען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף זיך צעשיידן מיט מיינע צװיי קינדער, פֿלעגט מיר אָפּפֿאַלן דער חשק און איך האָב דאָס אָפּגעלייגט ביזן יאָר 1958. עס איז געבליבן אַ האַלב יאָר ביז צום לעצטן טערמין. מיר זענען אַװעק אין דער פּאָליציי און זיך ענדלעך פֿאַרשריבן.

מיר פֿאַרלאָזן רוסלאַנד

מיין מאַשעס זון און שנור האָבן זיך נישט געװאָלט פֿאַרשרייבן צו פֿאָרן. זיי האָבן דאַן געװוינט אין לוּבּיניעץ, פֿלעגט זי אַלע װאָך פֿאָרן צו זיי, ביז זי האָט זיי איינגערעדט און זיי זענען אויך געגאַנגען זיך פֿאַרשרייבן. עס זענען אַריבער פֿיר חדשים, מען רופֿט אונדז אין דער פּאָליציי. איך האָב שוין פֿאַרשטאַנען װעגן װאָס. מיר זענען אַװעק. יאָ, עס זענען שוין דאָ די פּאַפּירן. מען האָט אונדז געגעבן צװיי חדשים ביז צום אַרויספֿאָרן. פֿריער האָט מען געגעבן מער צייט אָבער איצט האָט מען שוין נישט געקאָנט געבן מער, דער טערמין גייט שוין אויס. אין דער צייט האָט מען אַרומגעצוימט דעם אַלטן גוטן אָרט און טאַקע װי איך האָב געװאָלט. איך בין שוין רואיק פֿון דעם אויך. איצט דאַרף מען זיך קלייבן אין װעג, אָבער װי שיידט מען זיך אָפּ פֿון די קינדער, זייער שװער. דעם אָנזאָג פֿון מיין פֿרוי האָב איך אויסגעפֿירט. זיי זענען איינגעאָרדנט זייער גוט, װאָס זיי קענען שוין לעבן אָן מיר און עס גייט שוין צו די צייט, װאָס איך װעל זיי דאַרפֿן און צום סוף דאַרף מען אַװעקפֿאָרן פֿון זיי. איך האָב נישט געװוּסט װאָס צו טאָן. נישט פֿאָרן איז גוט און יאָ פֿאָרן איז נאָך בעסער. עס האָט מיך שטאַרק געצויגן קומען צו אונדז אין ישׂראל. אָבער װען איך שרייב דאָס אַלץ איצט, זענען מיר טרערן אין די אויגן, װאָס איך בין עלנט, אָן מיינע קינדער.

כ'האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געשריבן צו מיין קלענערן זון, אַז איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל און איך האָב אים געבעטן זיך קומען געזעגע־נען. ער ווינט אין קאַווקאַז אין גראָזנע. מיין מאַשע האָט אָנגעהויבן פירן קונים אַלץ אויסצופאַרקויפן. אין דער צייט קומט צו פאָרן איר זון פון לוליניעץ מיט א נייעס, אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט צו פאָרן. זי האָט נישט געטראַכט קיין סך און געכאַפּט אונדזערע פּאַפּירן און אַוועקגעפאָרן קיין בריסק. זי איז געקומען אין קאַנטאָר און זי האָט אַרויסגעלייגט די פּאַפּירן מיט א געוויין: מיר האָט איר באַ־שטעטיקט און מיין אייניציקן זון נישט? מען האָ איר געזאָגט: פאָר אַהיים, ביז דו וועסט קומען אַהיים וועט דיין זון האָבן זיינע פּאַפּירן. זי איז געפאָרן קיין לוליניעץ און געוואַרט. אויפן אַנדערן טאָג האָט ער באמת באַקומען די פּאַפּירן. איך האָב שוין גערעכנט, אַז עס וועט שוין זיין א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל און ווען וועט מען גיט אים נישט די פּאַפּירן, וואָלט זי נישט געוועזן פאָרן, אבי זי האָט געהאַט איר זון. זי איז געקומען זייער א צופרידענע, אַדאַנק גאָט, שמעון האָט שוין די פּאַפּירן און מיך האָט דאָס נאָך גאָרנישט געפרייט.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט מען מיר געבראַכט א טעלעגראַמע, אַז מיין זון פאָרט אַרויס צו מיר. עס זענען אַריבער עטלעכע טעג. ער איז פאַרפאָרן צו מיר. אָבער ער איז מער געווען ביי זיין ברודער. איך פלעג צו זיי אַריינגיין יעדע שעה. זיי האָבן זיך ביידע גענומען צו מיר, אַז איך זאָל נישט פאָרן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, עס איז געווען אַלץ פאַרקויפט פון שטוב און עס זענען שוין פיר טעג צום פאָרן. דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טראַנספּאָרט צום פאָרן, מען האָט זיך אָנגעהויבן צו פּאַקן. פאַמעלעך, שוין דער לעצטער טאָג, פינף אַזייגער פאַרנאַכט גייט אָפּ די באַן. דער זון געצל פאָרט מיט מיר ביז צו דער גרענעץ. דאָס איז געווען דעם 28־סטן מערץ 1958. דעם באַגאַזש האָט מען נאָך אײנדערפרי אָפּגעפירט צו דער סטאַציע. מיטאָג האָבן מיר געגעסן ביי מיינע קינדער. עס איז שוין פיר אַזייגער. מיר האָבן זיך פאַרנומען און אַוועק צו דער סטאַציע. מיינע קינדער מיט מיינע פיר אייניקלעך און די שנור טאַניע באַגלייטן אונדז.

מיט אונדז איז געפאָרן נאָך א פאַמיליע כלאָונע טאָפּצ'יק, און פיל יידן זענען אונדז געווען באַגלייטן.

מיר הערן, אז די באן גייט שוין. איך האָב זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט אלע גוטע באקאנטע. ביים סוף האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין זון אברהמלען, מיט זיין פרוי טאניען און די קינדערלעך. דאָס געזעגענען ליגט מיר נאָך איצט אין מיין זכרון. מיר זענען אװעקגעפאָרן.

מיר זענען אריין אין וואגאָן. מיין זון געצל איז מיט אונדז מיטגעפאָרן ביז צו דער גרענעץ. נעבן אונדז זיצט מאשע מיט איר זון און שנור. געצל זיצט נעבן מיר און האלט מיך פארן אָרעם. מיר שווייגן.

די הערצער ביי אונדז זענען געווען ווי פארקלעמט פון די אלע אדורכגעמאכטע צרות, אַ ביסל שפעטער זענען אריין אין וואגאָן נאָך עטלעכע יידן און עס איז געוואָרן א ביסל פריילעכער.

אויפצומאָרגנס פרי זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ רוסלאנד—פוילן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט געצלען און ער איז צוריקגעפאָרן קיין רוסלאנד.

מיר פאָרן וױיטער קיין ווארשע און פון דאָרט קיין ליגניץ (נידערשלעזיע). מיר האָבן דאָרט באקומען א גוטע דירה און זיך געלעבט נישט שלעכט. אַזוי איז אַריבער כמעט א יאָר, ביז מיר האָבן באקומען א דערלויבעניש צו פאָרן קיין ישראל, עס איז דעמאָלט געווען יום־טוב צייט, איך און מאַשע פלעגן שטענדיק אפהיטן די שול.

שמחת־תורה אויף דער נאַכט קום איך אַהיים פון שול, שטייט מאַשע פאַרן הויז. איך זאָג איר: „גוט יום־טוב״. זי פרעגט מיך צי איך וויל עפעס עסן — זאָג איך ניין, לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן אין פאַרק (דאָס איז געווען נישט ווייט פון אונדז).. פלוצלונג קומט צוגיין איר זון שמעון מיט זיין פרוי ראיע. פרעגט מאשע, צי זיי ווילן עפעס עסן? זאָגן זיי יאָ, זענען מיר גלייך צוריק אלע ארויף אין שטוב אַריין.

גייענדיק אויף די טרעפ, טוט מאשע א געשריי: עס איז מיר שלעכט, און אין אויגנבליק פאלט זי אויף מיינע הענט. איך גיב א קוק אויף איר געזיכט און גלייך דערזען, אז זי איז טויט.

איך גיב א געשריי: „שמעון ברענג אראָפּ א קישן״!

מיר האָבן איר פאַמעלעך אוועקגעלייגט און גלייך טעלעפאָנירט נאָך די גיכע הילף און אין א פופצן מינוט שפּעטער, האָט דער דאָקטאָר פעסטגעשטעלט איר טויט.

אַט אַזוי האָט מאַשע פאַרענדיקט איר לעבן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט צרות און פּיין.

באַלד זענען געקומען אונדזערע באַקאַנטע, ווי: חיים לאַטוכא מיט זיין פרוי דאָבע, בערטשע קוניק מיט זיין פרוי מערל, כלאַוונע טאַפּצ׳יק מיט זיין פרוי לאה, אויך מיינע צוויי קוזינקעסביילע און פייגל מיט זייערע משפחות, אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אַזוי געזעסן און באַווײנט מאַשעס טויטן קערפּער.

צומאָרגנס איז פאָרגעקומען די לוויה. דער רב ר׳ חיים פערלאָוו האָט גע־

ביים קבר פון מאַשע סלוצקי אין ליגניץ (פוילן)

לינקס: מאַשעס זון שמעון מיט זייער קינד. נעבן זיי געצל.
רעכטס: דער מחבר מיט שמעונס פרוי ראיע

האלטן א לאנגן הספד פאר מאשען. ער האָט אַלץ געוווּסט וועגן אירע צרות בעתן היטלעריזם.

נאָך דער שבעה בין איך געווען ווי צעמישט. איך האָב גלייך געשריבן צו מיינע זין בריוו וועגן דעם, וואָס עס איז געשען. זיי האָבן מיך געראַטן צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד אָבער איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן צו אונדז אין לאַנד אריין קיין

מרדכי קראַוויעץ מיט זיין זון געצל
דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן פאַרן אָפּפאָרן פון פּוילן קיין ישראל

ישראל, איך האָב געשריבן, אַז געצל זאָל קומען קיין ליגניץ און מיט מיר זיך צו געזעגענען נאָך אַמאָל. אין א פּאָר טעג אַרום באַקום איך א טעלעגראַמע פון אים, אַז ער קומט צו פאָרן.

ער איז געווען ביי מיר צוויי וואָכן, און נאָכהער איז געקומען די צייט, וואָס ער מוז צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד. איך האָב אים באַגלייט צו דער באַן און מיט צע־בראָכענע הערצער האָבן מיר זיך געזעגנט.

די באַן רירט פון אָרט. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט ביי א וואַנט, פון די אָפּפאָ־רנדע באַן זע איך, ווי מיין זון שטעקט אַרויס זיין האַנט פון פענצטער און פאָכעט

צו מיר מיט זיין טיכל, איך האָב אים געענטפערט דאָס זעלבע. אזוי בין איך געשטאנען, ביז די באן איז נעלם געוואָרן.

פאמעלעך, ווי אן עלנדער האָב איך זיך קוים אהיימגעשלעפט, צוריק אין שטוב אריין, צוריק צו די פיר ליידיקע ווענט, אייגער אליין... נישטאָ מער מאַשע... נישטאָ פאַר וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן... נישטאָ פון וועמען א טרייסט צו באַקומען...

אין ליגניץ אַ געזעגענונגס־אָוונט מיט מרדכי קראַוויעץ.ביים טיש זיצן: דער הרב ר׳ חיים פערלאָוו (היינט אין אמעריקע) און באקאנטע יידן פון רוסלאנד און פוילן (אלע געליטענע פון היטלעריזם).

אין דער שבעה־וואָך פלעגן קומען צו מיר אַלע אונדזערע באַקאַנטע און פריינט און נאכהער האָט זיך קיינער מער נישט באַוויזן.

די ערשטע נעכט פלעגט זיין פאַר מיר זייער פיינלעך. אלע מיינע איבערלעבונגען זענען אדורך דורך מיין זכרון, די געדאנקען האָבן מיך געטראָגן צו מיין זון געצל, צו מיין עלטערן זון, צו מיין שוועסטער אין ישראל, און צום סוף וועגן מיקאשעוויטש, ווו איך האָב באַגעגנט מאשען, זייער פיל האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן אָט דעם שטעטעלע, וואָס באקאנטע פויערים פלעגן מיר דערציילן.

עטלעכע פון די פיל רציחות איבער די דאָרטיקע יידן וויל איך דאָ איבערגעבן:

אין מיקאַשעוויטש איז געווען א גרויסע פאַרניר־פאַבריק, און אויפצומאַרגנס נאָכן אריינדרינגען פון די היטלעריסטן איז באַלד ארויס א באַפעל: אַז אַלע יידן מוזן תיכף קומען צו דער פאַבריק.

באַלד זענען טאַקע אַלע יידן געווען אויפן פּלאַץ און זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען. עס קומען צו גיין עטלעכע היטלעריסטן, און איינער פון זיי נעמט ארויס פון טאַש א פּאַפּיר און לייענט:

ווער פון אייך דאָ איז, בצלאל שוסטערמאַן און יאַנקל פּערעפּלאַטשיק זאָל ארויס פון דער רייע צו מיר. אין טויט־שרעק האָבן זיי ביידע זיך דערנעענטערט צו דעם מערדער, וועלכער האָט ווייטער פאַרגעזעצט צו די יידן.

אויב איר יידן וועלן נישט אויספירן אונדזער באַפעל, וועט איר ווערן דער־שאָסן, פונקט ווי די צוויי יידן — אַלעמען איז באַפאַלן א פּחד, אויף אַזעלכע די־בורים האָט זיך קיינער נישט פאַרגעשטעלט — דער מערדער האָט געגעבן א באַ־פעל, אַז ביידע זאָלן זיך לייגן אויף דער ערד מיט די פּנימער אַרויף. ווען זיי זע־נען שוין געלעגן, איז צוגעקומען א צווייטער מערדער אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע אַרומיקע יידן, האָט ער קאַלטבלוטיק זיי דערשאָסן גלייך אין די הערצער אריין.

נאָך דער דאָזיקער רציחה גיט ער א געשריי: „אַלע יידן צוריק אהיים!"

ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן מיט וואָס פאַרא געמיט די יידן זענען פון דאָרט אַוועק.

אין דעם שטעטל איז געווען א גרויסער גביר גורסקי, פאַרן אריינקומען פון די דייטשן האָבן פיל יידן גענומען לויפן קיין טיף־רוסלאַנד. פלעגט אָט דער גורסקי שרייען: וווהין לויפט איר משוגעים! איר זענט דאָך אַרבעטער, די דייטשן וועלן אייך דאָך גאָרנישט טון! (עס זענען טאַקע געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלויבט זיינע רייד און זענען פאַרבליבן).

אין א צייט שפּעטער האָט דער זעלבער גביר זיך געמוזט אייבשפּאַנען אין א וואָגן צווישן די צוויי האָלאַביעס (ווי א פערד) און שלעפּן אליין פעסער וואַסער. צו די, וואָס האָבן אים געהאָלפן פלעגט ער זאָגן: כ׳האָב זיך דאָס כשר פאַרדינט פאַר מיין צונג און אין א חודש שפּעטער האָט מען אים מיט אַלע יידן אומגעבראַכט.

צום ערשט האָט מען ארויסגענומען פון געטאָ אלע מענער און זיי געטריבן צו א גרויסן אָפענעם גרוב און דאָרטן זיי דערשאָסן.

איידער די היטלעריסטן זענען אריין אין שטעטל, איז לייבל פּאַרטנוי מיט זיין פאַמיליע אַוועק קיין רוסלאַנד, איבערלאָזנדיק זיין אלטן טאַטן אין די שטיבער. אָבער פון דעם גוטן לעבן אין געטאָ, האָט דער אלטער אויפגעהערט צו גיין אויף די פיס. ביים ליקווידירן דעם געטאָ, האָבן די היטלעריסטן אים געשלעפּט ביי די הענט און פיס, ארויפגעוואָרפן אים אויף א וואָגן, צוגעפירט צו דעם אָפענעם קבר און דאָרט אים ווי עפּעס א שמאַטע אריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין קבר אריין.

ווען די היטלעריסטן האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די מענער, האָט מען זיך גענומען צו די פרויען מיט קינדער. די פויערים האָבן דערציילט, אז: שרעקלעך האָט אויסגעזען דאָס בילד, ווי די פרויען מיט זייערע קינדער האָבן געשריגן און ספּאַז־מאַטיש געוויינט פאַרן טויט.

דעם דאָקטאָר גיטלער און דעם בוכהאלטער ליפּע מיט זייערע פרויען האָט מען געלאָזט לעבן, אָבער נישט אויף לאַנג. אין א צייט שפּעטער האָט מען אויך זיי געשלעפּט צום אָפענעם קבר און געהייסן אויסטועון נאַקעט. דערשעפּט פון די פיזישע און גייסטיקע כוחות, האָט זיך ליפּע רובינשטיין אוועקגעזעצט אויפן זאַמד ביים אָפענעם קבר. באלד איז צו אים צו א מערדער און מיט דער קאָלבע פון דער ביקס גענומען מערדערלעך שלאָגן און שרייען: אויפשטעלן: ליפּעס פרוי האָט אים געהאָלפן זיך אויפצושטעלן, דעם דאָקטאָר גיטלערס פרוי זאָגט צו די רוצ־חים — מאַכט שוין שנעלער א סוף מיט אונדז — עס איז צו איר צוגעגאַנגען א היטלעריסט און איר געגעבן עטלעכע פּעטש אין הינטן אריין און אויך אין די בריסטן און זאָגט דערביי מיט איראָניע:

יאָ, זייער פעטע פליש, די ווערעם וועלן האָבן וואָס צו פרעסן.

(אין ישראל לעבט א יונגערמאַן מולע זייצ׳יק, וועלכער איז אַנטלאָפן פון מיקאשעוויטשער געטאָ אין וואַלד אריין. עס לעבן נאָך א פּאָר געציילטע יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אנטלויפנדיק קיין רוסלאַנד. — ביים דאָקטאָר גיט־לער זענען אויך אומגעקומען צוויי זין, דער דריטער האָט זיך דורך א נס געראַטע־וועט און לעבט היינט אין ישראל ער איז א דאָקטאָר).

אָט מיט אַזעלכע זכרונות פלעג איך איינשלאָפן אויף מיין איינזאַם געלעגער.

פארשטענדלעך, אז איך האָב אליין געדארפט פירן די ווירטשאפט, אליין זיך קאָכן און אָפטמאָל געגאנגען עסן אין סטאָלאָווע (רעסטאָראן), די וועלט איז מיר געווען ענג.

אָט אַזוי, איינזאם האָב איך דורכגעמאכט א פאָר חדשים, ביז איך בין געקומען צו פאָרן קיין ישראל.

דער מחבר אלס זעלנער אין דער צארישער ארמיי (1909—1912) אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פארוואונדעט געווארן אין אַ פוס

דאָ אין לאנד האָט זיך מיין ווייטערדיק לעבן פאַרבעסערט, אָבער איך האָב נישט געקאָנט שלום־מאכן מיטן געדאנק צו פארגעסן פון דעם, וואָס איך האָב אדורכגעמאכט און איך האָב באשלאָסן צו פאראייביקן דאָס אלץ. (אויף וויפל איך בין בכוח).

איך האָב נאָך פיל צו שרייבן מיט נאָך מער איינצלהייטן, ווי ביז איצט אָבער די לעצטע פאָר יאָר, פון די שרעקלעכע חלומות, האָב איך אָנגעהויבן צו ליידן אויף קאָפּ־ווייטיק און דאָס האָט מיך געמאַכט אומפעאיק ווייטער צו שרייבן.

מרדכי קראַוויעץ

אינהאַלט:

		זייט
1.	אַ פּאָר ווערטער פון מחבר	5
2.	דער אָנהייב פון אומגליק	7
3.	דער יודן־ראַט	15
4.	די ערשטע קרבנות	20
5.	ווייטערדיקע רציחות	29
6.	פּסח־צייט	44
7.	אַ געטאָ	47
8.	אַוועק פון דער היים	55
9.	אין אַרבעטס־לאַגער	61
10.	מיין ברודער יאַנקל	74
11.	דעם מחברס קרובים פון פּאַריז	79
12.	מיר אנטלויפן פון האַנצאַוויטש	82
13.	אין וואלד	84
14.	מ'דאַרף גוט היטן	88
15.	מיר לויפן	90
16.	גוטהאַרציקע פּויערים	95
17.	אַ באַגעגעניש מיט פּאַרטיזאַנער	97
18.	מיר גייען צו די פּאַרטיזאַנער	107
19.	מיר אנטלויפן אַנדערשווו	113
20.	אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־באַטאַליאָן	129
21.	דער ווינטער קומט אָן	148
22.	מיין נייער מקום	155
23.	אַ שמחה — דער צווייטער פראָנט	161
24.	מיר באַפרייען זיך פון וואלד	170
25.	די באַגעגעניש מיט באַקאַנטע יידן	183
26.	מאַשע	197
27.	חיים זאַרעצקי דערציילט	212
28.	מיר פאַרלאָזן רוסלאַנד	222

דרוק-פעלערן — תיקון טעות

זייט	שורה	שטייט :	עס דארף זיין :
53	2	שטישע	סטישע
53	5	מאַקאַשעוויטש	מיקאשעוויטש
83	14	א ברונעם	א קאַנאווע
84	10	טאפציקעס : ליפע יעקל	טאפצ׳יקעס : ליפע יאַנקל
84	11	פון יעקל ציטליקען :	פון יאַנקל ציקליקען :
85	9	גוטע צוגעקוקט :	גוט צוגעקוקט :
103	11	לעלינער יידן	לענינער יידן
136	19	זענען זעגען געקומען	זענען צוריק געקומען
161	10	מאמן	מאַמע
210	24	בקיצו :	בקיצור :
223	8	מען האַ איר געזאַגט :	מען האט איר געזאגט :
		אויף די זייטן 20, 21, 39, 41, 43, 47, 49, 50, 52, 61, 63, 74, 75, 76, 83 איז געדרוקט יעקל אדער יענקל	יאַנקל